STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05673

FETER ANGEL

Panait Istrati

Permanent preservation of this book was made possible
by Folk Dance Friends
in honor of
the 60th anniversary of Sam & Dora Wurtzel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאטעק מארק ראקאווסקי

פאַנאַיט איסטראַטי

די דערציילונגען פון אנדריאן זאגראפי

פעטער אַנגעל

פון פראַנצויזיש: ק. בראקער

אונטער דער רעדאַקציע
פון מארק ראקאָווסקי

ווארשע 1929

Panait Istrati
WÓJ ANGHEL
Druk. Braci Wójcikiewicz,
Warszawa, Pawia 10.

1

פעטער אנגעל

ווען די נאַכט פון אָנהייב אַפּריל איז צוגעפאַלן האָט דאָס דערפל באַלדאָווינעשטי, וואָס געפינט זיך אַן ערך פינף קילאָמעטער פון בראַילאַ, געפייערט דעם ערשטן טאָג פון קריסטוסעס תחית־המתים. אין אַלע הויפן האָבן די פויערים אָנגעצונדן שטויסן פון טרוקענעם טשערעט, אומעטום האָבן אָפּגעהילכט פריילעכע ביקסן־שאָסן — אַ דאָרפישער, תמוּתדיקער אויסדרוק פון כבוד פאַרן אָנדענקען פון יענעם, וועלכער איז געווען דער בעסטער פון די מענטשן.

אינם הייזל פונם פעטער דימי, — דער ייִנגסטער אין דער משפחה, — האָבן זיך צונויפגעקליבן די מוטער זאָיטצאַ, — אַן עלטערע פון די פיר ברידער, — און איר איינציקער זון אַדריאַן, — אַ ייִנגל פון אַכצן יאָר, ביידע געקומען פון דער שטאָט, כדי צו פאַרברענגען אינאיינעם די דריי טעג פון פּסח. זי איז פאַרבליבן אַן אלמנה אין אַ פּאָר חדשים נאָכדעם, ווי זי האָט געבוירן איר קינד, און האָט מער נישט חתונה געהאַט, לעבנדיק פון אייגענער פּראַצע.

ביי דימין איז קיין סך פּלאַץ נישט געווען. דער אָרעמער פויער, כאָטש נאָך גאָר אַ יונגער, איז שוין געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער משפחה; אָבער די גוטע שוועסטער האָט זיך באַנוגנט מיט אַ קליין ווינקעלע אינם חדר, בעת אַדריאַן, תּמיד צעפרידן פון די ענדערונגען, איז אָן שום טענות-מענות געגאַנגען שלאָפן מיטן פעטער אין די היי אויפן בוידעם. ער פלעגט מיט פאַרגעניגן אויסהערן זיינע מעשיות און אים דערציילן די נייעסן פון דער שטאָט.

אָפּטמאָל פּלעגט זיך אַדריאַן פאַרוואונדערן איבערן אַרט לעבן פון זיין פעטער:

„— דו שלאָפסט אויפן בוידעם, און דיין ווייב בלייבט מיט די קינדער. דאָס איז נישט קיין לעבן!...

— מ'מוז אָבער מיין טייערער. אַנדערש, וויאַזוי זאָל איך עס דיר דערקלערן? די קינדער קומען צו שנעל...

— נאַדיר אַ דערקלערונג! און אַז דו גייסט אַראָפּ פונם בוידעם?

— דאַמאָלס גיי איך אויף אויף דער לאַנקע שניידן טשערעט...

— און אַז דו קומסט פון דער לאַנקע?

— דאַמאָלס גיי איך אַרויף אויפן בוידעם...

— פון וואַנען זשע קומען דיינע קינדער?

— דאָס שיקט זיי גאָט..."

ווי נאָר ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער טראַדיציאָנעלער מאָלצייט, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ „באַרש", פון אַ געבראָטן לעמעלע, פון אַ „קאַזאַנאַק", און פון „רויטע אייער", איז דימי אַרויס אויפן הויף אָנצוצינדן אַ פייער אינם טשע־רעט און אויסצושיסן מיט דער ביקס אין דער לופט. די גאַנצע כאָפּטע קליינוואַרג, און אפילו די גרויסע, זענען אים נאָכגעגאַנגען.

ס'איז געווען אַן אויסגעשטערנטע נאַכט. דימי האָט זיך צוגעהערט צום געוויש פונם צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין גאַלאַץ, און אַ זאָג געטאָן:

„דער עקספּרעס פון ניין אַ זייגער".

און ער האָט אונטערגעצונדן דעם טשערעט. באַלד האָבן זיך רויכיקע פלאַמען אויפגעהייבן גלייך צום הימל ביי טויבע געשרייען פון די קינדער, וועלכע האָבן אַרומגעטאַנצט ווי קליינע רויטע שדימלעך. דערנאָך האָט ער אַרויסגעלאָזט אין דער לופט די צוויי קוילן פון זיין יעגערישער ביקס, זאָגנ־דיק ביי יעדן שאָס מיט אַן איבערצייגונג פון אַן אמת־גלויבעדיקן קריסט.

— קריסטוס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים

אין דער רגע האָט אַדריאַנס מאַמע אָנגענומען איר זון פאַר דער האַנט, אים אַוועקגעשלעפּט אין אַ זייט און אים שטרענג באַפוילן מיט אַ פאַרדאַגעטן טאָן:

„לויף שנעל צו אונדזער קוזין סטעפאַן, דעם גייסטלעכן, און בעט אים אין מיין נאָמען, ער זאָל תיכף קומען צו אונדז, דערנאָך לאָז דיך צו דיין פעטער אַנגעל און ברענג אים אַהער צו שלעפן".

אַדריאַן האָט אַ ציטער געטאָן, פּונקט ווי זיין מאַמע וואָלט אים געהייסן אָננעמען אַ שלאַנג מיט דער האַנט:

— אָבער, מאַמעלע, דו ווייסט דאָך, אַז דער פעטער אַנגעל איז אין כעס און וויל מער קיינעם נישט זען?

— טאַקי דערפאַר דאַרף ער קומען; זאָג אים, אַז איך, זיין עלטערע שוועסטער, רוף אים. לויף שנעל!"

אַדריאַן האָט אַ רוף געטאָן דעם הונט אַ ל ט אַ ן, גע־כאַפּט אַ שטעקן און פאַרשוואונדן אין דער נאַכט; קיינער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי ער איז אַוועק.

* * *

אין דערדאָזיקער פאַראָרעמטער משפחה איז דער פעטער אַנגעל געווען דער צווייט־געבוירענער.

אַ טראַגישער גורל האָט אים געטראָפן; פון אַן ענטוזיאַסטישן, גלויביקן מענטשן איז ער געוואָרן אַ מרה־שחורה־ניק און אַן אומגלויביקער. די פיר ברידער און שוועסטער, קינדער פון פויערן, וואָס זענען געווען פאַרשקלאַפּט צו דער ערד פונם באָיאַר, האָבן פאַרמאָגט אין אייגנטום בלויז די באַלקנס פונם פאָטערס כאַטקע, — אַ פּאָר פרוכט־ביימער און אַ וויינגאָרטן. די ערד האָט צו זיי נישט געהערט. זיי האָבן זיך אַלע צעשפּרייט איבער פאַרשידענע מקומות, אויסער דעם יינגסטן, וועלכער איז פאַרבליבן ביי דער מאַמען, די אלמנה. ביידע שוועסטער זענען די ערשטע אַוועקגעפאָרן און אָנגעקו־מען אַלס קעכס־ווייבער ביי צוויי פאַרמעגלעכע גריכן, וועלכע

האָבן חוזק געמאַכט פון לעגאַלע חתונות. דאָס ייִנגל אַנגעל איז אָפּגעפאָרן אין דער שכנותדיקער שטאָט בראַילאַ און האָט זיך פאַרדונגען, אין עלטער פון נײַן יאָר, ביי אַ סוחר פון וויין. פון קינדווייז אָן האָט זיך אים שטאַרק נישט געוואָלט אַרבעטן אויף יענעמס ערד.

נען יאָר איז ער פאַרבליבן ביים זעלבן באַלעבאָס, אַן אָרנטלעכן מענטשן, וועלכער האָט אים מיט אַ ברייטער האַנט באַפרידיקט פאַר זיין דינסט. אַז ער איז צוריקגעקומען אין זיין שטעטל, האָט ער זיך איבער די אויערן פאַרליבט אינם שענסטן און אָרעמסטן מיידל פון דער געגנט און האָט מיט איר תיכף חתונה געהאַט. ער איז באַפרייט געוואָרן פון מיליטער-דינסט. צוליב זיין קורצזיכטיקייט, האָט ער זיך געקויפט אַ שטיקל ערד און אַוועקגעשטעלט אַ קרעטשמע אויפן גרויסן גאַלאַצער טראַקט, ביים אַרויספאָר פונם דאָרף.

ס'האָט אים געגליקט אין מסחר. די גינסטיקע רעזולטאַטן פון דער מלחמה מיט די טערקן אינם יאָר 1877 האָבן אים אַ סך מיטגעהאָלפן. אין משך פון צען יאָר איז אים געלונגען אָנצוקלייבן אַ פאַרמעגן, פאַר וועלכן ער האָט געקויפט אַ צווייטע נחלה אויף אַ שטח פון פינפהונדערט מעטער פון זיין קרעטשמע; ער האָט דאָרט פאַרזעצט די בעסטע פרוכטביימער, א ווייַנגאָרטן, וואָס איז אינגיכן באַרימט געוואָרן, און אויסגעבויט זיך דאָס שענסטע הויז אין דאָרף מיט אַ פערדשטאַל, ראַסאָווע בהמות, שטאַלן פאַר הינער, שאָף, חזרים א. אַז. וו.

אָבער אין זיין משפחה-לעבן האָט ער זיך נישט געפילט אַזוי גליקלעך; ער איז אפילו געווען אומגליקלעך. צום סוף פון צווייטן צענדליק יאָר האָט אים דער גורל באַשאָנקען מיט אַן אומגליק. זיין ווייב איז געווען אַ נאַר, אַ מרוק, אומפעיק אָנצופירן מיט אַזאַ ווירטשאַפט און שמוציק ביז עקל. שעהנווייז פלעגט זי אָפּשלאָפן אין שאָטן. דאָס אָפענע מויל פול מיט פליגן און לעבן איר פלעגט זיך דאָס קינד וואַלגערן אין טינוף. די בהמות פלעגן ווילד ווערן פאַר דורשט. אויפן הויף, אָדער אין שטוב איז אַריינגעקומען נאָר דער, וואָס האָט

געהאָלט עפּעס צוגנבענען. אַדריאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איינמאָל אין אַ זומערדיקן טאָג געזען, ווי זיין פעטער צעבּרעכט אַלע שויבן פון שטוב, ווייל דאָס פליגן-טינוף, מיט וועלכן זיי זענען געווען באַדעקט, האָט נישט דורכגעלאָזט די ליכטיקע שיין. דאָס ווייב האָט זיך אַפילו נישט אויפגעכאַפּט בעת ער האָט געבראָכן. איר מאַן, פאַרבייגייענדיק לעבן איר און זעענדיק ווי זי כראַפּעט פון שלאָף, האָט ער איר אַ גרויסן שפּיי געטאָן גלייך אין פּנים אַריין און איז ווייטער אַוועק. זי האָט זיך אַפילו קיין ריר נישט געטאָן. צוערשט האָט ער געמיינט, אַז מיט בייזקייט וועט ער בעסער מאַכן, פלעגט ער זי גאַנץ אָפּט שלאָגן. ער האָט זי אָבער דערמיט נאָך מער נאַריש געמאַכט. דאַמאָלס האָט ער פאַרקויפט רינד און שאָף און פאַרלאָזט דאָס הויז. בלויז איינמאָל אין חודש פלעגט ער זיך דאָרט באַווייזן.

כּדי די קינדער, וואָס זי האָט געבראַכט אויף דער וועלט זאָלן נישט אַראָפּנעמען קיין ביישפּיל פון אַזאַ מוטער, האָט ער זיי ביי איר צוגענומען, ווי נאָר זיי זענען אַלט געוואָרן פינף יאָר און זיי אָפּגעגעבן אויף פּענסיאָן צו זייגעם אַ קרוב אין גאַלאַץ; אַמאָל פינף-זעקס דורכן יאָר פלעגט ער צופאָרן אַהין-כּדי אַ קוק צו טאָן, וויאַזוי זיי ווערן דערצויגן. נאָכדעם האָט ער איבערגעריסן דעם לעצטן פאָדעם, וואָס האָט אים נאָך צוגעבונדן צו איר: דעם קערפּערלעכן פאָדעם. דאָס הויז, וואָס האָט געזאָלט זיין דאָס בליענדיקסטע פון דער געגענד, איז פון דאַמאָלס אָן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינער פון די גרעסטע מענטשלעכע שטאַלן.

אָפּגעמאַטערט פון זיין ליבע, האָט ער צוערשט זיך איינגעשאַפט געליבטע, אָבער אָן שום חשק; פּשוט, כּדי זיך נוקם צו זיין, אויפצורייצן זיין ווייב און זי „אויפוועקן״. זי האָט אויסגעהערט די פּליאָטקעס, אַ סך געזען מיט אירע אייגענע אויגן, אָבער דערפון קיין וועזן נישט מאַכן. דער שלאָף איז ביי איר געווען טייערער פון אַלץ. זי האָט אַפילו נישט

ג

געפונען פאַר נייטיק זיך אַרומצוואַשן און פלעגט איינשלאָפן אינמיטן עסן.

אָבער די מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט מיט קנאה־שנאה צו דער שפע פונם פלייסיקן אַרבעטער, האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט זיינע שטוב־ליידן; די צרות פונם מאַן איז פאַר זיי געווען צו ווייניק. איינמאָל אין אַ נאַכט האָבן אוממענטש־לעכע הענט אונטערגעצונדן דאָס שיינע הויז, נישט מורא האָבנדיק מ'זאָל זיי כאַפּן ביי דער האַנט. דורכן פענסטערל פון זיין הינטערשטער קראָם האָט זיך אַדריאַן צוגעקוקט, ווי די פלאַמען כאַפּן אַרום זיין וווינונג מיטן בלעכענעם דאַך. ער איז געבליבן טויב צו די געשרייען פון די מענטשן, וועלכע האָבן אים גערופן צו ראַטעווען זיין גוטס. ער האָט צו זיך אַזוי געזאָגט:

„הלוואי זאָל טרעפן אַ נס און זי זאָל אויך פאַרברענט ווערן!

זי האָט אָבער נישט געברענט. זי איז ווייטער געשלאָפן אינם חדר, וואָס איז דורך די שכנים אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דער שריפה. אָבער דער אויבערשטער, וועלכער האָט זי אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד, כדי צו ווייזן פאַר מענטשן די שלעכטע זייט פון פרויען־שיינקייט, האָט זי מכבד געווען מיט אַ שטאַרקער לונגען־אָנצינדונג און זי אַוועקגענומען צו זיך, כדי צו שרעקן מיט איר די רשעים אינם גיהנום.

דער פעטער אַנגעל האָט נישט אויפגענומען גלייכ־גילטיק איר פלוצלונגן טויט, ווי מען האָט זיך געריכט.

זיין פלימעניק אַדריאַן, וועלכער פלעגט אָפט קומען צו אים אין עלטער פון פופצן יאָר, כדי אים פאַרצולעזן ליידנ־שאַפטלעכע געשיכטן און אים דערציילן וועגן „דער ענטשטיי־אונג פון די וועלטן" אָדער „וועגן דער יצירה פון דער ערד", און וועמען דער גוטער פעטער האָט אַרויסוויזן אַן אומבאַגרע־נעצטע ליבע, איז אָפט געווען אַן עדות פון זיין פילבאַרקייט.

וויפל מאָל, בלאָנקענדיק אינאיינעם אויפן אָרט פון דער שריפה אין שיינע קלאָרע לבנה־אָוונטן, האָט ער באמערקט, ווי דער פעטער ציט אַרויס זיין נאָזטיכל און ווישט זיך אָפּ די טרערן! די אומגעפאַלענע העלצער האָבן געפוילט אינם רעגן־וואַסער, וואָס האָט פאַרמירט גאַנצע קאַלוזשעס אין די פריערדיקע צימערן. שטיקער מעבל האָבן זיך געוואַלגערט צווישן די חורבות פון די אָפּגעברענטע באַלקנס. בלויז שטיק־לעך אָפּגעסמאַלעטע ווענט זענען פאַרבליבן פונם הויז. דער גרויסער שטאַל, וואָס איז על פּי נס אָפּגעראַטעוועט גע־וואָרן, האָט דערמאָנט וועגן די שטוב־חיות, וועלכע זענען ביי אַלעמען אויס קנא געווען אויף די צינגער. ווילדע גראָזן, דערנער און גיפט־טראַנק זענען פריי געוואַקסן אויפן אַמאָ־ליקן שיינעם הויף און דערגרייכט דעם וווקס פון אַ מענטשן.

„דו זעסט, אַדריאַן“, פלעגט זאָגן דער אומגליקלעכער מיט אַ געשטיקן קול פון ווייטיק, „דו זעסט, אַט דעם בית־עולם? אויף דער העלפט איז ער די מלאכה פון מענטשן און אויף דער העלפט די מלאכה פונם גורל. ווען כ׳וואָלט דאָס אַלץ געירשנט פון מיין טאַטן, וואָלט איך נאָך געקענט תופס זיין, פאַרוואָס מ׳האָט מיר אַזוי מקנא געווען און פאַרוואָס מ׳האָט עס מיר געוואָלט אומברענגען, כאָטש קיינער גייט נישט אונ־טערצינדן אַ פּריצישן הויף. אָבער דאָסדאָזיקע הויז איז דאָך געשאַפן געוואָרן אינם שווייס פון מיין פּנים, נאָך צוואַנציק יאָר האָרעוואַניע. ס׳איז נישט געווען קיין לוקסוס־זאַך, נאָר דאָס נויטיקסטע וואָס יעדער דאַרף האָבן פאַר זיך און פאַר זיין פרוי, כדי צו לעבן ווי אַ מענטש, און נישט ווי אַ פּשוטע בהמה. און קיינער קען מיר נישט פאָרוואַרפן, אַז כ׳בין גע־ווען אַמאָל אַ קבצן. אַ הונגעריקער האָט שטענדיק געפונען ביי מיר מיט וואָס צו שטילן זיין האַרץ און בעת די גרויסע חגאות האָבן זיך אָנגעהייבן, האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן דער אלמנה, וואָס איז פאַרבליבן מיט קינדערלעך אָן פּרנסה? כ׳האָב איר שטענדיק אָוועקגעטראָגן פּסחדיקע אייער, אַ טאָרט, אַ פערטל לעמעלע, אויך אַ ביסל שמאַלץ און אַ פיטל פון

א חזיר צו וויינאכטן. נישט קיין נדבות האב איך געטיילט נאר א הייליקן חוב האב איך דערפילט. גאט האט מיר גע- געבן האב איך יענעם אויך געגעבן פון מיין איבערפלוס, נישט זוכנדיק דערביי קיין כבוד פאר זיך. כ׳האב נישט גע- טארט זיין גאווהדיק, ווייל כ׳האב געזען ווי אנדערע שטייגן מיר איבער מיט זייער ברייטער האנט: דאס זענען געווען די, וואס טיילן זיך מיט זייער ביסן מיטן ערשטן בעסטן הונ- געריקן אויף דער גאס...

„מ׳קען מיך אויך נישט באשולדיקן, אז כ׳האב מיינע קונדן באגזלט, כדי רייך צו ווערן. אין הינזיכט פון ארנטלעכ- קייט האט מיין באלעבאס מיר שטענדיק געדינט אלס ביישפיל. אויב מיינע רווחים זענען געווען גרויס איז עס נאר דערפאר, ווייל כ׳בין געגאנגען זוכן מיין וויין און מיין בראנפן פון דער ערשטער קוועלע און אפילו דעמאלט, ווען זיי האבן געפלאסן ווי אמתע טייכן. און דאך איז דער פורמאן, וואס פלעגט צו מיר אריינקומען ווינטערצייט מיט פארפרוירענע שטיקלעך אייז אויף די וואנסעס, געווען פאר מיר ווי א ברודער. איך פלעג אים דריקן זיינע געפרוירענע הענט און אפטרעטן אים אן ארט ביי מיין אויוון. פאר זיינע פערד האב איך אויפגעבויט א שטאל, וואס האט צו זיך קיין צווייטן נישט געהאט אין דער גאנצער סביבה, און פאר דער זשמעניע היי, וואס כ׳האב זיי געגעבן האב איך קיינמאל נישט געוואלט נעמען קיין געלט. די בעסטע וויינען און בראנפענס פלעג איך דערלאנגען צום טיש און כ׳קען דיר שווערן מיטן ליכט פון מיינע אויגן, אז כ׳האב קיינמאל נישט צוגעמישט קיין איין טראפן וואסער, ווי מ׳טוט ביי לייטן. און בעת כ׳האב באמערקט, אז עמיצער האט שוין גענוג אויסגעטרונקען און אין ברען פון זיין ליידנ- שאפט, איז ער גרייט איבערצוכאפן די מאס, פארטרינקען זיין שכל און פארנאכלעסיקן זיינע געשעפטן, האב איך אים אנגעזאגט א גלעזל אויף מיין חשבון און אים געראטן פאר- צוזעצן זיין וועג. א סך מאל האב איך אים אליין געמוזט אנווייזן דעם וועג. אויף אזא אופן בין איך אין געוויסע

הינזיכטן געווען זיין משרת, ווייל פון באַגינען ביז טיף אין דער נאַכט פלעג איך שטיין אויף די פיס און וואַרטן אויף אים. און אויב עמיצער פלעגט קלאַפּן אין טיר נאָכן צומאַכן די שענק, פלעג איך בשעת־מעשה פאַרגעסן אַז ס׳זענען דאָ שווינדלער אויף דער וועלט, פלעג זיך אויפהייבן און גיין עפענען די טיר.

„אָבער דער ביישפּיל פון גוטס דינט צו גאָרנישט, ווייל אויף דער ערד זענען דאָ בלויזע שווינדלער און דאָס שלעכטס דאַרף נאָר האָבן די האַנט פון איין רשע, כדי אַ תל מאַכן פון הונדערט צדיקים. דידאַזיקע האַנט האָט אויף מיר געלאָקערט אינם שאָטן, גרייט מיר אַ קלאַפּ צו טאָן. זי האָט נישט געקענט פאַרגעבן מיין ווילשטאַנד, פאַרטראָגן וואָס מיין האַנט איז נישט קיין צרעת׳דיקע, נישט ענלעך צו איר, וועלכע זאָל זיין פעיק צו שנאָרן אָדער צו שלאָגן. און זי האָט מיך ד׳ערלאַנגט. דאָס איז געווען זייער לייכט: מיין ווייב איז געשלאָפן.

„אָ, אַדריאַן! דאָ האָט זיך די האַנט פונם שלעכטן מענטשן צוזאַמענגעטראָפן מיט דער שלעכטער האַנט פונם גורל, שלעכט אויף אַן אַנדער אופן, און זיי האָבן זיך ביידע באַהעפט, כדי דורכצופירן די מלאכה פון צעשטערונג!... איז עס דען געווען אַ חטא פון מיין זייט ליב צו האָבן דאָס שענסטע מיידל פונם שטעטל! האָט מען דען ליב די מיאוס־טע? כ׳ווייס נישט דערפון. ערשט איצט איז מיר קלאָר, אַז כ׳בין געווען בלינד אין מיין ליבע, אַז ס׳איז מיר נישט איינגעפאַלן אַ קוק צו טאָן, צי דאָס בעטגעוואַנד פון איר געלעגער איז אומעטום ציכטיק, צי הינטער אירע אויערן איז נישטאָ קיין בלאָטע, און צו אירע פיס זענען אויסגעוואַשן. אַדריאַן, אויב אין דיין האַרץ וועט זיך אַמאָל אָנצינדן דאָס־זעלבע געטלעכע פייער, וואָס האָט אַמאָל אין מיין האַרץ געפלאַקערט, זאָלסטו דיך דערמאָנען אין מיינע ווערטער און איידער דו וועסט דיך איבערגעבן מיט לייב און לעבן דער מענטשלעכער פוילעניש, זאָלסטו טאָן דאָס, וואָס איך האָב נישט געטאָן: באַטראַכט דאָס בעטגעוואַנד פונם געלעגער, פון דיין

יפיפה, כאַפּ אַ קוק הינטער אירע אויערן און באַטראַכט די פּיס, וואָס זענען באַהאַלטן אין לאַקירטע שיכלעך. און אויב דו וועסט פאַרגעסן מיינע ווערטער, זאָלסטו דיך דערמאָנען אינם בית-עולם, וואָס דו זעסט דאָ, דרינג אַריין מיט דיינע אויגן אין דידאָזיקע חורבות, קוק זיך צו צו די ווילדע גראָזן, וואָס שפּראָצן אַרום ווי אַ תוכחה, וואָס אַ בייזער צונג האָט געוואָרפן אויף דער פאַריאושטער מענטשה־יט; לייג גוט אַכט אויף דעם שטאָל, וואָס באַקלאָגט זיינע בהמות; אויף די הוילע ווענט, וואָס שרייען צום הימל פון פאַרצווייפלונג; אויף די גרויסע שטיקער פאַרזשאַווערטע און אויסגעבויגענע בלעכן, וואָס האָבן אַמאָל געבליאַסקעט, פונקט ווי אַ שפּיגל אויף דער זון; אויף דעם דאַך, וואָס האָט זיך שטאָלץ דערהייבן איבער בערגער כאַטקעס, פּראָקלאַמירנדיק דאָס רעכט פון יעדן מענטשן צו לעבן אין זויבערקייט און וווּלשטאַנד, און נישט ווי אַ מױלוואָרף, וואָס שרעקט זיך פאַר ליכט. קריץ איין אין דיין זכרון דאָס בילד, וואָס דו זעסט דאָ. און אויב דיין בלוט וועט דיך אַנידערשליידערן אויף די קני פאַרן שענסטן מיידל פונם לאַנד, גיב אַווידערשטאַנד. רוף צו הילף אָט די חור־בות און זאָג צו זיך:

„דער פּעטער אַנגעל האָט זיך צעבראָכן דאָס לעבן, ווייל ער האָט בלינד געליבט דאָס שענסטע מיידל פונם שטעטל, ווייל ער האָט נישט באַקוקט דאָס בעטגעוואַנד פון איר גע־לעגער, אירע אויערן און די פינגער פון אירע פיס!

„און זאָלסט אָפּשטויסן פון זיך דעם אומברחמנותדיקן גורל!..“

נאָך זיין ווייבס טויט האָט דער פּעטער אַנגעל אין משך פון עטלעכע יאָר איבערגעלאָזט אַ וווינונג אויף גאָטס באַראָט אָן אַ שומר. ער האָט געהאַט בדעה איר צוריקצוגעבן איר אַמאָליקן גלאַנץ אינם טאָג, ווען זיינע קינדער וועלן זיין אומשטאַנד אַליין מיט איר אָנצופירן. ער האָט צונויפגעקליבן צווישן די חורבות אַלץ, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ ווערט, עס

צוגעפגעלייגט אַרום זיין קרעטשמע און אַליין אָנגעהייבן צו פירן א לעבן פון אַן פרוש,—אַ פרוש, וועלכער האָט זיך צוגעוווינט איינצוזשוקען די צונג אינם בראָנפן, וואָס ער האָט פאַרקויפט.

אַ שיינער, הויכער, קרעפטיקער, פעסט-געבויטער מענטש מיט אַ שטאָלצן גאַנג, מיט אַ בכבודיקער באָרד, מיט שיינע געקרייזלטע גרוילעכע האָר, — האָט ער אויסגענומען ביי אַלעמען אין די אויגן. זיין קורצזיכטיקייט, וואָס האָט אים געצוווּנגען אַרויסצודריקן זיין ברוסט קעגן דער ברוסט פון זייער גאַסט, כדי אים צו דערקענען, האָט נאָך פאַרשטאַרקט דעמדאָזיקן איינדרוק. ער איז געווען זייער אַ גוטער, ער האָט אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן, מ׳זאָל אים ווידערשפּרעכן, ווי די אַלע, וואָס זענען „געקומען צו עפּעס״ אַדאַנק דער פּראַצע פון זייערע אייגענע הענט. און איצט האָט ער פאַרצענפאַכט דידאָזיקע כחות, כדי צו דערגרייכן צו זיין ציל, דאָס הייסט: „פאַרוואַנדלען די חורבות אין אַ פּאַלאַץ״ אינם טאָג, ווען זיינע קינדער וועלן זיין מסוגל דערצו. אַזויאַרום, נישט געקוקט אויף זיין אומגליק, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ רייכן מענטשן...

אָבער זיין אמתע עשירות, זיין גליק, זיין האָפענונג — זענען געווען זיינע דריי קינדער, אַ ייִנגל פון זיבעצן יאָר און צוויי מיידלעך פון אַכט און פון צען יאָר. דאָס ייִנגל האָט געדאַרפט ענדיקן די מיטל שולע אינם קומענדיקן יאָר.

„איך וועל מיך באַמיען״, האָט ער געזאָגט צו אַדריאַנס מאַמע, „אַז באַלד נאָכן אַרויסגייען פון דער שולע, זאָל ער אין משך פון איין יאָר פאַרבלייבן אויף מיליטער-דינסט. אויב ער האָט אַ באַרוף צו מיליטער, וואָלט איך שטאַרק געוואָלט מאַכן פון אים אַן׳אָפיציר, אַ שטאַרקע אינטעליגענטע האַנט צו פערטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד; אויב נישט וועט ער זיך אַליין אויסקלויבן אַ קאַריערע, וועלכע אים וועט בעסער געפעלן ווערן״.

פון זיינע טעכטער האָט ער נאָר געוואָלט מאַכן „גוטע באַלעבאָסטעס", געבן זיי נדן און זיי חתונה מאַכן אין שטאָט.

נאָר דער מענטש טראַכט...

איינמאָל אין אַ שרעקלעכן ווינטער-טאָג, בעת ער איז געזעסן און געטראַכט וועגן זיינע פּראָיעקטן, און אַ בייזער צפון-ווינט האָט אויסגעקערט דעם ברייטן וויסטן טאָל, זענען אַריינגעקומען פיר מענטשן אין זיין קרעטשמע, פיר אומבאַ-קאַנטע. לויט זיין רגילות האָט ער אַרויסגערוקט די ברוסט, כּדי זיי צו דערקענען, און זיין האַרץ האָט זיך אים איינגע-קאָרטשעט, ווי די הערנער פון אַ שליאָנקע, ווען זיי רירן זיך אָן אין אַ סכּנה: די פּאַרשוינען זענען אים נישט געפעלן, געוואָרן. „אויב דידאָזיקע לייט זענען אָרענטלעכע מענטשן, הער איך אויף צו גלויבן מיין האַרץ", האָט ער זיך געטראַכט, דריקנדיק אין קעשענע דעם רעוואָלווער, מיט וועלכן ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט צעשיידן.

— „גוט מאָרגן, אַנגעל!" האָבן זיי זיך אָנגערופן, „ס'איז וואַרעם ביי דיר!"

— ברוכים-הבאים! אַ שלעכט וועטער, האַ?"

און אין האַרצן האָט ער צוגעגעבן: איך בין אַריינגע-פאַלן. דאָס זענען קולות פון גאָרגל-שניידער".

— מיר ווילן עסן, אַנגעל, און מיר ווילן טרינקען. מ'זאָגט אַז דיין וויין צעשמעלצט אייז.

— גאַנץ מעגלעך, מיינע פריינט. כ'ווייס אָבער, אַז ס'איז דאָ אַ מין אייז, וואָס ער קען קיינמאָל נישט צעשמעלצן.

— כאַ, כאַ, כאַ! דו ביסט נישט קיין נאַר, אַנגעל. און וואָס איז דאָס פאַראַ אייז?

— איר דאַרפט געוויס וויסן דערפון: מ'רופט עס אָן „הינטיש האַרץ", אָבער ס'איז אַ שלעכטער אויסדרוק, ווייל מען באַליידיקט דידאָזיקע אָרעמע חיות, וואָס זענען אמתע פריינט". — האָט ער אָפּגעענטפערט, אָנווייזנדיק אויף צוויי גרויסע טשערעדע-הינט, וועלכע האָבן אים אויף קיין טריט נישט אָפּגעלאָזט.

— באַ, דו האָסט פּינצטערע געדאַנקען. די וועלט איז נישט אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט.

— גאַנץ מעגלעך; אָדער ווען מ'איז אַ קרעטשמער אויפן ברייטן טראַקט, ווי איך, זעט מען זיך אָן מיט פלערליי פאַרשוינען און מ'דרימלט ביינאַכט מיט אַן אָפן אויג".

מיט דעם רמז האָט ער געגעבן אָנצוהערן דער חברה מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן. ער האָט זיי דערלאַנגט, וואָס זיי האָבן געוואָלט: סאַלע, ברויט און ווייַן.

— אפשר וואָלסטו, אונדז אַדריאַן, אַרויסגעבראַכט פריש ווייַן פון דיין קעלער?" — האָט אַ זאָג געטאָן איינער פון זיי, וואָס האָט געמאַכט אַ ליבלעכע מינע.

דער פּעטער האָט כיטרע אַ שמייכל געטאָן און געטראַכט: „אַהאַ! איר ווילט מיך אַריינגנאַרן אין אַ נעץ!" ער האָט זיי אָפּגעענטפערט:

— אָט ערשט נאָר וואָס האָב איך אַרויסגעבראַכט אַ טאָפּ פון פינף ליטער. אויב איר זענט מבינים, וועט איר עס פילן אין טעם.

דאָס האָט אַביסל צעשטערט זייער פּלאַן. זיי זענען אָבער געווען פיפיקע באַנדיטן. אין אַ מינוט אַרום איז איינער פון זיי אַרויסגעגאַנגען „כדי אויסצופּישן זיך", און דער פּעטער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ סיגנאַל אָנצופאַלן: דער פאַרשוין איז געגאַנגען זיך שטעלן אויף דער וואַך. ער איז בלאַס געוואָרן און האָט זיך צוגעגרייט. אַ ווײַלע איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — אַרויסצוכאַפּן זיין געווער און אַ געשריי טאָן: „די הענט אינדערהויך!" ער האָט אָבער תּיכף אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס אויסערלעכקייט קען אַמאָל אַריינפירן אין אַ טעות.

אין אַ פאָר מינוט אַרום האָט אים שוין פאַרדראָסטן, וואָס ער האָט עס נישט געטאָן. די פאַרשוינען האָבן גערעדט הויך אויפן קול וועגן אַן אויסגעטראַכטן ענין. זיי האָבן געבעטן שוועבעלעך. דער פּעטער איז שוין געווען זיכער: „אָט, דאָ איז דער הונט באַגראָבן!"

מיט גרויס מוט און מיט פעסטע טריט, מיט איין האַנט האַלטנדיק דאָס געווער טיף אין קעשענע פון זיין מאַנטל, איז ער געגאַנגען אויף זיי און מיט דער לינקער האַנט האָט ער אויסגעשטרעקט דאָס פּושקעלע. דער שטאַרקסטער פון די דריי האָט פאַמעלעך אויסגעצויגן זיין האַנט, כדי עס צו נע-מען ביי אים, רעדנדיק בשעת מעשה ווער ווייסט וואָס מיט זיינע חברים. אָבער ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים אָנרירן דאָס פּושקעלע, האָט ער מיט איין שפּרונג אָנגעכאַפּט דעם פעטער פאַר דער האַנט, ווי מיט אַ צוואַנג. דער באַנדיט איז בליץ-שנעל אַנידערגעפאַלן, געטראָפן דורך דער קויל, וואָס איז אַרויס פון זיין קרבנס קעשענע. די איבעריקע אָבער האָבן שוין נישט דערלאָזט דעם פעטער אַרויסצוציען זיין געווער. מיט זייערע גראָבע שטעקנס האָבן זיי אים צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, און דער אומגליקלעכער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, בעת די הינט האָבן מוראדיק, נאָר אומזיסט, געריסן די אָנפאַלער ביי די פיס. זיי זענען באַלד דערהרגעט געוואָרן. די גזלנים האָבן שנעל אַרויסגענומען דאָס געלט, וואָס האָט זיך געפונען אינם טישקעסטל און זענען תיכף נעלם געוואָרן, איבערלאָזנדיק זייער פאַרשמאַכטן חבר.

דער פעטער אַנגעל איז געבליבן לעבן אַ דאַנק דעם שאָס, וואָס האָט פאַרוווּנדעט איינעם פון די אָנפאַלער, און אַ דאַנק די צוויי געטרייע הינט. זיי האָבן אַזוי צעביסן די פיס פון די צוויי אַנדערע באַנדיטן, אַז יענע האָבן קוים געקענט מאַכן פליטה.

די באַלעגאָלעס, וואָס זענען דורכגעפאָרן אין אַ שעה אַרום, האָבן געפונען אין קאַלוזשעס בלוט דעם קרבן און דעם באַנדיט, דעם ערשטן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ, דעם צווייטן מיט אַ קויל אין בויך, ביידע נאָך ביים לעבן; זיי האָבן זיי איבערגעפירט קיין ברייל"א, וווּ מען האָט זיי ביידן געראַטעוועט.

נאָך פונפציק טעג ליגן אין שפּיטאָל, איז דער פּעטער אַרויס אַן אָפּגעשוואַכטער; ער האָט אָבער בלויז דאָס בלוט פאַרלוירן. אין זעקס חדשים אַרום האָט ער פאַרלוירן אַ זאַך, וואָס איז בײַ אים געווען טײַערער ווי דאָס לעבן: ער האָט פאַרלוירן זײַנע בײדע טעכטערלעך בעת אַ קאַטאַסטראָפע אויפן דונײַ, ווען אַ סך אַנדערע זענען אויך דערטרונקען געוואָרן אויף אַ שפּאַציר אין שיפלעך, וועלכע האָבן זיך איבערגעקערט.

דאָ האָט ער בולט דערזען „די שוואַרצע האַנט פונם אומרחמנותדיקן גורל". אָבער דערדאָזיקער מענטש איז אויסדערוויילט געוואָרן דורך זײַן גורל, כּדי צו דערפילן דעם גאַנצן שווידער, וואָס דריקט זיך אויס אינם רומענישן שפּריכוואָרט: „גאָט לייגט נישט אַרויף אויף די אַקסלען פון אַ מענטשן מער, וויפל ער קען איבערטראָגן!" און וואָס פאַר אַן אומגליקן קען דען נישט איבערטראָגן אַ שטאַרקער מענטש אויף זײַנע פּלייצעס!

קומענדיק צוריק פונם קלויסטער, וווּ ער האָט געהייסן פּראַוון אַ מעסע פאַר די נשמות פון זײַנע צוויי באַגראָבענע טעכטערלעך, האָט ער זיך פאַרמאַכט אין זײַן קרעטשמע און לאַנגע שעהן אַרומגעשפּאַצירט איבערן חדר, מיט די הענט אין די קעשענעס. דערנאָך האָט ער צעעפנט די טיר אין דער גאַנצער ברייט, אַרויס אויף דער שוועל, אַ גרויסן שפּײַ געטאָן גלייך פאַר זיך, פּונקט ווי ער וואָלט עס געוואָלט עמעצן אין פּנים, און אַ זאָג געטאָן: „אָט האָסטו און ווייס, גבזזהדיקער גורל! דו בויגסט מיך, אָבער איך גלייך זיך אויס און כראַקע דיר אין צורה אַרײַן. נאַ דיר נאָך!

און ער האָט נאָכאַמאָל אַ שפּײַ געטאָן.

ס'איז אים נאָך פאַרבליבן זײַן זון, דאָס לעצטע פּלעמל, וואָס האָט באַלויכטן די פינסטערקייט פון זײַן מוח, וועלכער איז געווען אָנגעגריפן פון ווייטיק און בראָנפן. דער גורל האָט אָבער אַ בלאָז געטאָן אויפן פּלעמל און ס'איז פאַרלאָשן געוואָרן.

אין עלף חדשים אַרום, נאָכדעם ווי זיין זון איז אַריינ־געטראָטן אין אַ קאַוואַלעריע־פּולק, און אין אַ מעת־לעת אַרום, נאָכדעם ווי אַנגעל האָט פון אים באַקומען אַ בריוו, אַז ער האָט בדעה דאָרט צו פאַרבלייבן, האָט דער אומגליקלעכסטער צווישן אַלע מענטשן, — דערווייל נאָך אַ גליקלעכער, — צו־געמאַכט זיין אכסניה, אין צוועקגעריטן אין שטאָט אַריין, כדי צו דינגען בעל־מלאכות און אָנהייבן צוריק אויפבויען די חורבות. ער האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצורייטן צוויי הונדערט מעטער, ווען אַ בריוו־טרעגער, אויך רייטנדיק אויף אַ פערד, האָט אים אָנגעיאָגט אויפן וועג און אים דערלאַנגט אַ דעפּע־שע. דאָס האַרץ האָט אים קיין שלעכטס נישט פאָרויסגעזאָגט. ער האָט אויפגעעפנט גאַנץ רויק דאָס פּאַפּיר און איבערגעלייענט:

„אייער זון אַלעקסאַנדער אַנגעל איז אַראָפּגעפאַלן פונם פערד ביי די קאַוואַליעריע־איבונגען און איז געשטאָרבן בעת...״

דאָס פּאַפּיר איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט; ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די זאָטל־שטעגנלעך, אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערדיקן געשריי, און אַראָפּגעפאַלן פונם פערד, פונקט ווי אַ דעמב, וואָס ווערט אונטערגעהאַקט.

אַזוי אַרום האָט דער פעטער אַנגעל אויסגעטרונקען זיין כוס ביז צום סוף.

מ׳האָט געקענט מיינען, אַז דעמדאָזיקן אומגליק וועט ער שוין נישט איבערלעבן. ס׳הייבט זיך נישט אָן. דער טויט, וואָס האָט געקענט זיין פאַר אים אַ דערלייזונג איז נישט געקומען, און קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער מענטש האָט זיך נישט גענומען דאָס לעבן.

ער האָט זיך דאָס לעבן נישט גענומען. ער האָט אָבער געגוסן אַלע טאָג, אַריינגיסנדיק אין זיך אָן אַן אויפהער די קליינע גלעזלעך פון זיין שטאַרקסטן בראָנפן. ער איז אַליין געוואָרן פאַר זיך דער בעסטער קליענט.

דער צעפאַלונגס־פּראָצעס פון דעמדאָזיקן מענטשן,

איבערגעבעבענעם פּאָטער, אַ גוטן בירגער און גלויביקן מענטשן, איז די שרעקלעכסטע פון די טראַגעדיעס. וואָס דער שרייבער פון דידאָזיקע שורות האָט נאָר געקענט. דאָ וועט מען נאָר לייענען דעם אָנהויב. דער סוף, — טרייער, וואָס רייסט דאָס האַרץ, — וועט דערציילט ווערן ערגעץ אַנדערש.

נאָכן טויט פונם יינגל, האָט ער געבעטן אַז די לויה און די קבורה זאָלן פאָרקומען אין זיין דאָרף. אַלע איינוווי-נער האָבן אנטייל גענומען, און בעת די ביקסן האָבן אויס-געשאָסן ווען מ'האָט אַראָפּגעלאָזט די טרומנע, זענען אַלע אין טרערן געפאַלן אויף די קני. די זעלנער און דער אָפי-ציר, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן דעם טויטן דעם לעצטן כבוד, האָבן געוויינט. נאָר איין מענטש האָט נישט געוויינט: דער פּאָטער. ער איז געבליבן שטיין אויפן ברעג פונם קבר מיט אַ הוילן קאָפּ, דעם קאַפּעלוש אין דער האַנט, און באַטראַכט די טרומנע אין קבר. אין דאָזיקן מאָמענט איז פון עולם אַרויסגעלאָפן איינער אַ מענטש, זיך געוואָרפן צו זיינע פיס, זיי אַרומגענומען און געשריגן:

„אַנגעל! אַנגעל! איך בעט ביי דיר מחילה. דאָס האָב איך אונטערגעצונדן דיין הויז! קאָנסט זיך אין מיר נוקם זיין, נאָר פאַרגיב מיר צווערשט!...”

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און לאַנג אָנגעקוקט דעם מענטשן, וועלכער האָט זיך געוואַלגערט ביי זיינע פיס, געקאָרטשעט זיך ווי אויף הייסע קוילן, שרייענדיק:

„זיי מוחל און הרגע מיך; וואַרף מיך אַריין אין תפיסה!”

ער האָט אים געזאָגט: „איך בין דיר מוחל”, און איז אַוועקגעגאַנגען. קיינער האָט אים נישט געוואַגט נאָכצוגיין.

קומענדיק אַהיים, האָט ער אַראָפּגעריסן פון די ווענט דאָס בילד פון דער הייליקער בתולה מיט יעזוסן אויף די הענט, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט באַזיליקעס, אויך די פּאָרטרעטן פונם קייזער, דער מלכה און דעם טראָן-פאָל-גער. ער האָט גענומען אַ לאָפּאַטע, אויסגעגראָבן אַ גרוב אין גאָרטן, זיי אַריינגעלייגט אַהין און זיי פאַרשאָטן מיט ערד.

דערנאָך האָט ער זיך פאַרמויערט אין זיין קראָם און מיט לייב און לעבן זיך איבערגעגעבן דעם ביטערן טראָפּן. אין משך פון א יאָר, אָנהייבנדיק פונם טאָג פון דער קבורה, האָט קיינער נישט געוווסט, צי ס'איז עמיצער דאָ אינעווייניק אין שטוב אָדער זי איז פוסט. די איינוווינער זענען דורכגע-גאַנגען, געבויגן די קני פאַר די פענסטער מיט די אַראָפּגע-לאָזטע פאָרהענגלעך און ווייטער געגאַנגען זייער וועג. ער פלעגט אַרויסגיין ביינאַכט, אין דער באַגלייטונג פון א הונט, זיך דורכשפּאַצירן אויף די חורבות פון זיין הויז און קומען צוריק אהיים. בייטאָג פלעגט ער טרינקען די קליינע גלעזע-לעך, נישט וועדענדיק קיינמאָל שכּור, און מיט דער גאָמבע אין די דלאָניעס פלעגט ער דורך א שפּאַלט פון די פאָרהענ-גלעך באַטראַכטן די שטיקער וואַנט פון זיין אָפּגעברענט הויז.

פונקט א יאָר נאָך זיין פינסטערן טרויער, האָט ער גע-עפנט זיין קרעטשמע. דאָס הייסט, איינעם פלעגט ער יאָ באַ-דינען, דעם צווייטן נישט און קיינמאָל האָט מען נישט גע-ווּסט אויף וואָס ס'איז באַזירט זיין אָפּזאָג און זיין סימפּאַטיע. די אורחים האָבן געהאַט דרן-ארץ פאַר זיין ווילן, ווייל זייענע אומגליקן זענען אויף א וויטן מהלך אַלעמען געווען באַקאַנט. איבעריקנס, האָט ער קיין פרישע סחורה נישט אַראָפּגעבראַכט, ווייל זיין קעלער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט פעסלעך וויין און בראָנפן.

אַדריאַן און זיין מוטער זענען געווען די איינציקע נפשות מיט וועלכע אַנגעל האָט באַוויליקט אַרויסצורײדן א וואָרט. מיט א צעבראָכן האַרץ האָט אים אַדריאַן צוויי מאָל באַזוכט אין משך פונם ערשטן יאָר נאָכן אויפעפענען דאָס געשעפט אויפדאָסניי. דער פעטער פלעגט שטענדיק זיצן ביים פענסטער און קוקן אינדרויסן, דאָס פלעשל און דאָס קליין גלעזעלע פאַר אים, די טיר פאַרמאַכט אויפן שלאָס און דער הונט ביי דער זייט. איין פור איז פאַרבייגעפאָרן; די ביידע אָנטרייבער זענען אַראָפּגעגאַנגען און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ער האָט זיך נישט גערירט פונם אָרט און זיי זענען

אוועקגעפאָרן. אַ צווייטע פור האָט זיך אָפּגעשטעלט. עפּעס אַ פּאַרשוין, נישט אַראָפּשטייגנדיק, האָט אַ געשריי געטאָן:

„אַנגעל! קען מען אפשר טרינקען אַ גלעזל משקה?"

דעם האָט ער באַדינט.

* *

*

גייענדיק אָפּזוכן דעם פּעטער אַנגעל לויטן בעפעל פון זיין מוטער, האָט אַדריאַן געטראַכט וועגן דידאָזיקע אומגליקן און צו זיך געזאָגט:

„די מאַמע איז זיך טועה האַלטנדיק, אַז איך קען ווירקן אויפן פּעטער, ער זאָל אַרויסקריכן פון זיין לאָך".

די זאַך איז באמת נישט געווען קיין גרינגע. ס'האָט זיך נישט געהאַנדלט בלויז וועגן אַ באַזוך, נאָר אויך וועגן איבערבעטן זיך. נאָכן טויט פון זייער מוטער, מיט אַכט יאָר צוריק, האָבן זיך ביידע פּעטערס צעקריגט צוליב אַ נאַרישע ירושהלע. אין סאַמע ברען פון דער מחלוקת האָט זיך דער פּעטער אַנגעל דערלויבט צו זאָגן קעגן דעם ווילן פון זיין עלטערער שוועסטער, וועלכע האָט געוואָלט אויסמיידן די חלוקה:

„איך וויל האָבן אַן אייגן שטיקל ירושה פון מיין מוטער, כדי צו קענען קויפן פּאַטשערקעס און אויפהענגען אויף דער איקאָנע, וויסנדיק, אַז דאָס שטאַמט פון מיין מוטער". דער פּעטער דימי, בטבע אַ בעל-כעסן, האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ באַליידיקונג; זיין ברודער האָט אים אַ פּאַטש געטאָן און דער יינגערער האָט באַגאַנגען אַ פעלער, דערלאַנגענדיק דעם עלטערן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. דער עלטערער איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין פּאַטערלעך הויז, זאָגנדיק:

„איך וועל אַהער מער נישט קומען און נישט דו צו מיר, כל זמן דו וועסט נישט אַ קוש טאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן די פּאָדעשווע פון מיין שטיוול!"

פון דאַמאָלס אָן זענען זיי געווען צעקריגט. פאַר זיין אומגליק, וואָס איז געווען אַ טויט-קלאַפּ פאַרן פּעטער אַנגעל,

איז דער יינגערער געווען פאַרעקשנט און האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן זיין שוועסטער, וועלכע האָט אים געוואָלט איבעררעדן, ער זאָל גיין בעטן מחילה ביים ברודער. נאָכן אומבארחמנותדיקן טויט האָט קיינער נישט געוואַגט צו באַאומרויקן אַנגעלס שטיל-שווייגעניש מיט אַ נאַרישקייט.

איצט אָבער האָט אַדריאַנס מאַמע דורכאויס געוואָלט שלום מאַכן צווישן די ביידע ברידער. אָנשטאָט צו גיין צום געשלאָגענעם האָט זי אים גערופן צו זיך. זי האָט אויסגע-רעכנט אויף זיין פיין, וואָס האָט ווייכער געמאַכט זיין גאווה, ווי אויך אויף דער השפעה, וואָס זי האָט געהאַט אויף די ברידער, באַזונדערס אויפן רייכסטן פון דער משפחה, ווייל אויף זיין פאַרלאַנג צו צעטיילן די ירושה האָט זי קעגנגע-שטעלט איר אומפאַראינטערעסירן אָפּזאָג.

ס'איז געווען אַכט אַזייגער אינאָוונט, ווען אַדריאַן איז צוגעקומען צו זיין פעטערס הייזל. אינם דרומדיקן פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום דערפל, איז געווען ליכטיק. ער האָט זיך דערנענטערט צום פענסטער און צוגעלייגט דעם אויער. קיין סימן פון לעבן. בלויז אַ נאַפט-לאָמפּ האָט גע-ברענט אויפן טיש. דער הונט סולטאַן האָט אומגעדולדיק גע-בילט. דעם פעטערס הונט האָט אָפּגעענטפערט, אָבער דער פאָרהאַנג האָט זיך נישט באַוועגט. אַדריאַן האָט געוווסט, אַז אומזיסט וועט ער קלאַפּן. ער האָט צוגעדריקט די נאָז צו דער שויב און געזאָגט מיט אַן איבערגעשראָקענעם קול:

„פעטער". דאָס בין איך, אַדריאַן, איך וויל מיט דיר וועגן עפּעס רעדן".

אין אַ מינוט אַרום איז דער פאָרהאַנג אָפּגערוקט גע-וואָרן, און דער פעטער האָט אים געגעבן אַ ווונק ער זאָל צוגיין צו דער טיר, וועלכע ער האָט געעפנט, האַלטנדיק די לאָמפּ אין דער האַנט. אַדריאַן איז אַריין מיט סולטאַנען.

ביים ערשטן בליק, וואָס ער האָט געוואָרפן אויפן שוואַך-באַלויכטענעם צימער, האָט זיך זיין האַרץ נאָך מער פאַר-קלעמט. ווי מעכטיק דיין שפּראַך איז, דו טרויער פון זאַכן,

דאָס זענען פֿאַרלאָזט געוואָרן דורך דער מערקווירדיקער האַנט פון אַ מענטשן! אויס גלעזער אויפֿן טוּבאַנק, אויס ברויט אויפן גרויסן טיש, אויס געראַכערטע סאַלע, וואָס הענגט אַראָפּ פון סופיט פון די עקן פון דיקע ברעטער, אויס קיילעכדיקע ביסקוויסן, וועלכע זענען געווען אַרויפגעטאָן אויף אַ האָרי־זאָנטאַלן שטעקן! שטויב, אָפּגעלאָזנקייט, יאוש, טויטע שטילקייט...

אינמיטן פון דאָזיקן בית-עולם איז געשטאַנען דער פּע־טער אַנגעל מיט דער פּאַלטע אויף די פּלייצעס, ווי שטענדיק גרויס, נאָר איינגעבויגן, — ליידער איינגעבויגן, דער מענטש, וואָס האָט אַמאָל געהאַלטן הויך פאַרריסן דעם קאָפּ און מיט גדלות אַרויסגערוקט זיין ברוסט, ווי אַ לייב, — דערדאָזיקער פּעטער אַנגעל האָט רויק באַטראַכט זיין פּלעמעניק. אַדריאַן האָט מיט ביידע הענט אָנגענומען זיין פרייע האַנט און זי אַ קוש געטאָן לויטן מנהג. ער האָט זיך שיער נישט צעוויינט. נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט, האָט אים דער פּעטער אַריינ־געפירט צו זיך אין צימער. דאָ — דיזעלבע אָפּגעלאָזנקייט. די נאַקעטע און פאַרגעלטע ווענט האָבן מער נישט פאַר־שפּרייט דעם פרישן ריח פון וואַפּנע. דאָס בעט, עפּעס אַ גע־לעגער, נישט צוגעבעט און אומריין, האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק, ווי ס'וואָלט פּראָטעסטירט קעגן דעם קערפּער, אָנגעש־טאָפּט מיט אומגליקן, וואָס קוועטשט אים יעדע נאַכט. דער אויוון פון ציגל האָט אַרויסגעוויזן זיינע שוואַרצע, פאַררויכער־טע לעכער. די באַלקנס פונם סופיט זענען אויך געווען פאַ־רויכערט. צוויי הילצערנע שטולן, אַ טיש און אַ צוויי־רעדריקע ביקס, וואָס איז געהאָנגען פאַרן רימען אויף אַ טשוואָק, — דאָס איז דער סך-הכל פונם מעבל. אויפן טיש האָבן זיך גע־וואַלגערט אַ פלעשל פון בראָנפן מיט אַ גלאָז, אַ ביבל, אַ קליין נאָטיץ-ביכל מיט אַ בלייפעדער, צוגעבונדן אויף אַ שטריקל, אַ מעסער און אַ אָנגעהויבן ברייטל. אַדריאַן האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט מיט ביטערע טרערן.

דער פעטער, וועלכער איז געזעסן אויף אַ שטול, האָט צוגעצויגן צו זיך אַדריאַנען און אים אַ קוש געטאָן צום

ערשטן מאָל נאָך זיין אומגליק. מיט אַ מענלעך, אָבער מיט אַ צעבראָכן קול, וואָס האָט פאַרלוירן זיין אַמאָליקן קלאַנג, האָט ער צו אים דאָרט געזאָגט:

„איך בין זייער צופרידן, וואָס איך זע דיך, אַדריאַן... נאָר פאַרוואָס וויינסטו?

— פעטער... סק'אָסט מיר געזונט!... דו עסט טרוקן ברויט... אינם טאָג פון פסח... דאָס נישט!.. אפילו די הינט עסן געבעקס, הייגט...״

אַדריאַן האָט אָפּגעווישט די טרערן, און קוקנדיק זיין פעטער גלייך אין פנים אַריין, האָט ער געזען, ווי ער שמייכלט מיט גוטסקייט, מיט אַ מין אומדערטרעגלעכע גוטסקייט פון אַ נפש, וועמען די ליידן האָבן אַוועקגעהרגעט. דער קאָפּ איז געווען כמעט אָן האָר; די באָרד און די איבערגעבליבענע האָר — אינגאַנצן ווייס. זיין העמד און זיינע מלבושים זענען געווען שמוציק, אָן קנעפּלעך. ער האָט אָפּגעענטפערט דעם פלעמעניק מיט נאָך אַ שוואַכערע שטימע:

„אויב נאָר צוליב דעם אַליין וויינסטו, טאָ באַרויק זיך און זאָג מיר, נאָך וואָס דו ביסט געקומען.

— איך בין געקומען פרעגן ביי דיר, צי דו טראָגסט נאָך אַ שנאה צום פעטער דימי.

— כ'האָב מער קיינעם נישט פיינט.

— קענסטו אים מוחל זיין זיין חטא?

— איך האָב מער קיינעם נישט וואָס מוחל צו זיין״.

דער פעטער האָט אָפּגעענטפערט מיט דערזעלבער גלייכגילטיקייט, גלייך ער וואָלט געזאָגט: „דאָס ברויט איז אויפן טיש״, אָדער: „אינדרויסן פאַלט צו די נאַכט״.

„אויב אַזוי!״ — האָט זיך אָנגערופן אַדריאַן מיט וואַקלעניש — „וועל איך דיר זאָגן דעם אמת: מיין מאַמע האָט מיך געשיקט דיך בעטן, זאָלסט היינט אינאָוונט קומען צום פעטער דימי.

— דיין מאַמע שיקט דיך״... האָט איבערגעחזרט דער

אומגליקלעכער מענטש, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ; „דיין מאַמע איז אַ הייליקע, אדריאַן”.

און, טראַכטנדיק אַ ווײַלע האָט ער נאָכדעם צוגעגעבן:

„נו, און דו, וואָס זאָגסטו דערצו?

- פּעטער, דו קענסט זיך אַליין אָנשטויסן: איך וויל עס מיטן גאַנצן האַרצן.

— און די איבעריקע? זיי ווילן עס אויך?

— זיכער, אַז אַלע ווילן דאָס, פּעטער.

— אויב אַזוי, וויל איך צוזאַמען מיט אייך”.

ס'אַרא גרויל: „וויל איך צוזאַמען מיט אייך”, דידאָזיקע ווערטער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע ליפּן, באַדעקט מיט אַ טויט-שמייכל! ס'אַרא פאַרניכטונג פון ווילן! אַ פּחד איז אָנגעפאַלן אויף אַדריאַנען.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, באַגלייט פון זייערע הינט.

* *
*

דער פּאָפּ סטעפאַן, וועלכן אַדריאַן האָט דורכגייענדיק פאַרבעטן, איז געווען אַ זקן פון אַ יאָר אכציק, וואָס האָט שוין נישט געפּראַוועט קיין גאָטס-דינסטן אינם קלויסטער; ער האָט נאָך אָבער אַ סך טובות געטאָן אין דאָרף, אַלס עצה-געבער און רודף-שלום'ניק. זיין ראיה איז שוין געווען אביסל אָפּגעשוואַכט, מיט זיינע פיס אָבער האָט ער זיך נאָך געקענט פאַרמעסטן מיט אַ יונגנמאַן. ער האָט געוווינט אין שכנות מיטן פּעטער דימי. ער האָט תּיכּף גענומען זיין שטעקן און איז געגאַנגען אָנקלאַפּן אין יענעמס טיר.

ווען ס'האָט זיך באַוויזן זיין אַפּאָסטאָלישע פיגור, מיט אַ לאַנגער געל-עלפאַנדביינערנער באָרד, האָבן זיך אַלע אויפגעהייבן און אים געקושט די האַנט, וועלכע ער האָט שוין אין משך פון פופציק יאָר אויסגעשפּרעקט צו די ליפּן פון זיינע זינדיקע:

„קריסטוס איז אויפגעשטאַנען תּחית-המתים, מיינע

קינדער", האָט ער געזאָגט מיט אַ קול, וואָס איז געאיבט גע־וואָרן אין קלויסטער.

„באמת, ער איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים, האָבן אים אַלע אין איין קול אָפּגעענטפערט.

אַדריאַנס מאַמע האָט אָפּגעטרעטן דעם גייסטלעכן דאָס וואָרט. ער האָט זיך אָן צערעמאָניעס אוועקגעזעצט, ווי דאָס וואָלט געווען זיין רעכט. זי איז געבליבן שטיין, אָנגעשפּאַרט דעם רוקן צו דער וואַנט, און האָט איבערגעקרייצט אירע הענט.

די אָנוועזנדיקע זענען אַביסל צעמישט געוואָרן דורך דעמדאָזיקן אומגעריכטן וויזיט און אָנגעצילט די בליקן אויף דער עלטערער שוועסטער, פאָדערנדיק ביי איר אַ דערקלערונג. זי, — אַ מאָגערע, אַ גלייכע, מיט אויסגעצויגענע געזיכטס־שטריכן, — האָט אויף אַלע פאַרזאַמלטע דורכגעפירט איר בליק, פול מיט גוטסקייט, און געזאָגט:

„איך האָב אייך גערופן, פאָטער סטעפאַן, כדי איר זאָלט מיר העלפן היינטיקן אָוונט מאַכן שלום צווישן מיינע צוויי ברידער דימין און אַנגעלן, וועלכער דאַרף, — אַזוי גלויב איך, — באַלד קומען. ווי ס'איז אייך באַקאַנט זענען שוין אַכט יאָר פאַרבייגעלאָפן זינט זיי גיבן זיך נישט די הענט, זינט זיי מיידן זיך אויס און לאָזן דורך די הייליקסטע חגאות, נישט פאַרזוכנדיק ביי איין טיש קיין ברויט און קיין וויין. מען מוז מאַכן אַ סוף דערצו. מיינט נישט, אַז איך וויל מאַכן אַן אָנשטעל פון אַ צנועה. איך האָב גענוג חטאים, און דער גרעסטער פון מיינע זינד איז דער, וואָס כ'האָב געלעבט מיט אַ מענטשן צען יאָר אָן דער ברכה פונם קלויסטער און גע־בראַכט אויף דער וועלט אַ קינד, וואָס האָט נישט קיין טאַטן. איך מיין אָבער, אַז דער ערגסטער חטא איז שנאה, יעדע שנאה צווישן מענטשן, הויפּטזעכלעך צווישן צוויי ברידער...

— איך טראָג מער נישט קיין שנאה אויף מיין ברודער אַנגעל", האָט זיך אָנגערופן דער פעטער דימי, אַן אָנגעכמורעטער.

„כ'בין זייער צופרידן, וואָס איך הער דאָס פון דיר"

האָט געזאָגט דער פּאָפּ, אָבער „ס׳האָט בּיי דיר זייער לאַנג געדויערט, דימי.

— יאָ, ער איז געווען אומגערעכט קעגן מיר...

— אמת, ער האָט זיך טאַקי נישט אָרנטלעך בּאַגאַנגען מיט דיר״, האָט מסכּים געווען דער דינער פון גערעכטיקייט, דו האָסט זיך אָבער פאַרזינדיקט קעגן אים; דו האָסט געשלאָגן און פאַרגאָסן דאָס בּלוט פון דיין עלטערן ברודער. דו האָסט פאַרגעסן די הייליקע ווערטער פון אונדזערע עלטערן, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז „דער יינגערער וואָס וועט שלאָגן אַן עלטערן פון זיך, וועט אים טראָגן אויף זיין רוקן אויף יענער וועלט״; און זיי האָבן געגלויבּט, אַז מ׳קען זען מיין געשטאַלט אין דער פולער לבנה״.

דימי האָט געשוויגן. זיין שוועסטער האָט ווייטער גערעדט:

„אמת טאַקי, אַנגעל האָט געטאָן אַן עוולה. ער האָט פאַרגעסן, אַז אונדזער ברודער דימי איז אַליין פאַרבּליבּן אינ־דערהיים און האָט יאָרן לאַנג געדאַרפט זאָרגן וועגן אונדזער אַלטער מאַמען, בּעת מיר, דריי בּרידער און שוועסטער, האָבן זי פאַרלאָזט און זיך יעדער אַוועק אויף זיין וועג. טאַקי דערפאַר האָב איך זיך קעגנגעשטעלט דער חלוקה, הגם איך בּין די אָרימסטע פון אַלע פיר. ווייל די חלוקה וואָלט אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפן דעם יינגסטן ברודער מיט זיין ווייבּ און צוויי קינדער. מ׳דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אַנגעל, וועמען ס׳איז געגאַנגען גוט, האָט אים געוואָלט העלפן אויפדאָס־ניי אויפבּויען אַ הויז. און דאָ טאַקי הייבּט זיך אָן דימיס אומגע־רעכטיקייט. ער איז געווען גרויס בּיי זיך און האָט נישט גע־וואָלט אָנקומען צום ברודער. איך גלויבּ אַפילו, אַז ער האָט אים שוין דעמאָלט פיינט געהאַט. אַזוי אַרום האָבן די מחלוקת און די קלעפּ געדרימלט און זיין האַרצן, ווי אַ פייער טליעט אונטער אַש; און דערפאַר טאַקי האָבן זיי זיך סוף־כּל־סוף צעשלאָגן. איצט האָט דער אומגליקלעכער אַנגעל אויסגעקויפט אַלע זיינע חטאים; די אומגליקן האָבן בּיי אים אַוועקגענומען דאָס מענטשלעכע וואָס אין אונדז; און בּיי היינטיקן טאָג

איז ער מיט די לעבעדיקע פאַרבונדן בלויז דורך זיין גוף, וואָס שלעפּט זיך נאָך אַרום אויף דער ערד. איך, פון מיין זייט, וואָלט שוין בעסער געוואָלט ער זאָל זיין טויט, ווייל דאָס וואָס ער טוט איצט איז ערגער ווי דער טויט. ער טרינקט, אָבער דאָס בראָנפן טרינקט אים אויס; דעם בראָנפן גיט ער אַוועק זיין נשמה. פון וויינאַכט אָן בין איך ביי אים נישט געוועז און ער קומט אויף מער נישט צו קיינעם. איינמאָל האָב איך צו אים אַ זאָג געטאָן, אַז אויב ער וועט נישט אויפהערן צו פירן אַזאַ לעבן, וואָלט גלייכער געוועזן פאַר אים ער זאָל שטאַרבן. ער האָט מיר געענטפערט: „איך בין שוין אַ געשטאָרבענער". דאָך גלויב איך נאָך, אַז מיט אייער הילף וועל איך אים קענען אָפּרייסן פון פלעשל. אפשר וועט דער פאָטער סטעפאַן קענען אויף אים האָבן אַ גוטע ווירקונג. אויב ער וועט קומען היינטיקן אָוונט צו אונדז וועלן מיר אים אויך אפשר באַזוכן. דעריבער בעט איך ביי דימין: ער זאָל אים איבערבעטן מיט גרויס הכנעה..."

אין דערזעלבער רגע האָט זיך די טיר ברייט צעעפנט און נישט אָנקלאַפּנדיק, האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן דער פעטער אַנגעל מיט אַדריאַנען פון הינטן. ער האָט זיך געוואָלט האַלטן גלייך און באַמיט זיך צו האָבן אַ פייערלעכע מינע. מיט זיינע אָפּגעקראָכענע מלבושים, מיטן צעריסענעם מאַנטל, אַריבערגעוואָרפן אויף זיינע פּלייצעס, מיט די שטיוול, באַלייגט מיט בלאָטע פון לאַנגע חדשים, מיטן היטל פון ציגן־פעל אין דער האַנט, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַלט[illegible]עטלער. ער האָט אַלעמען באַגריסט אויפן אַלטמאָדישן שטייגער:

„אַ גוטן אָוונט, חשובע פאַרזאַמלטע!"

זיין פּלוצלונגער אָנקומען אין אַזאַ טרויעריקן צושטאַנד האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. דער פעטער דימי און זיין שוועסטער האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויינט. דער פעטער דימי האָט זיך געוואָרפן צו די פיס פון זיין אומגליקלעכן

ברודער און אים געקושט די שטיוול. די צווייטע האָט געגאָסן טרערן אויף די הענט, פון וועלכע מען האָט געשפּירט בראָנפן.

„אָרימער ברודער!... אָרימער ברודער!... וואָס איז פון דיר געוואָרן?"

דער פעטער אַנגעל, גלייכגילטיק צו דעם אַלעמען, האָט אויפגעהייבן זיין ברודער און האָט אים ארומגענומען, נאָכ־דעם דער שוועסטער. שפּעטער האָט ער אַ קוש געטאָן די האַנט פון גייסטלעכן, געדריקט די הענט פון אַלעמען אין זיין עלטער און זיך געלאָזט קושן דורך די ייִנגערע.

דאַמאָלס האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן אָרט, וואָס מ'האָט אים אָנגעוויזן, אויף דער צווייטער זייט טיש, אַקעגן דעם גייסטלעכן. אין דער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין שטוב, האָט מען בלויז געקענט הערן דאָס כליפּן פונם ברו־דער און פון דער שוועסטער, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו וויינען.

ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט איז פון זיין פּנים תּיכּף פאַרשוואונדן געוואָרן דער שמייכל; זיין בליק איז צוריק געוואָרן אייז־קאַלט. ער האָט געזאָגט:

„צוליב וואָס וויינט איר? דאָס ברענגט קיין נוצן נישט".

ס'איז שטיל געוואָרן און קיינער האָט נישט געוואַגט אַ וואָרט אַרויסצורײדן. דער אַלטער גייסטלעכער האָט צוגעפּעס־טיקט זיין קלוגן בליק אויף זיין אומגליקלעכן קוזין, וועלכער איז געווען פּונקט אַזוי פאַרעלטערט ווי ער. מיט אַ פעסטן קול, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט גוטסקייט, האָט ער צו אים געזאָגט:

„אַנגעל, איך דערלויב זיך דיר צו דערמאָנען, אַז דו ביסט אַריינגעקומען אַהער אינם הייליקן טאָג פון פּסח, און האָסט נישט איבערגעחזרט די ברכה פון יעדן גוטן גלייביקן קריסט".

אַנגעל האָט קענטיק נישט פאַרשטאַנען דעם פאָרוואָרף און האָט געשטעלט אַ שאלה, ווי איינער וואָס פאַלט אַראָפּ פון אַן אַנדער וועלט.

„וועלכע ברכה, פאָטער?"

דער גייסטלעכער האָט באַגריפֿט זיין אומבאַחוסטזיניקן צושטאַנד און רויק געזאָגט:

„נו אונדזערע הייליקע ווערטער: קריסטוס איז אויפגע־שטאַנען תחית־המתים.

אַנגעל האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אָנגערירט מיטן פינגער אַ ברעקל ברויט, וואָס האָט זיך געפונען לעבן אים אויפן טיש, דערנאָך צוריק אויפגעהייבן דעם קאָפּ און אָפּגע־ענטפערט: „איך גלויב נישט, אַז קריסטוס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים. טויטע ווערן נישט לעבעדיק.

— אַנגעל!... דו ביסט אַ זינדיקער מענטש! קריסטוס איז נישט קיין „טויטער", נאָר דער זון פֿון גאָט, און אַליין אויך אַ גאָט!..." — האָט אויסגעשריגן דער כּלי־קודש מיט, אַ רויקער, אָבער מיט אַ ביסל אַ ציטערדיקער שטים.

„איך ווייס דערפֿון גאָרנישט, — האָט אַנגעל אָפּגעענט־פֿערט גאַנץ געלאַסן.

און זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פֿון זיין מאַנטל־קעשענע אַ פֿלעשל פֿון אַ האַלבן ליטער און פֿון אַן אַנדער קעשענע אַ קליין גלעזעלע; פֿאַר אַלעמען אין די אויגן האָט ער אָנגעפֿילט די כּוסה און די פֿלאַש אַריינגערוקט צו־ריק אויף איר אָרט. פֿונם גלעזל האָט ער געטאָן אַ קליינעם זופּ, וועלכן ער האָט אַרומגעפֿירט אין זיין מויל פֿאַרן אַראָפּ־שלינגען. דערנאָך האָט ער דאָס גלעזל אוועקגעשטעלט פֿאַר זיך אויפן טיש, זייער פֿאָרזיכטיק, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט ס'זאָל זיך נישט איבערקערן.

אַלע זענען דערשטוינט געווען. אַדריאַנס מוטער האָט זיך פֿאַרדעקט די אויגן מיט די הענט און שטילערהייט גע־וויינט. אַנגעל האָט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס ער האָט אויף אַלעמען אָנגעטריבן אַזאַ שרעק. ער האָט דורכגעפֿירט איבער אַלע אָנוועזנדיקע זיין רויקן בליק. גלייך ער וואָלט געטאָן די נאַטירלעכסטע זאַך. אין אַ משך פֿון דריי יאָר האָט ער זיך אַזוי נוהג געווען הונדערט מאָל אַ טאָג, דעריבער איז עס

פאַר אים געוואָרן אַ דערשיינונג, וואָס איז געשטאַנען אויסער די גרענעצן פון יעדער קריטיק.

„אָרימער אַנגעל!" האָט אויסגעשריגן דער גייסטלעכער. „איך באַדויער דיך. דו האָסט אויפגעהערט צו זיין נישט נאָר אַ קריסט, נאָר אויך אַ מענטש".

אָנשטאָט אַ תשובה האָט אַנגעל ווידער אָנגענומען דאָס גלאָז, צוגעטראָגן עס צו די ליפּן און געטאָן אַ קליינעם זופּ. דערנאָך, מיט אַן אומעטיקן אויסזען, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ מין פאַרשטיקטן זיפץ, גלייך ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

„איך ווייס נישט צוליב וואָס האָט איר מיך אַראָפּגע-בראַכט אַהער..."

די שוועסטער, וואָס איז געזעסן פון זיין רעכטער האַנט, האָט אָפּגעווישט די טרערן; זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און זיך געווענדט צו אים ווי צו אַ קינד:

„טייערער ברודער, כ'האָב דיך גערופן אַהער, ווייל מיר ווילן דיך צוריק מקרב זיין, מיר ווילן דיך ליבן און מאַכן זאָלסט אונדז ליב האָבן... האָסטו שוין באמת מער נישט ליב דאָס לעבן? פילסטו שוין מער נישט קיין נייגונג צו עפּעס?...

— ס'איז אַלץ איינס צי איך האָב יאָ עפּעס ליב, אָדער נישט... ס'איז אַלץ פּוסט און נאַריש... פאַרוואָס אינטערעסירסטו זיך אַזוי מיט מיר, שוועסטער!

— וואָס הייסט, אַנגעל! איך בין דיין עלטערע שוועס-טער, און דיינע צרות זענען מיינע צרות...

— ס'איז נישט אמת. דו האָסט געליטן און דו ליידסט צוליב דיינע צרות, אָבער נישט צוליב מיינע.

— ניין, אַנגעל, מיר ליידן ביידע צוליב דער קרובה-שאַפט פון אונדזער בלוט.

— ס'איז נישטאָ קיין קרובהשאַפט פון בלוט: אויב איך וועל מיר אָפּשניידן אַ פוס, וועט מיין בלוט רינען, נישט דיינס.

— ס'זענען אָבער פאַראַן מאָראַלישע ליידן, וואָס זענען פאַר אונדז געמיינזאַם.

— ס'הייבט זיך נישט אָן. הלוואי זאָל נישט מקוים

ווערן דאָס, וואָס איך וועל איצט זאָגן: אויב דו וועסט מאָרגן „פאַרלירן דיין זון, וועל איך בלויז ליידן, אָבער דו וועסט שטאַרבן”.

זיין שוועסטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, גלייך זי וואָלט זיך מיט אַ ווייטיק אין האַרצן איבערצייגט אַז ער איז גע-רעכט. און ער האָט ווידער אַ זופּ געטאָן אַ ביסל בראָנפן.

דער גייסטלעכער האָט אָנגעהייבן צו רעדן וועגן דעם באַקאַנטן ביבלישן משל:

„אַנגעל, דערמאָן דיך אין איובן! זיין אומגליק איז געווען גלייך צו דיינעם, ער איז אָבער פאַרבליבן פעסט ביי זיין גלויבן. וויל פאַרשטיין, אַז מיר, שטערבלעכע, קענען נישט באַגרייפן דעם געטלעכן געדאַנק. ווער ווייסט? אפשר זענען זיינע צרות בלויז נסיונות, וואָס דער אויבערשטער שיקט אָן אויף דיר, כדי צו מאַכן פון דיר שפּעטער איינעם פון זיינע אויסדערוויילטע?”

אַנגעל האָט זיך אויסגעגלייכט אויף זיין שטול און זיי-נע אויגן זענען באַלויכטן געוואָרן. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער וויל עפּעס ענטפערן דעם גייסטלעכן, נאָר די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. ער האָט צוגערופן אַדריאַנען, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ ווינקעלע, און האָט זיך אים געהייסן אַוועקזעצן ביי זיין ליב-קער זייט, צווישן זיינעביידע פעטערס. דערנאָך האָט ער גע-זאָגט מיט אַ מער פעסטערער שטימע:

— סטעפאַן, מיין פריינט, ס'געפינען זיך טרויעריקע שקרים אין אייערע רעליגיעזע מעשיות. מיין קאָפּ איז נישט אומשטאַנד דיר אָפּצוענטפערן (ער האָט געדוצט דעם גייסט-לעכן), אָבער אָט דאָס יינגל, אונדזער פּלעמעניק, ווייסט אַביסל מער פון אונדז...

— פעטער, — האָט אים אַדריאַן איבערגעשלאָגן אינמיטן די רייד — איך וואָלט זיך נישט געוואָלט היינטיקן אָוונט מישן אין אייער וויכוח; איך בין צו יינג, און מיינע איבערצייגונ-גען קענען פאַרשאַפן ליידן דעם פאָטער סטעפאַן.

דער פעטער אַנגעל האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און אים באַרויקט:

„מיין קינד, דו וועסט דאָ קיינעמס כבוד נישט אָנרירן. מיר זענען דאָ צווישן אייגענע, אָדער כמעט ווי צווישן אייגענע, דו פאַרשטייסט צו ניין? צוליב מיין טובה וועגן דאַרפסטו רעדן דערפון, וואָס דו האָסט געלייענט אין די ביכער. איך לעב איצט בלויז צוליב אמת. שוין גאַנצע צוויי יאָר, ווי איך גריבל זיך, אַזוי אָדער אַנדערש, אין די הייליקע שריפטן, און כ'האָב זיך בלויז דעם קאָפּ פאַרדרייט. מיט וואָס וועסטו דערקלערן, אַדריאַן, וואָס אַזויפיל חכמה געפינט זיך אין דעמדאָזיקן בוך זייט ביי זייט מיט אַזויפיל באָבעמעשיות? אָט לאָמיר נעמען למשל דידאָזיקע אומגלויבלעכע מעשה מיט איובן?"

איבערגעשראָקן דורכן דורכדרינגלעכן בליק פונם גייסטלעכן, האָט אַדריאַן געענטפערט:

„דאָס איז דערפאַר, וואָס די ביבלישע העלדן קענען נישט קאָנטראָלירט ווערן דורך דער געשיכטע. די ביבל איז אַ בוך פון גלויבן, וואָס איז מיט אַ כיוון אָנגעשריבן געוואָרן פאַר מאמינים. זי פאָדערט מ'זאָל גלויבן, אָבער נישט פאָרשן.

— זאָג מיר אָבער, צי קענסטו גלויבן אין אַ גאָט, וואָס נעמט צו ביי אַ טאַטן אַלע זיינע קינדער צוליבן פאַרגעניגן אים אויסצופּרוּוון? ער דאַרף האָבן אַ האַרץ פון אַן אמתן באַנדיט!"

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זיך דער גייטלעכער אַ הייב געטאָן פונם אָרט, ווי אַן אָפּגעבריטער:

„איך פאַרלאָז אייך", האָט ער זיך אָנגערופן, ס'איז נישטאָ פאַר מיר קיין אָרט אין אַ שטוב, וווּ מ'לעסטערט גאָטס נאָמען".

— אָט אויף אַזאַ אופן שטיצסטו דעם איוב, ווי איך בין? — האָט אַנגעל געפרעגט. דריי קינדער האָב איך געהאַט,

און אַלע דריי האָב איך פאַרלוירן. וואָסער פאַרברעכן האָב איך באַגאַנגען, וואָס דיין גאָט שטראָפט מיך אַזוי?

— אומגליקלעכער! גאָטס חסד האָט דיך אויסגעקליבן, כדי דיך צו פאַרעכענען אין דער צאָל פון זיינע קדושים, וואָס וועלן געניסן פונם אייביקן לעבן?

— דיין געטלעכער חסד וואָלט בעסער געטאָן, ווען ער וואָלט מיר לאָזן געניסן פונם ערדישן לעבן, וואָס איז מיר געפעלן, און נישט מאַכן פון מיר אַ שיכּור אָן אַ משפחה און אָן אַ גאָט!״

— קיינער איז נישט ראוי צו משפטן גאָטס מעשים!״

נאָך דידאָזיקע ווערטער, האָט דער גייסטלעכער געגעבן זיין ברכה און איז אַרויסגעגאַנגען.

„אַנגעל״, — האָט צו אים געזאָגט זיין שוועסטער, נאָכן אָוועקגיין פונם גייסטלעכן, — „האָסט זיך באַצויגן מיט קנאַפּ דרך-ארץ צום פאָטער סטעפאַן, האָסט זיך פאַרגעסן אַז ער איז אַ גייסטלעכער.

— אדרבה, שוועסטער, איך האָב זיך געדאַרפט דערמאָנען, אַז ער איז אַ גייסטלעכער, כּדי אים צו זאָגן, אַז איך גלויב נישט אין די אַלע מעשיות פון די גייסטלעכע. דאָס זענען זיי אַליין שולדיק דערין, וואָס איך גלויב נישט מער אין זייער גאָט. צו וואָס גיבן זיי אונדז אַן אַלמעכטיקן אַרכיטעקטאָר, וועלכער מישט זיך אַריין אַלע ווײַלע אין אונדזער לעבן? ס׳איז דאָך קיין וואָרט אמת נישטאָ אין דער גאַנצער מעשה. אָבער דער אמת דאַרף דאָך ערגעץ שטעקן, טאָ ווו זשע? איך ווייס דערפון גאָרנישט. איין זאַך איז פאַר מיר גאָר קלאָר, אַז מיר לעבן,ליידן און וועלן שטאַרבן ווי בהמות, נישט וויסנדיק פאַרוואָס און פאַר ווען. איך ווייס אויך, אַז אונדזער גרעסטער טעות באַשטייט דערין, וואָס מיר פאַרלאַנגען שטענדיק דאָס גליק, אינדערצייט ווען דאָס לעבן לאַכט זיך אויס פון אונדזערע פאַרלאַנגען. אויב מיר זענען גליקלעך,

איז דאָס בלויז אַ צופעליקע זאַך; און אויב מיר זענען אומ־גליקלעך, איז עס אויך דורך אַ צופאַל. אין דעמדאָזיקן ים, פול מיט שטיינער, וואָס רופט זיך אָן לעבן, איז אונדזער שיפל ווי אַ שפּילכל אָפּהענגיק פון כלערליי ווינטן; אונדזער געשיקטקייט איז כמעט ווי אָנמעכטיק. ס'איז איבעריק צו באַשולדיקן עמעצן, אָדער אָנבינדן אונדזער האָפנונג אָן עפּעס אַ זאַך: דאָס גליק אין דאָס אומגליק איז אָנגעצייכנט, בעת מען ליגט נאָך אין דער מאַמעס טראַכט. גליקלעך איז דער, וואָס פילט ווייניק אָדער פילט גאָרנישט. דאָס ביסעלע, וואָס ער פאַרלאַנגט, וואַרפט אים צו דאָס לעבן. און אומגליקלעך איז דער, וואָס פילט און פאַרלאַנגט: ער האָט קיינמאָל נישט גענוג".

אַדריאַן האָט באַגלייט זיין פעטער אין זיין נאָרע. אַנגעל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר זיין טיר און געזאָגט צו אַדריאַנען ביים געזעגענען זיך:

„אַדריאַן! איך וועל אינגיכן שטאַרבן, ווייל מיינע געדערעם זענען פאַרברענט פון בראָנפן. באַטראַכט מיך גוט און דערמאָן דיך יעדעס מאָל, ווען דו וועסט וועלן אַ שפּיי טאָן אויף אַ שכור, אַז איך, דיין פעטער אַנגעל, אַ מענטש וואָס איז שטענדיק געווען ציכטיק און האָט ליב געהאַט דאָס זויבערע לעבן איז געוואָרן אַ שכור, און שטאַרבט אַ שכור: צוליב קיינעמס שולד".

II

פעטער אַנגעלס טויט.

אויפן שלעכטן וועג וואָס פירט פון בראַיילאַ צום דערפל באַלדאָווינעשטי, אײנגאַנצן צעלעכערט פון די לעצטע פריש־געפאַלענע פרילינגס־רעגענס, האָט זיך דעם פעטער דימיס פורל, אײנגעשפּאַנט אין צוויי פערד, שרעקלעך געטרייסלט. אַדריאַן, זיצנדיק אויף אַ ברעטל לעבן זיין פעטער, האָט זיך געקלאָגט אויף בויך־ווייטיק און געבעטן, ער זאָל פאָרן פּאַמעלעך. די פערד, צופרידן וואָס זיי דאַרפן נישט לויפן, האָבן פריילעך געפּירקעט אין דער פרישער באַגינענדיקער לופט און האָבן אָנגעהייבן צו גיין טריט ביי טריט. דעמאָלט האָט די צעשרויפטע אייזנוואַרג פונם געשפּאַן אויפגעהערט צו רוישן און ס'איז געוואָרן שטיל. אַדריאַן האָט זיך אויסגעגלייכט אויף זיין געזעס און מיט אַ ליידנשאַפטלעכן בליק באַטראַכט דעם שוואַרצן שטילן שטח פון מיטן מערץ, וואָס איז נאָך געווען פאַרגליווערט אינם לאַנגן ווינטערדיקן שלאָף.

דער פעטער דימי, כאָטש אַ בראַווער אָרנטלעכער פּויער, איז בטבע געווען אַ שווייגעוודיקער און האָט ליב געהאַט צו קוקן פאַרבאָרגענערייט אַרום זיך. ער האָט מיט נייגעריקייט געקוקט אויף זיין לאַבוזעוואַטן פּלעמעניק, וועלכן ער האָט דערצויגן ביז זיבן יאָר און קומט ערשט צופאָרן פון אַ צווייעריקער רייזע איבער מצרים און קליין־אַזיע. ער האָט אים פון אַ זייט באַטראַכט. אַדריאַן האָט עס באַמערקט, און זיין פאַרגעניגן איז צעשטערט געוואָרן.

„פעטער, האָט ער געזאָגט עטוואָס פאַרביטערט, „אויב דו ווילסט וויסן וואָס איך טו איצט, דאַרפסטו זיך אויסדרייען

צו מיר און מיך באַטראַכטן וויפל דיין האַרץ גלוסט, אָבער נישט בגנבה, ווי אַ דעדעקטיוו. דאָס איז נישט פון די אָנגע-נעמע זאַכן".

אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט דער פויער אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ טאַבאַק-בייטעלע, וואָס איז געמאַכט פון אַ קליינעם חזירישן פענכער, און האָט רויק אָנגעהייבן צו-נויפצודרייען אַ פּאַפּיראָס. נאָכדעם האָט ער מיט אַן איראָנישן אויסזען פאָרגעלייגט דאָס בייטעלע זיין פּלעמעניק, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז אַדריאַן האָט פיינט צו רויכערן שטאַרקן טאַ-באַק. אַדריאַן האָט אים געדאַנקט און פאַררויכערט אַ גוטן עגיפּטישן פּאַפּיראָס.

„דו ביסט שוין נישט מער פון אונדזעריקע", האָט אַ מורמל געטאָן דער פויער, קלאַפּנדיק מיט די קרעמען-שטיינ-דלעך, כדי אָנצוצינדן דעם קנויט.

„זיי מוחל, פעטער! כ'האָב פאַרגעסן דיר פאָרצולייגן פייער".

און פאַרטיפנדיק זיך מיט זיין בליק אין דעם אומענ-דלעכן שטח, האָט ער אין אַ רגע אַרום צוגעגעבן.

„ווייל אַ סך זאַכן באַאומרויקן מיך. קודם, מיין ראַשי-קער צוריקקער, וואָס האָט אַזויפיל צרות פאַרשאַפט מיין מאַ-מען... אָט דידאָזיקע שוואַרצע ערד, וואָס כ'האָב שוין פאַר-געסן, און ענדלעך, דער געדאַנק צו געפינען דעם פעטער אַנגעל אין דעם מצב, וואָס דו האָסט מיר ערשט געשילדערט... אַגב, אפשר ווייסטו צוליב וואָס ער דאַרף מיך האָבן?

— כ'ווייס נישט... ער האָט מיר באַפוילן געכטן אינ-אָווענט דורך אַ באַלעגאָלע, אַז ער וויל דיך דורכויס היינט אינדערפרי זען.

— ער האַלט, הייסט עס, זיין קרעטשמע אָפן?

דימי האָט מיט חידוש באַטראַכט זיין פּלעמעניק:

„ביסטו חסר-דעה? — האָט ער אויף אים אַ געשריי גע-טאָן מיט כעס. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער ליגט שוין פון דריי יאָר אין בעט, און אַז ווערים עסן אים לעבעדיקערייט;

ווילסטו, אפשר, ער זאָל אויפשטיין און דערלאַנגען אַ פּלעשל בראָנפן די פּורמאַנעס? קודם איז ער שוין נישט מער, ווי אַ סקעלעט, און צווייטנס, האָט ער שוין אַלץ איינער אַליין אויסגעטרונקען".

אַדריאַן איז בלאַס געוואָרן און אַזש אַ ציטער געטאָן פאַר שרעק. זיין פעטער האָט עס באַמערקט און האָט אים געוואָלט צוגעבן מוט:

„דו דאַרפסט זיך שטאַרקן, אויב דו ווילסט נישט קראַנק ווערן, אַרויסגייענדיק פון אים. ס'איז באמת נישט קיין אָנגענעמע זאַך צו זען אַ מענטשן אין אַזאַ מצב. ס'איז אים ערגער ווי איוב'ן. יענער, אויב מ'זאָל גלויבן אין די רייד פונם גייסטלעכן סטעפאַן, האָט זיך אויסגעהיילט פון זיין קראַנקייט און האָט צוריק געפונען ביים לעבן זיינע טויטע קינדער און זיינע צוגעגנבעטע בהמות. אָבער אַנגעל וועט שוין מער גאָרנישט געפינען און אַליין וועט ער שוין פון זיין בעט נישט אויפשטיין. פון איובן אָן האָבן זיך די צייטן געביטן. גאָט ווייזט שוין מער נישט קיין ניסים. מסתם צוליב אונדזערע חטאים...

— ווער גיט אויף אים אַכטונג? — האָט אַדריאַן געפרעגט מיט אַ פאַרשטיקט קול.

— קיינער... דאָס הייסט, ס'איז יאָ דאָ לעבן אים אַ יינגל וועלכן דו קענסט נישט מסתם. ווי לאַנג ביסטו שוין נישט געווען אינם דאָרף?

— בערך זעקס יאָר.

— אַלזאָ, אָט וואָס ס'איז געשען. מיט אַ פיר יאָר צוריק האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אונדז אין שטעטל אַן אומבאַקאַנט קינד. פון וואַנען? איין גאָט ווייס פונוואַנען. עס האָט אַזוי געשטאַמלט, אַז פון צען ווערטער האָט מען קוים איין וואָרט פאַרשטאַנען. ער איז געווען אָפּגעריסן אָפּגעשליסן און זיין גאַנצער קערפער איז געווען באַדעקט מיט ביילן. מ'האָט אויף אים שטאַרק רחמנות געהאַט. גוטע מענטשן האָבן אים פאַרזאָרגט מיט אַ געלעגער, מיט עסן און אויך געגעבן אים

די מעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף ברויט. אָבער גאָט האָט קנאַפּ חסד באַוויזן צו אים: דאָס ייִנגל איז נישט געווען ביכולת אָפּצוהיטן ווי געהעריק די צוויי שעפּסן, וועלכע מען האָט אים אָנפאַרטרויט. ער האָט זיי פאַרלוירן און איז צוריק געקומען מיטן שטעקן אין דער האַנט, שרייענדיק און מאַכנדיק פאַרשידענע תּנועות, ווי אַ משוגענער. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט, וואָס ער האָט געשטאַמלט. אַזוי-אַרום האָט ער געוואַנדערט פון איין טיר צו דער צווייטער און זיין הינטער-חלק האָט פאַרזוכט דעם זיסן טעם פון פאַרשידענע מינים שטיוול. פאַרענדיקט האָט עס זיך דערמיט, אַז ער איז געבליבן ליגן אַן אומבאַהאָלפענער אויף דעם בלאָטיקן וועג. אַנגעל האָט אים אַריינגענומען צו זיך און ער איז שוין פון דאַמאָלס אָן ביי אים פאַרבליבן. דורך דער פּאָליציי האָט ער געוואָלט עפּעס דערגיין וועגן זיין אָפּשטאַמונג, ס'איז אים אָבער נישט געלונגען. איצט שמועסט מען, אַז ער האָט אים אָפּגעשריבן אינדערשטיל אַלץ, וואָס ס'איז אים פאַרבליבן פון זיין פאַרמעגן, אָבער מ'שטייגס געזאָגט, וואָס ער האָט אים איבערגעלאָזט: די פּעסער זענען אַלע פּוסט און די שענק איז אַ חורבה. די באַדינונג פונם קליינינקן משרת אַנטשפּרעכט גאַנץ גוט די באַדערפעניש פונם באַלעבאָס און דאָס איז זייער וויכטיק פאַר זיי ביידן. סיי ווינטער, סיי זומער, געפינט זיך דאָס ייִנגל אינדרויסן, כדי זיך צו שפּילן און כדי נישט דערשטיקט צו ווערן ביים לעבעדיקן מת, אין וואָס ס'איז פאַרוואַנדלט געוואָרן מיין אָרעמער ברודער. ווייל אַנגעל, וועלכער איז צוגעשמידט צו זיין בעט און זיין קערפּער איז אַן אומפּילבאַרע ווונד, נייטיקט זיך מען זאָל אים יעדע פערטל שעה דערלאַנגען אַ קליין גלעזעלע בראָנפן. אַליין קען ער דאָס פּלעשל נישט אויפהייבן. אָבער אַזוי ווי דאָס ייִנגל געפינט זיך שטענדיק אויף דער גאַס און ביי אַנגעלן איז די שטימע זייער שוואַך געוואָרן, שרייען קען ער נישט, טאָ וואָס זשע האָט ער אויסגעטראַכט? אַלזאָ, ער האָט זיך פאַרזען מיט אַ פייפעלע, אַזעלכע ווי אונדזערע זשאַנדאַרמען האָבן,

און ווען ער נייטיקט זיך, הייבט ער אָן צו פייפן. אינדרויסן איז דער יינג פינקטלעך, ווי אַ זייגער; אַז ס׳קומט אָן די געהעריקע צייט שפּילט ער זיך לעבן אָפענעם פענסטער, האַרטנ־דיק אויף אַ נפייף. אַזוי איז זומער. ווינטערצייט בעת די פענסטער זענען פאַרקלאַפּט און פאַרשטאָפּט, לויפט דער קליי־נער לאָבוז אַרום אויף דער גאַס מיט זיין שליטעלע. וואָס זשע טוט מען? כסדר אַריינגיין און אַרויסגיין דאָס קילט אָפּ דאָס צימער, און ס׳דערעסט דעם דינער. מאַכט זיך, אַז דער חולה האָט באַמערקט אַ לאָך, גרויס ווי אַ טרינק־גלאָז, וואָס שניידט דורך די וואַנט, אינדערהויך ביים פענסטער. די לאָך איז שטענדיק פאַרשטאָפּט מיט שטרוי וואָס דער קראַנקן־וועכטער פון דרויסן שלעפּט אַרויס, ווען ס׳קומט אָן די געהעריקע רגע.

„ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דאָס יינגל פאַרטראַכט זיך אַמאָל. דאַמאָלס, איינער אַליין מיט זיין גורל, פייפט אַנגעל אַביסל צו לאַנג, פאַר זיין ביטערן טראָפּן. ער קען אָבער איצט מוחל זיין. חוצדעם, ווען ער וואָלט אים אפילו יאָ געוואָלט פאַר־בייטן, קען ער עס נישט. דער יינג איז פון גאָט אַליין גע־שיקט געוואָרן צו באַדינען אַ דורכגעפוילטן מענטשן, — און דעם ברודערס קראַנקייט איז געמאַכט געוואָרן, כדי דער קליי־נער שטומער נע־ונעדניק זאָל קענען לעבן.

„איך וואָרן דיך: אַז דו וועסט צוקומען צו דער שטוב, גיב צוויסן וועגן דיין קומען, פּראָביר נישט אַריינצוגיין אָן דעם קליינעמס וויסן: דער לאָבוז שלאָגט ווי אַ טויב־שטו־מער; ס׳איז זייער לייכט צו באַקומען פון אים מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ. זיין שטעקן לאָזט ער קיינמאָל נישט אַרויס פון די הענט".

דאָס פּאָרל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שיידוועג.

„פונדאַנען קענסטו גיין צו פוס"- האָט דימי אָנגעזאָגט.

— דו וועסט מיך נישט באַגלייטן?

— ניין, כ׳האָב עפּעס אָן ענין צו דערלעדיקן. חוצדעם, איז בעסער דו זאָלסט גיין אַליין".

אַדריאַן האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דימין און פאַרקערעוועט

צו זיין פעטער אַנגעלס קרעטשמע, וועלכע ער האָט זיך פאָרגעשטעלט טרויעריקער ווי אַ טויטן-הויז.

דער וועג איז געווען בלאָטיק; די פיס האָבן כסדר פאַר-זונקען אינם קלעפּעדיקן קוואַטש. פאַר אים און אַרום אים האָט זיך געצויגן אַ ברייטע שוואַרצע קאַלטע און נאַסע איינ-זאַמקייט, ערטערווייז באַזייט מיט ווייסע כאַטקעס, און פענ-סטערלעך בלויע, ווי העט ווייט מעבר-לים. פון אַלע דעכער האָבן זיך געצויגן לאַנגע רויך-זיילן.

• •
•

אַדריאַן איז צו יענער צייט אַלט געווען פונפאונצוואַנ-ציק יאָר. במשך פון די לעצטע זעקס יאָר פלעגט ער בלויז עטלעכע חדשים יערלעך פאַרברענגען אין זיין געבורטס שטעטל, די איבעריקע צייט איז ער געווען אין בוקאַרעשט (וווּ ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער באַ-וועגונג) ענדלעך האָט זיין פאַסירונגס-לעבן אַ סך עגמת-נפש פאַרשאַפן זיין מאַמען און זיין פעטער אַנגעל, וועלכער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט זיין פּלעמעניק.

דער גרויסער שיכור האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט האָבן אַ שמועס מיטן משוגענעם וואַנדערער, וועלכער האָט זיך צו אַלץ גענומען און אויף קיין זאַך זיך נישט אָפּגעשטעלט. ס׳האָט זיך אים קיין איין זאַך נישט איינגעגעבן. אַדריאַן פלעגט זיך באַווייזן און תיכּף נעלם ווערן ווי אַ שאָטן. דאָסמאָל האָט מען אים גערופן צו דער צייט; דימי איז צו אים געקומען צופאָרן מיט זיין פורל באַגינען און ער האָט געמוזט נאָכגעבן.

יאָ, נ אָ כ ג ע ב ן. נישט מיט קיין גרינג האַרץ איז ער געגאַנגען זען דעם מענטשן, וואָס דער גורל האָט אַזוי באַעוולט. זיין פּחד איז איצט געווען אַ סך גרעסער ווי אין דער נאַכט פון פּסח, אין דער נאַכט, ווען ביידע ברידער האָבן „שלום געמאַכט”. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער

גייט זיך איצט שטעלן צו אַ געריכט, ווו זיין גורל וועט געמשפּט געוואָרן און פונוואַנען ער וועט אַרויס אַ פאַרמשפּטער.

„ער בעט זיין טראָפּן מיט דער הילף פון אַ פייפל!"

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּרט, האַלטנדיק אַז דאָס איז דער קולמינאַציע-פּונקט פון זיין פעטערס אומגליק.

איבערקייענדיק נאָכאַמאָל זיינע געדאַנקען און איבער־הויפּט די פּראַגע, פאַרוואָס דער קראַנקער וויל זיך דורכאויס מיט אים זעען און שמוסן, האָט ער זיך מיט אַמאָל געפונען אויף דער צווייטער זייט פונם דערפל, אויף אַ הונדערט טריט פון דער חורבה, וואָס מ'האָט אַמאָל געקענט אָנרופן קרעטשמע. ער האָט פאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט און באַטראַכט די ערטער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער איז געוועזן שטאַרק גערירט. אויס נייגעריקייט האָט ער צוערשט געוואָלט אָפּזוכן דאָס באַרימטע קינד, דעם שומר און צערבער, וועלכער האָט זיך שטענדיק געפונען אינדרויסן. מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן האָט ער דורכגענישטערט דעם גאַנצן שטח אַרום דער שטוב. קיין זאַך האָט זיך דאָרט נישט באַוועגט. העט ווייט אויפן גרויסן גאַלאַצער שליאַך האָבן די פורמאַנעס געשריגן און אָפּגעענטפערט איינער דעם צווייטן, בעת אונטערן בלייענעם הימל האָבן זיך געדרייט אין אַ ראָד טויזנטער קראָען, צו־געבנדיק אַ גרעסערע מעלאַנכאָליע דער איינזאַמקייט.

אַדריאַן האָט זיך דערנענטערט ווי אַ שולדיקער, ווי אַ גנב. ער האָט באַמערקט, אַז דער דאַך פון דער קרעטשמע איז אויף דער העלפט געווען איבערגעדעקט מיט פרישן ראָר. די גרויסע שאָפּע, ווו ס'פלעגן אַמאָל שטיין די פערד פון די פורמאַנעס, איז פאַרשווונדן געוואָרן. אויף איר אָרט האָט זיך געפונען אַ קליין סטאָגעלע פון פייכטע, צונויפגעפּרעסטע היי. דאָס הויז אַליין איז נאָך מער ווי פריער איינגעזונקן געוואָרן אין דער ערד. די טיר, ווי אויך די צוויי פענסטער האָבן זיך איינגעבויגן שטאַרק אין אַ זייט, פאַרלירנדיק זייער

דערטיקאַלע פּאָזע. וואָס שייך די שויבן, זענען זיי געווען שמו־ציקער ווי דעמאָלט, ווען דער פּעטער אַנגעל האָט זיי צע־בראָכן אינם שיינעם אָפּגעבערענטן הויז.

„אָט דאָ גוססט איצט דער מענטש, וואָס האָט אַמאָל אַזוי ליב געהאַט זויבערקייט!" — האָט אַדריאַן געטראַכט.

נישט זעענדיק דאָס יינגל, איז ער אַוועק צו דער טיר. אין דערזעלבער רגע האָט דער אויסטערלישער שומר אַרויס־געטויכט פון הינטערן סטאָג, מאַכעווענדיק מיט אַ גרויסן פלאָקן און געשאָטן מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, ענלעך צו די קוויטשערייען פון אַ געשלאָגענעם הונט. אַדריאַן איז געבליבן שטיין רויק פאַר דערדאָזיקער אויסטערלישער דערשיינונג. איינגעהילט אין אַ גרויסן צעפליקטן רעקל, וואָס האָט ביי אים דערגרייכט ביז צו די קני, מיט לאַנגע פיס, ווי ביי אַ באָטשאַן, באָרוועסע און פאַרבלאָטיקטע, האָט דאָסדאָזיקע יינגל קוים געטראָגן אויף זיין מאָגערן, אויסגעצויגענעם האַלדז אַן אומגעהויערן קאָפּ, ענלעך צו אַ צעקוועטשטן אַרבוז, וועל־כער האָט זיך אָן אויפהער געוואַקלט צווישן זיינע אַקסלען. אַדריאַן איז געשטאַנען און געשטוינט.

„איך וויל אַריינגיין צום פּעטער", האָט ער אָ זאָג געטאָן מיט אַ מין געפיל פון עקל. אָנשטאָט אָפּצוענטפערן האָט דאָס זיבעלע פאַרשטעלט די טיר און אויפגעהייבן דעם פלאָקן. נאָכדעם, בעת ער האָט זיך איבערגעצייגט, אַז דער פרעמדער גייט נישט ווייטער, האָט ער אויפגעעפנט די טיר. פאַרשוווּנדן אינעווייניק און פון אינעווייניק פאַריגלט די טיר.

אַדריאַן האָט באַמערקט דעם שטרויענעם שפּינדל, וואָס האָט פאַרשטאָפּט די לאָך אין דער וואַנט; ער האָט אים אַרויס־געצויגן און צוגעלייגט דאָס אויער. ער האָט דערהערט, פאַר־שטיקטע אוממענטשלעכע קולות, אָבער אַנגעלס שטימע האָט ער נישט געקענט דערקענען.

ענדלעך, האָט די טיר אַ סקריפּ געטאָן און דער אויס־טערלישער פאַרשוין האָט פאַרבעטן אַדריאַנען אינעווייניק,

אויסציענדיק די האַנט מיט אַ קאָמישע גלייכצייטיק טראַגישע באַוועגונג.

אַדריאַן איז אַריינגעגאַנגען אין דער אַלטער קרעטשמע, וועלכע איז איצט בלויז געווען אַ שטאַל מיט צווייגן, אָנגעשניטענע פאַרן פייער. דער דעמבענער טיש, וואָס האָט אַמאָל געבליאַסקעט, איז געלעגן אַ צענומענער אין אַ ווינקעלע צוזאַמען מיט פלעשער, קאַראַפקעס און גלעזער. דורך אַ גרויסער לאָך אינם שטרויענעם דאַך האָט מען געזען דעם הימל. דער קעלער איז געווען איינגעלייגט, און אַ ריח פון שימל האָט אָנגעפילט די לופט; די רעגנס און די שנייען האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ זומפּ די פּאָדלאָגע פון איינגעקלאַפּטע ערד. דידאָזיקע שטומע זאַכן האָבן אַזוי אויסגעשריגן זייער יאוש, אַז אַדריאַן האָט זיך געפילט ווי צוגעשמידט צום אָרט. דאָס האַרץ האָט אים אַ קלעם געטאָן, דערזעענדיק דאָסדאָזיקע בילד פון אַ לעבנס-באַנקראָט. ער האָט צו זיך געזאָגט:

„און דאָס איז ערשט בלויז דער פאָדער-צימער".

דערשטיקנדיק אין זיך דעם שטאַרקן חשק צו אַנטלויפן, האָט ער געעפנט די טיר פונם חולהס צימער.

אַ שרעקלעכע שטינקערײַ פון אַ מת פון טינוף און פון השתנה. זייגע אויגן, צעפרעסן פון אַמאָניאַק, האָבן זיך פאַרמאַכט. ער האָט אָבער באַוויזן צו דערזען אַ רוקן, אַ קאָפּ, וואָס האָט געבליאַסקעט ווי אַן אָנגעבלאָזענער פענכער, און אַן אויסגעדאַרטע האַנט, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון אַ געלעגער באַדעקט מיט פאַרעיפּעשטע זעק.

אַדריאַן האָט זיך איינגעבויגן איבער דערדאָזיקער אויסגעדאַרטער האַנט און דאָרט צוגעדריקט זיין שטערן. די האַנט איז געווען קאַלט ווי אייז. דער חולה האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

„הויב זיך אויף... אַדריאַן... און האַלט מיך אונטער...
אַדריאַן האָט אַ ציטער געטאָן. דאָס איז נישט געווען

קיין מענטשלעך קול, אַנגעלס מענלעך קול, נאָר אַ מין נאָז־מיאַוקעריי פון אַ קינד, וואָס גוססט פון טובערקולאָז.

ער האָט זיך אויפגעהייבן, דאָס היטל אין דער האַנט, און איז געבליבן שטיין אַ דערשלאָגענער אינמיטן דעם צימער, פנים צו פנים מיטן קראַנקן. דערדאָזיקער חולה איז נישט געווען זיין פעטער אַנגעל; דאָס איז געווען אַ זקן מיט אַ פנים פון אַ מומיע, מיט אומגעהויער־גרויסע, בלישטשענדיקע שוואַרצאַפּלען, אָן ברעמען, וואָס זענען געווען, איינגעגראָבן אין צוויי אָפּגרונט־לעכער, מיט אַן אויסגעצויגענע דינע נאָז, ענלעך צו אַן אויסגעשפּיצטן עק פון אַ מעסער, מיט אויסגעטרוקנטע ליפּן און אַן אויפגעעפנט מויל. קליינע גרויע הערלעך האָבן באַדעקט האַלדז און נאַקן פון איין אויער ביז צום צווייטן. די באָרד, וואָס איז אַמאָל געווען צוגעקעמט און גלאַנציק־שוואַרץ, האָט איצט אויסגעזען ווי אַ הויפן וואָל, באַצויגן מיט אַ ווייסקייט פון אַ רויך. צוגעבנדיק דערצו די צוויי סקעלעטישע הענט, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אין די אַרבל פון אַ ברודיקן רעקל, איז געווען אַלץ, וואָס מען האָט אַרויסגעזען פון דער קופּע צודעקן, זעק און דורכגעפּוילטע טראַנטעס. דאָס איז געווען דער גאַנצער פעטער אַנגעל.

. . . .

„זעץ דיך אַנידער... דאָרטן... אויף אַ שטול, ס׳עקלט דיר?...

— ניין, פעטער. איך בין אומגליקלעך, וואָס איך געפין דיך אין אַזאַ מצב...

— דו ביסט אומגליקלעך... פאַרוואָס? איך נישט...

— דו מוזט שרעקלעך ליידן:

— באַרויק זיך... איך לייד שוין מער נישט. נאָר דער קאָפּ לעבט נאָך; דאָס איבעריקע... איך פיל עס שוין נישט. ס׳איז פאַרענדיקט... דאָס איבעריקע... נאָר דער קאָפּ!.. ס׳אַרא אויסגעצייכנטע זאַך דאָס איז!

ער איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, צוגעפעסטיקט דעם בליק אויף זיין פלעמעניק, און דערנאָך געזאָגט מיט איבערצייגונג:

„כ'האָב נאָך געזאָלט שטאַרבן מיט דריי טעג צוריק... ווייל אַלע געדאַנקען האָבן זיך שוין ביי מיר אויסגעשעפּט. אָבער מיטאַמאָל איז ירמיהו אַריינגעקומען צו מיר אינאָווענט און האָט מיר געבראַכט די בשורה, אַז דו ביסט געקומען צו פאָרן... דאַמאָלס האָב איך אָפּגעלייגט מיין טויט און באַשלאָסן וואַרטן אויף דיר.

— פעטער, וואָס רעדסטו? מ'שטעלט נישט אָפּ דעם טויט ווען ער קומט, ער קומט נישט ווען מ'וויל, סיידן דו האָסט זיך אַליין געוואָלט נעמען דאָס לעבן.

— יאָ, האָט אַנגעל גוטמוטיק מסכים געווען, יאָ, כ'ווייס אויך פון דעמדאָזיקן נאַטירלעכן געזעץ. זאָג מיר אָבער, אַדריאַן, — דו ווייסט דאָך אַ סך שיינע זאַכן פון די ביכער, — ביסטו זיכער אַז די וועלט ווייסט שוין אַלץ?

— אָ, ניין! האָט אויסגעשריגן אַדריאַן... ס'איז נאָך דאָ אַ סך צו דערגיין!

— זייער גוט... און צווישן דידאָזיקע פאַרבאָרגענע זאַכן רעכן אויך אַריין דאָס, וואָס דיין פעטער אַנגעל וועט דיר זאָגן: דער געדאַנק איז פונקט אַזוי שטאַרק ווי דער טויט: ער צעשטערט אים נישט, ער קען אים אָבער אויפרעגן".

אַדריאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער חולה רעדט נישט צו דער זאַך, און ער האָט זיך נאָר צוגעהערט אויס העפלעכקייט. ער האָט באַטראַכט אויף זיין נאַקעטן קאָפּ די סמנים פון די ווונדן, וואָס האָבן זיך געצויגן אין אַלע זייטן, און וועלכע האָבן געשטאַמט פונם שרעקלעכן אָנפאַל אויף אים אין זיין אייגענער קרעטשמע.

„דו באַטראַכסט דעמדאָזיקן צעטראַסקעטן קאָפּ, האָט זיך אַנגעל אָנגערופן. דו ווייסט: אַ מענטש מיט אַן אָפּגעשוואַכטן געדאַנק וואָלט שוין צוויי מאָל געקענט שטאַרבן, ווייל דורכן געדאַנק שטאַרבט מען. ווען די מינוט פון צעשטערונג דערנענטערט זיך, שטעלט זיך דעמאָלט אַנטקעגן דער שטאַרקער מוח, קעמפט, האַלט מלחמה מיטן טויט און, אין געוויסע פאַלן, דערווייטערט ער דעם טויט אויף אַ ווייַלע, באַזייטיקט אים

אַזוי אויך, אין יענעם טאָג, ווען איך בין אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, האָב איך מיטן פולן באַוווסטזיין געשפּירט, אַז איך בין געפאַלן אין חלשות און אַז ס׳שטייט מיר פאַר די סכנה צו פאַרזינקען אין גסיסה. און כאָטש איך בין אויסערלעך געווען אין אָנמאַכט, דאָך האָט מיין מוח געאַרבעט ווי געהעריק און כ׳האָב גוט געהערט, וואָס די כירורגן זאָגן וועגן מיר. אויף קיין רגע האָב איך זיך נישט געלאָזט באַהערשן פון דעם „נישט-זיין״, ווייל איך וואָלט דאָרט געקענט פאַרבלייבן אויף אייביק. כ׳האָב אָן אויפהער געטראַכט וועגן לעבן״.

אַגגעל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, כּדי אָפּ-צוכאַפּן דעם אָטעם. אַדריאַן האָט געהאַט אַן איינדרוק, אַז ער געפינט זיך פאַר איינעם פון די באַלזאַמירטע פּרעהס פונם בולאַקום מוזיי אין קאַירע, פון עפּעס אַ פּרעה, וועמענס אָפּע-נע אויגן פינטלען נישט. די באַוועגלעכע, אויסגעצ־רוקנטע און דורכזיכטיקע הויט פון פּנים האָט געלאָזט זען אַלע געזיכטס-ביינער, איבער וועלכע זי איז געווען איבערגעצויגן, ווי אַ דין פּאַרמעט-בלאַט וואָס קען פּלאַצן ביי יעדער באַוועגונג.

און אָט, הייבט זיך אויף פּאַמעלעך די האַנט, וואָס איז געווען באַהאַלטן ביי דער וואַנט, און צוגעטראָגן צום מויל אַ בליי-פּייפעלע, צוגעבונדן צום קליינעם פינגער. מיט אַן ערנסטער מינע האָט דער פּעטער אַנגעל דערלאַנגט עטלעכע קורצע פּייפן. מ׳האָט גוט געזען, אַז די לופט גייט נישט אַרויס פון די לונגען, נאָר פונם מויל. די האַנט האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן זאַק, וואָס האָט צוגעדעקט די ברוסט. די מוראדיק-צעעפנטע אויגן האָבן זיך אַזוי העפטיק אָנגעצילט אויף אַדריאַנען, גלייך זיי וואָלטן געהאַט בדעה אים צוצו-שמידן צו דער וואַנט.

„פּעטער״, האָט זיך אַדריאַן אָנגערופן, זיך איופהייבנ-דיק פונם אָרט; „דו ווילסט עפּעס?

— בלייב אויף דיין אָרט! ווען מיר סיי ווי נישט קענען באַדינען״

אינם זעלבן מאָמענט האָט זיך די טיר פון דער אכסניה אויפגעעפנט, ווי אונטערן שטויס פון אַ ווינט, און דער האָס־טיקער משרת האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער. דער באַלע־באָס און דער משרת האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט. דערנאָך האָט דער לעצטער אויפגעהייבן אַ פלעשל בראָנפן, וואָס איז געשטאַנען צופוסנס פונם בעט, אָנגעגאָסן אַ קליין גלעזעלע און עס אויסגעליידיקט אינם מויל פון חולה. נאָך דערדאָזיקער אָפּעראַציע, איז ער תיכף נעלם געוואָרן.

אַדריאַן האָט שווייגנדיק זיך צוגעקוקט צו דערדאָזיקער סצענע. ער האָט געוואַרט אויף זיין פּעטערס אַ דערקלערונג. יענער האָט גאַנץ רויק ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון זיי־נע געדאַנקען:

„איך זע, אַז דו באַציסט זיך מיט אומגלויבן און מיט אַ מין חסד צו מיינע ווערטער, אָבער איך האָב נישט אויף דיר קיין פאַראיבל: ס'איז פאָרט שווער צו פאַרשטיין דאָס, וואָס מ'האָט אַליין נישט איבערגעלעבט. טאָ הער זיך איין... שוין דריי יאָר, ווי איך שטעל נישט אַראָפּ קיין פוס פון דעם געלעגער. דריי ווינטערס, דריי פרילינגס, פונקט אַזויפיל זו־מערס און הארבסטן, ווי איך ליג כסדר אויף מיין רוקן און באַטראַכט דעם שוואַרצן סופיט. דידאָזיקע צייט האָב איך אַמ־שטאַרקסטן געפילט אין מיין גאַנץ לעבן. שוין פון אַ יאָר צייט, אַז איך עס און שלאָף כמעט נישט. אין די לעצטע זעקס חדשים — לחלוטין גאָרנישט: נישט קיין ברעקל ברויט און נישט קיין רגע שלאָפן. אָבער איך טרינק, און טרינק דעמדאָזיקן בראָנפן. בייטאָג גיסט אין מיר אַריין דער יונג די משקה, וואָס דו האָסט אָקאָרשט געזען. ביינאַכט, כדי נישט אומצוקומען און כדי נישט וועקן דעם אומגליקלעכן נפש, סמאָ־קע איך אַ גאָמבקע, וואָס מ'ווייקט איין אין בראָנפן. אָט ליגט עס דאָרטן אויפן טיש. אינדערפרי איז זי אויסגעטריקנט, פאַר־ברענט פון מיינע ליפּן".

אַדריאַן האָט זיך פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט:
„פעטער!" האָט ער אויסגעשריגן, „ס'אַ שרעקלעך לעבן!..

— שרעקלעך, זאָגסטו, ליבינקער מיינער? שרעקלעך מעגלעך... ס'איז אָבער לאָגיש צוגעפּאַסט צו מיין גורל... כ'האָב געוואָלט האָבן אַ פולשטענדיק גליק, אַ לייכט לעבן, דעם העכסטן תענוג פון דעם אייטעלן, גאוההדיקן לייב... און כדי דאָס צו באַקומען האָב איך אָנגעשטרענגט מיינע אַלע כוחות. צוואַנציק יאָר קאַמף, כדי צו דערוועבן אַ שיינע פרוי, וואָס ווערט איינגעשלאָפן ביים עסן; אַ פּרעכטיק הויז, וואָס ברענט אָפּ ווי שטרוי; בהמות, וואָס ווערן פאַרשווונדן; קינדער, וואָס שטאַרבן; געלד, וואָס ציט צו גזלנים; און אַ ריין העמד, וואָס ווערט אויפצומאָרגנס שמוציק. און דאָס אַלץ צוליב אָט דעם גוף, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון מיין קאָפּ; וואָס איז מיר געוואָרן פונקט אַזוי פרעמד, ווי די זעק, וואָס דעקן אים צו; צוליב דעם גוף, וואָס פוילט איצט, וואָס איז נישט מער, ווי אַ שטיק פּגירה!... אַ פערטל דור האָב איך פאַרבראַכט אַ מענטשלעך לעבן, אַלס שקלאַף פון דערדאָזיקער נבלה, וואָס איך וואָלט איצט געוואָלט זען, וויאַזוי קראָען עסן זי אויף, פונקט ווי די ווערעם פאַרצערן זי איצט. אָבער קיין איין מינוט האָב איך זיך נישט אַרומגעזען, אַז כ'פאַרמאָג אַ קאָפּ, מאַרך, ליכט, צו וואָס די פוילעניש און די ווערעם האָבן קיין שליטה נישט...

דער חולה איז אויף אַ לענגערע צייט אַנטשוויגן געוואָרן, אָפּגעמאַטערט פון אָנשטרענגונג. אַדריאַן, וועלכער האָט קוים געקענט איבערטראָגן זיין בליק, האָט זיך אַליין געשטעלט די שאלה, צי דער פעטער האָט אים נישט אַמאָל עפּעס פאַרצוואַרפן. ער האָט געטראָפן.

„אַדריאַן!... כ'האָב דיך גערופן — דיר צו זאָגן, אַז כ'בין מיט דיר נישט צופרידן!"

אונטערן בייטש פון אַזאַ מין פאָרוואורף, האָט דער יונג אַזש אַ ציטער געטאָן אויפן אָרט.

— אומצופרידן מיט מיר? פאַרוואָס, פעטער?

— ווייל דו ביסט אַ לעב־יונג! ווייל דו פאַרגעסט וועגן דאָס ליכט פון דיין קאָפּ און וועגן מיינע אַמאָליקע רייד!... דאָס איז בלויז דערלויבט טויזנטער פאַרפינסטערטע שטערבלע־כע ווי איך, אָבער נישט דיר, אַדריאַן, דו הערסט? נישט דיר, אין וועמענס מאַרך דאָס ליכט איז אַריינגעדרונגען אין די צאַרטעסטע קינדער־יאָרן! צי געדענקסטו, ווען דו ביסט אַלט געווען פופצן יאָר, — די עלטער, בעת מ׳שפּילט זיך מיט פּאַפּירענע פלי־שלאַנגען, — פלעגסטו קומען צום פעטער אַנ־געל אין זיין ריינער גאַסטפריינטלעכער שענק, כּדי אים צו דערציילן וועגן אַסטראָנאָמיע און ער זאָל דיך באַוואונדערן? צי געדענקסטו מיט וואָסער אויפריכטיקייט מיר אַלע, — איך און מיינע ווילדע באַלעגאָלעס, פלעגן דיר קוקן אין מויל אַריין, פון וועלכן ס׳האָט זיך געגאָסן די הימלישע חכמה? אַך! דידאַזיקע פאַרגאַנגענהייט! איך זע זי, גלייך ס׳וואָלט ערשט נעכטן געווען! איינדרויסן בלאָזט אַ ווינט, און ס׳פאַלט אַ שניי... אין שענק איז אַ מחיהדיקע וואַרימקייט, אַרבעטער מיט ניין מאָס רייד, אַ תענוג צו לעבן... איך האָב געשניטן די געראויכערטע סאַלע, נישט געוויגן, נישט גערעכנט, נישט געקאַרגט, און האָב אָנגעגאָסן דעם ווייַן מיט אַ ברייטער האַנט, פון גאַנצן האַרצן... מ׳האָט געגעסן, געטרונקען, געלויבט דעם אויבערשטן און זיך צוגעהערט צו דיינע רייד, וועלכע פלעגן צעשמעטערן זיין בנין, פאַרפּלאַפּאַכן די וועלטן, מעסטן די שטערן און אויסלאַכן די שטותערייי פון די פּאָפּן!... כאַ, כאַ!... ווי דאָס פלעגט מיר געפעלן! אַפילו די באַלעגאָלעס האָבן הנאה געהאַט פון דיינע רייד. עמיצער האָט זיך אָנגערופן: „ווער איז דערדאָזיקער בחור, וואָס דרשנט ווי פון אַ בוך אַרויס? — „ס׳איז דאָך מיין פלעמעניק, צו אַלדע רוחות!“ — האָב איך אָפּגעענטפערט, שטאָלצירנדיק מיט דיר און מיט זיך, וועלכער איז געווען אַ גרויסער עם־הארץ. „ס׳איז דאָך דער איינציקער זון פון מיין עלטערער שוועסטער, אַ געליבטע, וועלכע האָט צו צוואַנציק יאָר איר גלייכן נישט געהאַט!...“

און אָנכאַפּנדיק דעם גרויסן צען־ליטערדיקן קרוג מיט

חיין, פלעג איך, לויט מיינעם אַן איינפאַל, אָנפילן די ליימע־נע טעפלעך, וועלכע האָבן געליטן פון טרוקעניש, ווי אַ פעלד' וואָס איז געבראָטן פון דער יוני־זון...

. . . .

„אָבער גענוג שוין! ווייט, ווייט זענען פון מיר דידאָ־זיקע שרעקלעכע זכרונות! און דו אַדריאַן, מיין פלעמעניק, דו ביסט מחויב מיר אויסצוהערן, דו מוזט מיר פאָלגן! האָסט גאָרנישט וואָס צו האָפן און וואָס צו דערוואַרטן פון אַ לעבן, וואָס צעברעכט דעם מענטשן, וואָס פאַרסמט דעם גוף און נעמט צו דעם שכל פונם קאָפּ. וואָסער ווערט האָט דאָס אומ־פאַרשעמט לעבן, וועלכן דו גיסט דיך איבער? אָט דערדאָ־זיקער מלבוש, וואָס איז געמאכט אויף דיין מאָס? אָט דאָס בלישטשנדיק קעלנערל? אָט די זויבערע מאַנזשעטעלעך? וואָס? צי נויטיקט זיך דען אין די אַלע שמאָכטעס אַ ייִנ־גערמאַן, וואָס פאַרשטייט דאָס ליכט פונם הימל און וועמען ס'איז באַקאַנט דער אומגליק פון זיין פעטער אַנגעל?"

פול מיט דרך־ארץ צום חולה האָט אַדריאַן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. פעסטע אַרגומענטן זענען אים געלעגן אויפן שפּיץ פון דער צונג, אָבער ער האָט נישט געהאַט גענוג דרייסטקייט אויף אָפּצוענטפערן. און בשעת ער, אַ שווייגנדיקער, האָט זיך געחידושט איבער דער שטרענגקייט פון זיין פעטער, האָט יענער צוגעטראָגן דאָס פייפל צו זיינע טויטע ליפּן און גע־דולדיק, פאַמעלעך, מיט אַ קורצן אָטעם, אָנגעהייבן צו רופן זיין משונהדיקן משרת, וועלכער איז באַלד אַריינגעקומען, אָנ־געפילט דאָס גלעזל, אַריינגעגאָסן די משקה אינם מויל פון זיין באַלעבאָס, ווי אין אַ לאָך, און תיכף צוריק אַרויס, שאָק־לענדיק מיטן קאָפּ און מיט די הענט.

„צוריק מיט דריי יאָר" — האָט דער חולה ווידער אָנ־געהייבן, — האָב איך זיך דערוווסט פון זייער אַ מיאוסער געשיכטע: צוזאַמען מיט אַן אויסגעלאַסענער חברה, וועלכע

פֿאַסט נישט פאַר דיין ליכט, ביסטו אין אַ געווויסן אָוונט אַוועק אויף אַ פאָלקס-באַל אין בראַיילא און דו האָסט דאָרטן פאַר-דרייט דעם קאָפּ אַ יינג מיידל. דיזעלבע נאַכט ביסטו געשלאָפֿן מיט איר. אויפצומאַרגנס האָסטו זי אַוועקגעוואָרפֿן און האָסט געמאַכט פליטה קיין בוקאַרעשט. אין פופצן טעג אַרום האָבן דיך די פּאָליציאַנטן געבראַכט צופירן לויטן באַפעל פונם אויספאַר-שונגס-ריכטער. אין אַ חודש אַרום האָסטו באַקומען אַ שענד-לעכע שטראָף פון פופצן טעג תּפיסה פאַר „פאַרפירן אַ מינ-דעריעריקע".

אַדריאַן איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן:

„כ'האָב קיינעם נישט פאַרפירט, פעטער. די מינדעריע-ריקע איז אַריינגעשטיגן אין קאָטש מיט איר אייגענעם ווילן. און דאָס איז ביי איר נישט געוועזן צום ערשטן מאָל. דער קרבן פון דעמדאָזיקן פאַרס בין איך גאָר געווען... ווייל אַנ-דערש וואָלט איך לויטן געזעץ געדאַרפט אָפּזיצן גאַנצע דריי יאָר".

— גאַנץ מעגלעך. נאָר דו ווייסט דען נישט, אַז אַ מינ-דעריעריקע האָט נישט קיין אייגענעם ווילן און אַז זי געפינט זיך אונטערן רשות פון אירע עלטערן?

— מ'בעט נישט ביי קיין עלטערן די טאָכטער, מיט וועלכער מ'וויל זיך דורכשלאָפֿן.

— מסכּים! מ'שלאָפֿט אָבער נישט מיט מיידלעך, וואָס קענען דיך אויפצומאָרגנס אַוועקטראַנספּאָרטירן אין תּפיסה אַריין".

דער פעטער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער. אַדריאַן האָט געשוויגן. דער ערשטער האָט ווייטער גערעדט:

„נישט בלויז דאָס אַליין האָב איך דיר פאַרצוואַרפֿן. איך ווייס, אַז צוליב דער געשיכטע איז דיין מאַמע אויס בושה געפערלעך קראַנק געוואָרן. די עלטערן פון דער בתולה זענען געקומען פאָדערן זאָלסט מיט איר חתונה האָבן. און בשעת דו האָסט זיך אַרומגעשפּאַצירט אין בוקאַרעשט, האָט די גאַנצע גאַס געליאַרעמט אויף דער מאַמען פון אַן אויסגעלאַ-סענעם זון. דיר איז דאָס זייער ווייניק אָנגעגאַנגען, אַזוי

חייניק אַז, זייענדיק אין אַ שלעכטער לאַגע, האָסטו צו איר געשריבן, זי זאָל דיר אַרויסהעלפן מיט געלט. קוים אויפגע־הייבן זיך פון איר קראַנקייט, האָט זי געדאַרפט גיין זיך בויגן איבער די וועש און צונויפקלייבן אַ פּאָר גראָשן, כּדי דיך אַרויסצוהעלפן... אויב דו רופסט דאָס אָן קינדער־ליבע, גיב איך דיר נאָך. דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. וועסט באַלד זען, אַז איך ווייס אַלע פּרטים פון דיין לעבן... צוליב דיין אַרעסט איז דיין מאַמע געווען געצוווּנגען אינמיטן ווינטער איינפּאַקן אירע שמאָכטעס און אָפּזוכן זיך אַן אַנדער וווינונג, וואָס האָט געקאָסט אַ סך טייערער. ענדלעך ביסטו אַרויס פון תּפיסה און דו האָסט זיך ווידער פאַרדרייט אַ קאָפּ: דו האָסט זיך אַריינגערוקט אין דער אַרבעטער באַוועגונג; מ׳האָט דיך ווידער אַרעסטירט און געשלאָגן ווי אַ פערד־גנב. דער פּועל־יוצא: אַ חודש סאַנאַטאָריום, אָפּגעשוואַכט דאָס געזונט און אַ תּירוץ, אַז דו מוזט פאָרן זיך היילן קיין עגיפּטן, ווו דו פּגרסט פאַר הונגער און דערמאָנסט דיך אין דיין מאַמען. אַך! אַדריאַן, וואָס פעלט דיר מער: האַרץ אָדער שכל? דאַמאָלס איז דיין אָרימע מאַמע געקומען צו מיר... אַן אויסגעמאָגער־טע, אַן אָפּגעשוואַכטע, איז זי צום ערשטן מאָל אין איר לעבן געקומען בעטן געלט ביי מיר, כּדי צו קענען שיקן איר זון... ס׳האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ רחמנות נישט צו דיר, נאָר צו איר, צו דערדאָזיקער מאַרטירערין, און כ׳האָב פאַר איר ברייט אויפגעעפנט מיין בייטל״.

אַדריאַן האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, איז אַנידער־געפאַלן פאַרן עפּושדיקן געלעגער, האָט אָנגעכאַפּט די אויס־געדאַרטע און קאַלטע האַנט פון זיין פעטער און זי מיט ווילד־דער ליידנשאַפט אַ קוש געטאָן.

„זיי מוחל!... זיי מוחל!.. איך בין אַן אומגליקלעכער!

— זייער גוט, וואָס דו האָסט חרטה, ווייל חרטה ברענגט אויסבעסערונג. באַמי זיך צו פאַרבעסערן און פון איצט אָן בין

איך דיר מוחל אַלע דיינע חטאים און דו וועסט צוריק זיין מיין אַדריאַן, מיין פּלעמעניק, דער גייסטיקער זון פונם פּעטער אַנ-געל, פון דעמדאָזיקן פּעטער, וואָס דו זעסט דאָ ליגן אויפן געלעגער דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אַמאָל באַנאַרישט און האָט געוואָלט האָבן די שענסטע פרוי, דאָס פּרעכטיקסטע הויז און זייער אַ ריין העמד. אָבער, באַסטאַ!

— וואָס דאַרף איך טאָן, פּעטער?" — האָט געשעפּטשעט דער יינגערמאַן, אָפּווישנדיק זיך די טרערן און פאַרנעמענדיק צוריק זיין אָרט. אַנגעל האָט מיט שוועריקייט אויפגעהייבן זיין אויסגעטרוקנטע האַנט, גלייך ער וואָלט געהאַט בדעה אַרויסצוזאָגן אַ קללה:

— אָפּקערן זיך פון אַלץ, וואָס חנפט, צעברעכן די גאַווהדיקע פאַרלאַנגען, מאַכן אונטערדריקן די שטימע פון לייב, וואָס פוילט פולשטענדיק, היילקן די נשמה דעם קולט פונם גייסט, וועלכע איז אַנדזוער איינציקער זייל אין אומגליק. אָט דאָס איז אַלץ, וואָס כ'האָב דיר צו זאָגן...

„אָבער, פּעטער", האָט אַדריאַן געפּרוווט זיך אָנצורופן, „דו פאַראורטיילסט היינט אַלץ, וואָס דו אַליין האָסט נעכטן ליב געהאַט...

— אמת, אָט טאַקי די זאַכן, וואָס כ'האָב נעכטן ליב געהאַט, האָבן מיך דערפירט צום היינטיקן מצב, וואָס דו זעסט מיט דיינע אויגן...

— דאָך האָט מען ליב דאָס, וואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן: אַ שיינע פרוי, אַ פּרעכטיק הויז און אַ ריין העמד. אונדזער תאווה פאָדערט עס, אונדזערע געפילן דערפירן אונדז דערצו.

— אַן אויסערלעכער גלאַנץ פון אמת, אַדריאַן!... בלויז אַן אויסערלעכער גלאַנץ!... די ליידנשאַפטן און די געפילן מאַכן נאָר אַ טומל, אָבער אינדעראמתן זענען זיי נישט אומשטאַנד צו ברענגען דאָס גליק.

— דאָס איז דער טומל פון אונדזער האַרץ...

— אונדזער האַרץ איז אַ פאַרברעכער!" — האָט אויס-געשריגן דער חולה מיט דער העכסטער אָנשטרענגונג, וואָס

האָט אים אינגאַנצן אָפּגעמאַטערט. זיינע ווערטער האָבן שוין נישט געהאַט דעם קלאַנג פון אַ מענטשלעך קול; ס׳איז ניי־דער געווען אַ מין נאָז־פייפעריי. נאָך די לעצטע ווערטער איז דער חולה אויף אַ לענגערע צייט אַנטשוויגן געוואָרן. דער קאָפּ האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און פּונקט ווי די הענט פאַרגליווערט געוואָרן אין אומבאַוועגלעכקייט. אַדריאַן האָט געמיינט, אַז עס דערנענטערן זיך דעם פּעטערס לעצטע מינוטן.

ניין. דער פעטער אַנגעל האָט נאָך געטראַכט. ער האָט זיך ווידער אויסגעדרייט צו אַדריאַנען און האָט אים לאַנג באַטראַכט מיט זיינע שרעקלעכע אויגן, וועלכע האָבן בעסער ווי ווערטער אויסגעדריקט דעם גאַנצן קאַמף פון זיין מוח. דערנאָך, נישט אַראָפּנעמענדיק דעם בליק פון אַדריאַנען, האָט אַנגעל שטאַרק און איילִיק אַ פייף געטאָן, ווי ער וואָלט גע־וואָלט באַווייזן דעם פּלעמעניק, אַז ער לאַכט זיך אויס פונם טויט.

דאָס יינגל איז שנעל אַריינגעלאָפן; דער פעטער האָט אַראָפּגעשלונגען זיין פּאָרציע. אָפּגעלעקט זיינע ווייסע ליפּן און לייכט געשמייכלט, פון זיין נצחון איבערן נישט־זיין...

* *
*

„אונדזער האַרץ? אונדזער האַרץ? אַדריאַן... לאָמיר עס באַוויינען! לאָמיר באַוויינען דאָס שטיקל פליש, וואָס הערט נישט אויף צו קלאַפּן! אָט דעמדאָזיקן רעטעך, דידאָ־זיקע באַרנע, וואָס טראָגט אין זיך די אייביקייט; וואָס באַ־וועגט זיך מיט אַ העפטיקער שנעלקייט, ווי נאָר ס׳דערפילט די היץ פון אַ פרויס־בויך, בעת ס׳איז, בלי־ספק נישט גרעסער פון אַ שפּילקענע קעפּל; וואָס וואַקסט און שלאָגט; וואָס רעגט זיך אויף, פרייט זיך, ליידט און קלאַפּט אָן אויפ־הער פון דער יצירה ביז צום טויט. אָבער גענוג שוין!... לאָמיר זיין גערעכטיק צו דעמדאָזיקן אומגליקלעכן פאַרברעכער.

אמת טאָקע, עס פאַרשאַפט אונדז אַ סך ליידן, אָבער עס טוט דאָס מיט אַ גוטער כּוונה. אָך? אָט זענען די זכרונות!... פאַרשאָלטענע זכרונות!... ענדלעך!... לאָמיר נאָך אַ ווײַלע לעבן מיט דעמדאָזיקן שרעקלעכן עבר!...

. . . .

„ווען דער קוואַל פון מײַנע טרערן וואָלט נישט געווען אויסגעטרוקנט, וואָלט איך גערן באַוויינט דעם מענטשן, וואָס איך בין געווען צוריק מיט צוואַנציק יאָר... איך בין דאַמאָלס אַרויפגעשטיגן אויפן בערגל פון מײַן גליק. און מײַן זידנדיק בלוט האָט געבראַכט דערצו, אַז כ׳האָב דורכגעמאַכט הונדערט לעבנס מיטאַמאָל. קיין זאַך דערפון, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אַרום מיר, איז מיר נישט פרעמד געווען. אַלץ איינס — צו פרייד צו פּײַן, סיי אויף שמחות, סיי אויף וויכּוחים — אומעטום איז ער געווען, דער פעטער אַנגעל. איך פלעג שטענדיק אויסטרינקען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע גלאָז ווײַן, און איך פלעג תּמיד זײַן דער לעצטער אין קאַמף!... ווײַל, אָ — גוטער, אַלמעכטיקער גאָט! — ס׳איז אָנגענעם צו הערן, ווי ס׳קלאַפּט אין די שלייפן דאָס „קריסטוס-בלוט" וואָס פליסט אַראָפּ דורך אונדזער פייערדיקן „קוימן", פּונקט ווי ס׳איז אָנגענעם אָנצוברעכן די זייטן ביי אַ לץ, וואָס לאַכט דיר אונטער דער נאָז. און ס׳איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז אויף אונדזערע חגאות, מישט זיך גאַנץ אָפט אויס דאָס „בלוט פונם האַר" מיטן בלוט פון אונדזערע שטערבלעכע גופים.

„דאָסזעלבע האָט פּאַסירט אינם יום-טוב פון קריסטוס-געבורט, וועגן וואָס כ׳וויל דיר דערציילן...

„איבעריקנס דאַרפסטו דערפון אַליין אויך אַ ביסל געדענקען, ווײַל דו ביסט דאַמאָלס אַלט געווען זעקס יאָר און דו ביסט אויך געווען פאַרמישט אין די געשלעגן.

. . . .

„אונדזערע גרויסע קריסטלעכע חגאות פון אַמאָל!... באמת, דער מענטש איז נישט מער ווי אַ פינסטערע בהמה!... די צייט שטעלט אים פאַר נסיונות, ענדערט זײַנע געפילן און

פאַרדאַרבט זיין נשמה אַ סך גיכער ווי ביי חיות, וועלכע בלייבן די זעלבע, נישט געקוקט אויף דער צייט.

„די דרייסטע יאָטן פון מיינע יינגע יאָרן קען מען מיט רעכט אָנרופן לייבן, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט די היינטיקע זיבעלעך!... ס'זענען דאַמאָלס אויך געווען שוואַכע, אָבער ווער האָט זיך מיט זיי גערעכנט? ווער איז אָנגעגאַנגען זייער עקזיסטענץ? ווען עמיצער האָט אין אַ צוקערניע אין פּעטראָי, אין קאַזאַסו אָדער אין באַזירו דערמאָנט דעם נאָמען פון אונדזער דערפל, האָבן תיכּף אַלע אָנגעוויזנדיקע בלויז אַ טראַכט געטאָן וועגן אַ פּאָר פאַרשוינען: צוערשט וועגן ירמיהו, דעם סאַמע דרייסטן צווישן די דרייסטע; דערנאָך, — אויף מיין ערן וואָרט, — וועגן אַנגעלן!... ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערמאָנט וועגן מיין פריינט ניקאָלאַי, וולאַדימיר, וועגן קאָסטאַ דעם לאַנגן, און וועגן נאָך אַ סך אַנדערע, ווייניקער באַקאָנטע, אָבער אַלע, פון ערשטן ביזן לעצטן אומבאַזיגט, סיי ביי דער אַרבעט, סיי אויף הוליאַנקעס, ביי ווילטיקע ענינים, אויף געשלעגן! אָבער היינט...

„עך!... אַדריאַן, טו אַ שפּיי פאַר מיר, ווייל כ'קען שוין מער נישט שפּייען! היינט זענען בלויז דאָ ליליפוטן, וועלכע דערשרעקן זיך פאַר זייער אייגענעם שאָטן און לאָזן זיך שלאָגן פון ווייבער!...

„אין יענעם ערב יום-טוב פון קריסטוס-געבורט — גלייכצייטיק אַ פריילעכער און אַ טרויעריקער, — האָב איך טראַנספּאָרטירט אין הויז פון מיינע עלטערן אַ קליין פעסעלע פון צען דעקאַליטער ווייַן, זעקס פעטע הענער, און אַ האַלבע טוץ זויגעדיקע חזירימלעך, צום בראָטן אויף זויערן קרויט.

„ווערסט אפשר זאָגן, אַז דאָס איז צופיל פאַר אַ טוץ מיילער, וואָס האָבן זיך געדאַרפט צונויפזאַמלען אַרום דעם טיש. אַזוינס איז מעגלעך מיט די סוכאָטניקעס פון דיין צייט, וועלכע ס'הייבט אָן צו עקלען נאָכן דריטן ביסן פון געבראָטנס

און שכורן זיך אָן מיט אַן האַלבע גלאָז ווײַן. אָבער פאַר אונדז... אַ פײַנע מעשה!...

„פונקט ווי איצט זע איך פאַר מײַנע אויגן אונדזער קרוב סטעפאַן, דעם גײַסטלעכן, וועלכער האָט געקענט די ביבל און די פיר עוואַנגעליעס אויף אויסנווייניק. אגב, איז ער יענעם יאָר געשטאָרבן... צו יענער צײַט איז סטעפאַן געווען אַ זעכציקער; שורות צײַן האָט ער געהאַט ווי אַ שימפּאַנזע און מענלעכן כּוח — ווי אַ האָן. די „פּאָפּיכע", — זײַן ווײַב, — אַ שקאַפּע מיט אַ פעסטן הינטער־חלק און מיט אַ פּרצוף פון אַ בהמה, איז דאַמאָלס געווען מעוברת מיט איר אַכצענטן קינד, די איבעריקע זיבעצן זענען אַלע געזונט און שטאַרק. אָך!... דו וואָלסט געדאַרפט אָנקוקן די קינבאַקן פון אָט דעמדאָזיקן „הימלישן" פּאָרל, תּיכּף נאָך דער ברכה, וועלכע איז געווען קורץ און שנעל, צוליבן גאַווער, וואָס האָט אָנגעפּילט דעם פּאָפּס מויל!... זײַן גאָמבע האָט געבראָכן און געריבן קנאָכן-בײנער מיט אַזאַ שנעלקייט, גלײַך ער וואָלט געשיילט סעמעטשקעס, און זײַן מאַיעסטעטישע באָרד האָט זיך בשעת מעשה געדרייט אויף זײַן ברוסט, ווי אַ שטיין פון אַ מיל, בעת ער איז אין גאַנג.

לעבן דעם גײַסטלעכן האָט מײַן מוטער, — האָבנדיק אַ באַגריף וועגן דעם הייליקן טאָג און פרום ביז צו די שפּיצן פון אירע נעגל — דרייסט געקעמפט פאַר אַ שטיקל געבראָטנס... דער ברודער דימי, אַ כיטרער בעל־פּעסן, האָט זיך קונציק אויסגעקליבן די בעסטע שטיקלעך... ירמיהו האָט אַלץ אַראָפּגעשלונגען נישט געקליבן און נישט געקייט, בעת קאָסטאַ דער לאַנגער, — לאַנג מיט די איברים, און מיט רייד — איז אַרומגעפאָרן מיט זײַנע אַנטופּיקע הענט איבערן גאַנצן טיש, אַלץ געשלונגען, ווייניק גערעדט, געמאַכט אַנדערע זאָלן רעדן „כּדי זיי פאַרשטאָפּן זייערע מײַלער מיט גאָרנישט".

— פאָטער סטעפאַן, ווי מיינט איר, מ'מעג זײַן אַ זוללוסובא?

— מ'מעג, זון מײַנער, מ'מעג.

— דאָס איז נישט קיין חטא?

— אַן עברה איז נישט דאָס, וואָס ס׳גייט אַריין אין מויל, נאָר דאָס וואָס ס׳גייט אַרויס...

— דערציילט אונדז עפּעס פונם הייליקן מאָלצייט...

— תּיכּף...

„און די קינבאַקן האָבן זיך העפטיק באַוועגט מיט אַ געוויסן ריטם, דערמאָנענדיק מיטן גערויש די צייט פון עסן אין אַ חזירים־שטאַל. גלייכצייטיק האָבן די אָנגע־פּאַקטע בייכער אַרויסגעלאָזט אַזעלכע קולות, אַז די ביידע שורות בענק פון איין עק טיש ביזן צווייטן האָבן אַזש געציטערט.

„זיבן מאַנסבילן און זעקס פרויען האָבן פאַרנומען צוועלף פּלעצער ביי ביידע זייטן פונם פּירקאַנטיקן טיש. אויבן אָן מיטן פּנים צו מזרח, האָט זיך דער פּאַטער סטעפּאַן אויסגע־טיילט פון אַלע אַנדערע מיט זיין ריזיקן גוף. מ׳איז געווען פאַרצווייפלט, וואָס אַרום טיש האָבן זיך געפונען דרייצן... „די צאָל פונם טייוול”. מיר האָבן זיך אָבער געטרייסט דערמיט, וואָס מיר האָבן אויך צוגערעכנט צו אונדזער חברה דעם לי־ליפּוט, וועלכער האָט אונדז באַדינט ביים טיש, אַ קלוגער, פרייליכער זקן, וואָס האָט מיט מאַטערנישׁ איבערגערוקט איבערן טיש דעם אומגעהויערן ליימענעם צען־ליטערדיקן קרוג.

„ווען די מיילער זענען מיד געוואָרן פון עסן, — האָט מען אַ טראַכט געטאָן וועגן לאָזן זיך ווילגיין און מען האָט זיך גענומען צו די קאַראַפקעס. דער שוימיקער ווייַן האָט זיך געגאָסן טייכנוייז, און צוזאַמען מיט אים די גלייכווערטלעך. דימי האָט גענומען צווישן זיינע פינגער זיין לאַנגן פּאַסטוך־פייפל. און אָט זענען אַלע אויף די פיס און דער פּאָפּ צווישן זיי. אַ ווילדער טאַנץ איז אַוועק אַרום טיש, ווו ס׳איז געווען אָנגעשטעלט טעפּלעך און געפעס. די שטופּערייען און גע־שרייען האָבן אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע הויז. צום סוף זענען דער גייסטלעכער מיט זיין ווייב אַוועקגעגאַנגען, ביידע אָפּגע־גאָסן מיט טייכן שוויס; זיי האָבן אונדז דערמיט געוואָלט געבן אַ ביישפּיל פון מעסיקייט. און ווענדיק זיי נאָכטאָן

האָבן מיר מיט אַ שטאַרקערן ברען אָנגעהייבן די הוליאַנקע פונדאָסניי.

„אָבער מיר איז אין יענעם אָוונט נישט געגאַנגען בלויז אין דער שמחה... זייער אַ וויכטיקע געשעעניש האָט געזאָלט פאָרקומען, און זיין וויכטיקייט איז פאַר אַלעמען געווען גאַנץ קלאָר. נאָכמער, דערדאָזיקער פאַקט האָט ליידנשאַפטלעך צע־טיילט אין צוויי כמעט גלייכע גרופירונגען די מאַנסבילן, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט.

„ס'האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, מ'זאָל ווידער חתונה מאַכן דיין מוטער; איך האָב שטאַרק געהאַלטן פון מיין פריינט ניקאָלאַי, אַ פויער מיט אַ געוויסן פאַרמעגן, אַן אלמן אָן קינדער. ער איז ספּעציעל צוליב דעם צוועק געקומען צום מאָלצייט; ירמיהו און קאָסטאַ זענען בכיוון געקומען, כדי אונטערצוהאַלטן זיין קאַנדידאַטור און דורכצופירן מיין ווילן. אָבער דיין מוטער איז נישט געווען אינגאַנצן פריי. דער ברוּ־דער דימי, דער כלב, האָט זינט אַ לאַנגע צייט שטילערייט, קעגנגעשטעלט זיינעם אַ ידיד צו מיינעם, אויך אַ ניקאָלאַי, אויך זייער אַ סימפּאַטישן מענטשן, אַ פיש־סוחר פון בראַילאַ, וועלכער האָט פאַרדינט אַ סך און געלעבט מיט אַ ברייטער האַנט. אויסער דימין האָט זיין קאַנדידאַטור אונטערגעשטיצט אונדזערער אַ נאָענטער קרוב טודאָר, פאַר וועלכן מיר האָבן אַלע מורא געהאַט, צוליב זיין ווילדן כאַראַקטער און זיינע גע־וואַלדיקע כוחות. טודאָר האָט געלעבט מיט ניקאָלייען ווי מיט אַ ברודער.

„און אָט זיצן מיר, פאַרביסענע שונאים,ביים טיש, פיר אויף מיין צד, דריי אויפן צווייטן. אָבער טודאָר האָט לייכט געקענט בייקומען צוויי פון די שטאַרקסטע. דיין מוטער האָט זיך געפונען אין זייער ריי, אָבער איך האָב דעמאָלט נישט געקענט וויסן אויף וויפל ס'האָט געהאַלטן מיט אירע סימפּאַ־טיעס צו זייער ניקאָלאַי און ווי ווייט זי איז פאַרקראָכן מיט

אירע באַציִאונגען צו אים. ס'איז דאָך געווען קלאָר, אַז אין איר ביטער לעבן האָט זי פון צייט צו צייט געמוזט אָננעמען אייניקע מתנות, וואָס דער פיש-סוחר האָט איר אָן אויפהער געשענקט.

„און ס'איז אַ אויסטערלישע באַשעפעניש דידאָזיקע אומגליקלעכע שוועסטער איז געווען!.. צו דרייסיק יאָר איז זי נאָך געווען פונקט אַזוי שיין, ווי אַ יונג מיידל נאָר-וואָס נאָך דער חתונה. בטבע אַ ליבלעכע, אַ פריילעכע, אַ זינגערין און אַ טאַלענטירטע טענצערין, פלעגט זי ווערן בייז און האָט אָנגעוואָרפן אַ מרה-שחורה אויף דער בעסטער געזעלשאַפט, ווי נאָר מ'האָט אָנגערירט איר אומאָפּהענגיקייט און ווי נאָר מ'האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן איר התונה. און אַלץ צוליב דיר! דער געדאַנק, אַז דער נייער מאַן וועט זיך אפשר שלעכט באַציִען צו דיר, האָט זי ווילד געמאַכט ווי אַ טיגערן. דורך דיר האָט מען זי געקענט האָבן, אָדער פאַרלירן, און מ'קען זאָגן, אַז דו ביסט אין יענעם אָוונט געווען דער פּרוּביר-שטיין.

„מיין פריינט ניקאָלאַי האָט דיך ליב געהאַט און פלעגט אָפט קומען צו אונדז זיך שפּילן מיט דיר. איר זענט ביידע געווען צוויי חברים. און דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסע מפּלה. אין דער נאַכט פון קריסטוס-געבורט האָט ניקאָלאַי דיר געבראַכט נאַשוואַרג אין בעט אַריין, ווו דו פלעגסט איינשלאָפן און זיך אויפכאַפּן לויט דער מדרגה פונם הוהא. דאָס איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דיין מאַמען, און זי האָט אַרויסגערופן אייפערזוכט ביים צווייטן, וועלכער, נישט וויסנדיק ווי אַזוי צו מאַכן אַ סוף צו דערדאָזיקער שפּיל, האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין קעשענע אַ גאָלדענע מטבע, זי דיר צוגעוואָרפן, זאָגנדיק:

— כאַפּ, אַדריאַן, וועסטו האָבן מיט וואָס צו קויפן צען פּילאָ „זיסוואַרג!"

— יאַ... זיי וועלן אָבער שמעקן מיט פיש!.. האָט מיי

פריינט אָפּגעענטפערט, מאַכנדיק אַ רמז אויף זיין פּאַך, וואָס יינגע מיידלעך האָבן פיינט.

— „אַלץ בעסער, ווי דער ריח פון מיסט!... האָט אים יענער אַריינגעזאָגט, אַלס אָנצוהערעניש וועגן דער פריערישער מלאכה.

„אָט די אַלע גיפטיקע שטעכווערטער האָבן זיך אָנגעהייבן צו שיטן אַרום האַלבע נאַכט, ווען דאָס ווין אַליין האָט געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אונדזערע ווערטער. אין טודאָרן האָט שנעל אויפגעקאָכט דאָס בלוט. דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס ער איז לחלוטין נישט געווען שיכּור. כּדי צו וויסן אין וואָסער מצב ער געפינט זיך, האָב איך אים אונטערגעשטעלט אַ פיסל, בעת ער איז אַרויס פישן: ער איז נישט אומגעפאַלן".

. . . .

אַנגעל האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, די דערציילונג האָט אים פאַרמאַטערט. ער איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. זיין פּנים האָט גאָרנישט אויסגעדריקט: נישט קיין אויפרעגונג און נישט קיין מידקייט. די זעלבע פאַרגליווערקייט, די זעלבע שרעקלעכע צעעפנטע אויגן. ער האָט ווידער אַ פייף געטאָן צו זיין משרת, הייסנדיק זיך דערלאַנגען דעם ביטערן טראָפּן. דערנאָך האָט ער פונדאָסניי אָנגעהייבן מיט אַ רויקערן קול:

„ווען איך טראַכט איצט, ווען איך פאַרטראַכט זיך גאַנץ רויק איבער דער אויסטערלישקייט פונם מענטשנס ליידנשאַפטסלעבן, שטעל איך זיך די שאלה, צי זענען מיר אַמאָל נישט פּשוטע מאַריאָנעטקעס, די קרבנות פון א דעמאָן, וואָס שפּילט זיך מיט די שטריקלעך און הייסט אונדז טאַנצן, ער זאָל הנאה האָבן. ווייל ס'איז געווען גענוג צו האָבן אַ קאַפּיטשקע שכל אין יענעם אָוונט, און מען האָט געקענט לייכט באַגרייפן, אַז דיין מוטער האָט געהאַט פּונקט אַזויפיל חשק חתונה צו האָבן, ווי... זיך אויפצוהענגען. אָבער דאָס ווין און אונדזערע

פארגרעבטע הערצער האָבן אונדז פארבלענדט און תיכף, פון וואָרט צו וואָרט, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז מען האָט גאָרנישט געהאַט בדעה עמעצן חתונה צו מאַכן; אַז מ׳האָט זיך פשוט געוואָלט אביסל צעמימיתן, ווי ווילדע חיות.

„דיין מאמע, פון איר זייט, — א פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ טייוולאָנישן פארגעניגן צו וואַרפן די מאַנסבילן איינעם אויפן צווייטן, און פאַר וועלכער נישט איין קאָפּ איז צעשפּאָלטן געוואָרן אין איר יוגנט — האָט אַזוי וויית מיטגעהאָלפן דעם טייוול, אַז אונדזער בלוט האָט זיך אָנגעצונדן און דאָס זעלבע פייער האָט שיער זי אַליין נישט פארברענט. וויסנדיק ווי שטאַרק אייפערזיכטיק עס איז דער פיש-סוחר, האָט זי אָנגערייצט ביידע ניקאָלאַיען איינעם אויפן צווייטן; זי האָט אָנגעהייבן צו זינגען אַ נאַריש פאָלקס-לידעלע, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע, און ווו דער נאָמען ניקאָלאַי האָט זיך אין אַ רעפריין איבערגעחזרט נאָך יעדער סטראָפקע:

אי, אי, אי
קוש מיך, ניקאָלאַי!

„יאָ, קוש מיך, ניקאָלאַי״, אָבער וועלכער פון זיי ביידע ?...
און אַזוי ווי יעדער איינער האָט מיט עפּעס צוגעהאָלפן צו דערנענטערן די בלוט-באָד, האָט מיין ניקאָלאַי אָנגעהייבן אויסצולאַכן זיין קעגנער. דערביי נאָך האָט ער אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג און אונטערן טיש אָנגערירט דעם פוס פון דיין מאַמען מיט זיין פוס. טודאָר האָט אַ רעווע געטאָן:

— צו אַלדע רוחות!... ס׳וועט זיך באַלד אָנהייבן ?...

— יאָ, קוזען!... האָב איך אויסגעשריגן; ס׳האַלט שוין דערביי !...

„מיין מוטער האָט זיך אויפגעהייבן. מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז זי גייט עפּעס אָפּרו׳מען פון טיש, האָט זי אַוועקגענומען אַלע מעסערס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אונטער אונדזערע הענט. דאָך, באַמערקנדיק, אַז טודאָר אַליין איז

פארבליבן באוואָפנט מיט אַ גרויסן מעסער, צוגעבונדן בײַ זײַן גאַרטל, האָט זי זיך אָנגעהייבן צו בעטן בײַ אים:

— טודאָר!... מײַן קינד!... גיב מיר דײַן מעסער!...

דער שטאָלצער טודאָר האָט אַרויסגעשלעפּט זײַן מעסער און עס אַ שליידער געטאָן צו דער טיר. די גוטע אַלטיטשקע האָט דאָס מעסער אַוועקגענומען. דערנאָך איז זי צוריק אַרײַנגעקומען מיט אַ קריגל הייליק וואַסער אין דער האַנט, באַשפּריצט דאָס צימער, געריכערט קטורת און תּפילה געטאָן:

— אַלמעכטיקער האַר!... טרייב אַרויס דעם „נישט־גוטן" פון אונדזער שטוב, ווו ער האָט אַרײַנגעשטעקט זײַן ווײדל און ברענגט מחלוקת צווישן מענטשן!... זײַ אים משלח, ליבער גאָט, אויף וויסטע פעלדער!... האָב רחמנות אויף אונדז זינדיקע, אין נאָמען פון דײַן זון, וועלכער איז הײַנט געבוירן געוואָרן!

— גיי אַרויס פון דאַנען, טאָכטער מײַנע!... גיי, צעשאַר אַביסל דאָס פייער אין אויוון!.. און טו תּפילה... ווײַל דו ביסט די סיבה פון שלעכטס, פּונקט ווי חוה איז געווען די סיבה פונם שטערבלעכן חטא...

אַלע מאַנסבילן האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן די „סיבה פון שלעכטס" זאָל אַוועקגיין...

„ירמיהו האָט געזונגען:

— לאָזט—אונדז—אי—בער—די—שיי—נע—סי—בה—פון שלעכטס!

וואָס—וועט—ווערן—פון—די—מע—נער—אָן—דער—שיי—נער—סי—בה—פון—שלעכטס!...

„די מוטער האָט זיך געבעטן רחמים:

—ירמיהו!... איר וועט זיך נאָך די קעפּ שפּאַלטן!...

— לאָזט- אונדז—זיך—שפּאַלטן—די—קעפּ—אויב—דאָס פאַר—שאַפט—אונדז—פאַר—גע—ניגן!...

דימיס פלייטע האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אירע פאַרבישופטע טענער. פון זײַנע פינגער אוי ליפּן האָבי געפלאָסן קלאַנגען און ווערטער:

דול—דו, דול—דו, דול—דו...
ווי ליב איך האָב אַ פולע גלאָז!...
דול—דו, דול—דו, דול—דו...
און אַ מענטש אַ יונגער און נישט קיין אַלטער!...
דול— דו, דול—דו, דול—דו...

. . . .

„מיט איין שפּרונג זענען אַלע געווען אויף די פיס, און די סאַרבאַ האָט געמאַכט ציטערן די ערד. טאַנצנדיק האָט דימי געשפּילט און גערעוועט:

שפּרינג, אַפינקאַ*)!... קלאַפּ מיט פוס!...
מ'זאָל אויף די גרענעצן הערן!...
דול—דו...

„און קאָסטאַ דער לאַנגער:

דאָס גוטע ווײַן און די הייליקע פאָלקייט
מאַכן פאַרגעסן דאָס שפּינדל.
צווישן די שלעכטע גראָזן!..

„און די שוועסטער, אַ לוסטיקע:

ווי ליב איך האָב דעם דרייסטן מאַנסביל,
בעת ער רוט אויף אַ וואַלד-לאַנקע!..

„און טודאָר, דער אָנרייצער:

כ'האָב ליב שלאָגן, קלאַפּן
און שליידערן אויף דער ערד דעם שונא!..

„ווייער ניקאָלאַי האָט געריטשעט:

דאָס ווײַן איז שלעכט, דער ליטער איז קליין.
אָבער די באַלעבאָסטע איז שיין!..

---

*) אַפינקאַ, אַ לעדערנער פויערישער סאַנדאַל.

„און מיין ניקאָלאַי האָט אונדז שטאַרק פאַרשעמט!..

טאַנצט נישט צופיל מיט דער זונה,
חייל זי פאַרצט און דאָס שטינקט.

. . . .

— לאָמיר טרינקען! לאָמיר טרינקען! אַרויף אויפן טיש די קריג!...

— לאָמיר טרינקען אויף ברודערשאַפט!..

„מיר האָבן געטרונקען אויף ברודערשאַפט, צו צוויי, די הענט געפלאָכטן, איין קאָפּ צו דער צווייטער, די טעפלעך ווײַן ביי די ליפּן. כ'האָב קוים באַוויזן צו באַמערקן, אַז דיין מוטער טרינקט אויף ברודערשאַפט מיט מיין פריינט ניקאָלאַי,— וועלכער האָט זיך צופעליק געפונען לעבן איר, — ווי אין דערזעלבער רגע איז טודאָרס טעפל דורכגעפלויגן דעם צי־מער און זיך צעבראָכן אויף מיין פריינטס קאָפּ...

„דאָס איז געווען דער סיגנאַל, דער פונק... אין אַ ווײַ־לע אַרום איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע געשלעג!... טעפּ, טעלער און אַנדערע כלים זענען געפלויגן ווי פיילן... די טישן מיט די בענק זענען איבערגעקערט געוואָרן; די נאַפט-לאָמפּ איז אומגעפאַלן, האָט זיך צעבראָכן, און פאַרלאָשן געוואָרן... מיר זענען פאַרבליבן אין דער פינסטער... אונטערן בלאַסן אָפּשיין פונם שניי און פונם פינקלדיקן הימל, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די שויבן, האָט מען געקענט זען אַ פּלאָנטער פון צעהיצטע גופים, פון זיבן מאַנסבילן, זיבן פריינט און קרובים, וועלכע האָבן זיך מערדערלעך געשלאָגן, שענדלעך געבלוטיקט, אָן שום ווערטער, אָן געשרייען און אָן אַ פאַרוואָס. קיינער האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אונטערגעבן. מיט־אַמאָל האָט זיך דערהערט די חוזקדיקע און איפּגעריסענע שטימע פון זייער ניקאָלאַי:

— אַ רוח אין אייער מאַמען אַריין!..

„איך גלויב, אַז ס׳מוז נעמען אַ סוף צום שלאָגן !.. ס׳ווילט זיך מיר טרינקען !...

„פּונקט ווי מען טוט אַ דריי די עלעקטרע, אַזוי האָט די געשלעג מיטאַמאָל אויפגעהערט !.. אָפּנהאַרציקע געלעכטערס, באַגייסטערטע הסכמות האָבן אָפּגעקלונגען אַלס תשובה אויפן אומגעריכטן אויסרוף פונם שלעגער, וועלכער האָט זיך שוין מער נישט געוואָלט הרגענען...

— ליכט !.. ליכט !.. און דער עיקר ווײַן !.. ווו זענען די ברויען ?.. ווו האָט זיך אַהינגעטאָן דער ליליפּוט ?..

„די ווייבער, וועלכע זענען זיך אויס מורא צעלאָפן, זענען צוריק אַרײַנגעקומען מיט ליכט. אָבער דײַן מוטער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צוזאַמען מיט דיר. אומזיסט האָט מען אײַך געזוכט אין הויף, אין שפּייכלער, אין שטאַל. טראָגנדיק דיך אויף די הענט, — דיך, איר אײנציקן אוצר און איר אײנציקע זאָרג, — איז זי אינמיטן דער נאַכט אַוועק צופוס קיין בראַילאַ, נישט קוקנדיק אויפן שניי, אויף קעלט און אויף וועלף !.. זי איז צוריק אַוועק אין איר אָרעם חדרל פון אַן אלמנה, וואָס שטרעבט צו אומאָפּהענגיקייט און האָט דעם באַוווּסטזײַן פון איין חוב: אויפהאָדעווען איר אײנציקן זון !.. צו אירע פאַרגעניגנס האָט גענומען אַ סוף... גלײַך אויפצו־מאָרגן האָבן זיך אָנגעהייבן אירע ליידן...

„אָבער דאָס איז געווען אירער אַן ענין. וואָס אנבאַ־לאַנגט אונדז, האָבן מיר זיך באַמיט תיכף צו פאַרגעסן די פאַרשוווּנדענע, אויפגערוימט דאָס צימער, געהייסן ברענגען ווײַן און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווילדע „קינדיאַ", אונטער די קלאַנגען פון דימיס פּלייטע. די אַרבל פאַרשאַרצט, די פּנימער צעבלוטיקט, די קליידער צעריסן, דער כּעס אײַנגעשטילט, האָבן מיר אַלע מיט גרויס באַגײַסטערונג זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווילדן קאַראַהאָד. מיר האָבן געטאַנצט צוגעדריקט אײנער צום צווייטן, זיך אויסגעלאַכט פון אונדזערע וווּנדן אין פּנים פונם

ליליפוט, וועלכער האָט אויך געהאָפּקעט אינמיטן דעם קאַראַהאָד, מיט איין האַנט ביי די לענדן און מיט דער צווייטער אויפן גרויסן צען-ליטער-קרוג, וואָס מ'האָט אים אַוועקגעשטעלט אויפן קאָפּ. און אין אַזאַ מין פּאָזע האָט ער זיך געמוזט שטיצן פון די קלעפּ, וועלכע ער האָט פון אונדז מיט די פיס באַקומען אין הינטן...

. . . .

„פאַרטאָג האָב איך זיך געלאָזט אַהיים, אָנגעשטאָפּט מיט עסן און טויט שיכור. איינגעוויקלט אין מיין „שובא" האָב איך מיט מאַטערניש געשפּרייזט אינם שניי, הויך ביז צו די קני, נישט טראַכטנדיק לחלוטין וועגן דעם טאָג פון לעצטן יום-הדין, פאַר וועלכן איך שטיי איצט"

דער חולה איז אַנטשוויגן געוואָרן... אין אַ ווייל אַרום האָט ער אַריינגערופן דעם משרת און איינגעשלונגען זיין קליינע פּאָרציע בראָנפן, בעת אַדריאַן האָט געזוכט אין דער גאַנצער געשיכטע, וואָס ער האָט אויסגעהערט, אַ שפּור פון זינד:

„איך זע נישט, פּעטער, די שרעקלעכע עוולה, וואָס דו האָסט כלומרשט באַגאַנגען און פאַר וועלכער דו פאַרדינסט אַ שטראָף פון גאָט... דו האָסט בלויז געלעבט לויט דיינע געפילן".

אַנגעל האָט געוואָלט לאַכן, אָבער ער האָט בלויז אָנגעשראָקן אַדריאַנען מיט זיין שרעקלעכער גרימאַסע:

„דו זעסט נישט דעם חטא? וואָס זשע, אָרעמער פריינט, דאַרפסטו אויב אַזוי האָבן, כדי דו זאָלסט אים זען?... ווילסט איך זאָל דיר דערציילן אכזריותדיקע זאַכן?... גוט, אָט האָסטו אַ קורצע מעשה, וואָס וועט דיך אפשר גיכער איבערצייגן!

„דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען כ'האָב נאָך געהאָפּט, דורך פאַרראַט אויפוועקן מיין ווייב פון איר שלאָף. ירמיהו, וועלכער איז געווען אַן אמתער זון פונם לײדנשאַפטלעכן סקאַנדאַ-

ליסט, קאָסמאָ, פלעגט מיר שטענדיק צושאַרן פאַרפירערישע געלעגנהייטן. אָט דער פאַרשוין, וועלכער איז געוואָרן אַ פאַרביסענער שונא פון די פּאָפּעס, זינט זיין פאָטער איז אומגעקומען דורך אַ פּאָפּ, האָט געהאַט נאָכדעם אַ באַזונדערע הנאה צו פאַרפירן די ווייבער און די טעכטער פון גאָטס משרתים. דאַרפסט וויסן, אַז ביי די זעכציקער יאָרן איז ער נאָך געווען יונג און שיין, ווי אַ דעמב, און ער האָט געהאַט מער דערפאָלג, ווי אַ בחור פון צוואָנציק יאָר.

„ירמיהו האָט מיר געוויזן דעם וועג קיין קאַזאַסו, ווו ס'האָט זיך געפונען די נעסט פון ליבע. כדי צוצוקומען אַהין איז געווען געניג אַ האַלבע שעה, רייטנדיק אויף אַ פערד. צום ערשטן מאָל האָבן מיר זיך אַהין אַוועקגעלאָזט, נישט ארויסווייזנדיק פאַר קיינעם, אַז מיר זוכן עפּעס: כלומרשט געקומען „מאַכן אַ כוסה" ביי אַ חבר; ווייסט דאָך, אַז די שענקער האָבן הנאה צו פאַרזוכן און באַרעדן דאָס ווייַן פון זייערע קאָלעגן.

„ס'איז געווען האַרבסט-צייט... די צייט פון פריש וויין, און פון אַ גוט שטיקל „פּאַסטראַמאַ" *). דורך אַ יינגל פונם דאָרף, וואָס פלעגט זיין אויף שליחות ביים פּאָפּ, האָט די פּאָפּעכע געגעבן צו וויסן ירמיהון, אַז איר געטלעכטער מאַן איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן. ער פלעגט בכלל אָפט נישט זיין אינדערהיים. אַלס איין איינציקער פּאָפּ אין קאַזאַסו פלעגט מען אים אַרויספאָדערן ווייט פון זיין היים אין פאַרשידענע אַרומיקע דערפער. היות די איינוווינער זענען געווען פרום, פאַנאַטיש, אָבערגלויבלעך, האָט דער פּאָפּ שטענדיק און אָן אויפהער דאָרט געהאַט אַרבעט. מ'האָט נישט געדאַרפט האָבן קיין באַזונדערן אויסרייד, כדי אָראָפּצוברענגען דעם פּאָפּ: מ'האָט אים גערופן צו אַ טבילה, צו אַ חתונה, אָדער צו אַ לוויה. מיטן זעלבן פעסטן גלויבן האָט מען אים גערופן צו

*) א שטיק פלייש פון א געזאַלצענער ציג, וואָס ווערט אויסגעטריקנט און, לויטן געשמאַק, אויך געבראָטן.

פארלייכטערן די ליידן פון א פרוי, וואס גייט שווער צו קינד, אָדער פון אַ בהמה, וואָס דאַרף זיך קעלבן; אַרויסצו־יאָגן רוחות פון אַ פאַרכשופט הויז; טובל זיין אַ פרוכטבאַרע פעלד; מאכן הספדים איבער טויטע; אָפּריכטן תפילות אי־בער אַ וווּנד, איבער די בגדים פון אַ מאַן וואָס טרינקט צו פיל, איבערן קאָפּ פון אַ משוגענעם און איבערן קאָפּ פון אַן עפּילעפּטיקער. דעריבער האָבן אַלע געוווּסט, אַז ווי נאָר די גאָטעס־דינסט איז פאַרענדיקט, איז שוין דער אָרעמער פּאָפּ געזעסן אויפן פערד מיט די הייליקע מכשירים אונטער דער האַנט, מוכן־ומזומן אָנצוהייבן פונדאָסניי זיינע וואַנדערונגען, פון וואַנען ער פלעגט קומען שפּעט אינדערנאַכט אַהיים, ווו פאַריאושטע נשמות פלעגן די גאַנצע צייט קומען אָפּזוכן זיין שפּור און אים שלעפּן פון איין שוועל צום צווייטן, פּונקט ווי ער וואָלט אַלעמען געבראַכט דאָס גליק.

„איז דען כּדאַי דיר צו זאָגן, אדריאַן, אַז דערדאָזיקער אָרנטלעכער, אמתער מענטש, דער אונערמידלעכער דינער פון זיין גלויבן האָט זיך נישט פאַרדינט אונדזער באַליידיקונג?.. און פאַרוואָס איז אויף זיין גורל אויסגעפאַלן צו האָבן אַ ווייב מיט אַ טאָכטער, וועלכע זענען אין דערזעלבער מאָס געווען אויסגעלאַסן?

„דערפון האָב איך לגמרי נישט געטראַכט אינם טאָג, ווען ירמיהו, — דער הימל וועט אים געוויס באַשטראָפן פאַר זיין טויט, — האָט מיך אַריינגעפירט צום פּאָפּ אין שטוב. און דעם אמת דאַרף איך דיר זאָגן, אַז כ'בין געווען צופרידן ווי אַ האָן, ווען דאָס טעכטערל, — אַ פרוי פון אַ דאָרפישן בריוו־טרעגער, וועלכער פלעגט אויך שטענדיק זיין אונטער־וועגנס, — האָט געוואָרפן פאַרפירעשע בליקן מיט אירע שיי־נע אויגעלעך אויף מיין שוואַרצער באָרד, אויף מיינע פאַר־קעמטע האָר, אויף מיין ריין העמד, און אויף מיינע אויסגע־פוצטע שטיוול!... ס'איז מיר אַפילו אויפן געדאַנק נישט

געקומען, אַז כ׳טו עמעצן שלעכטס און אַז איך פֿאַרדאַרב מיין נשמה... און כאָטש מיין נשמה איז פון קיינמאָל אָן נישט געווען צוגעפּאַסט צו אַזעלכע מיני תענוגים, בין איך דאָך געווען צופרידן. כ׳האָב זיך דאָרטן אַזוי גוט געפילט, אַז כ׳האָב איבערגעחזרט מיין וואָרט.

„אגב זענען דאָס געווען צוויי שלאַנגען, לעבן וועלכע מ׳האָט פאַרגעסן אַלץ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו קערפּערלעכער תאווה. איין גאָט ווייסט פאַרוואָס ער האָט אָנגעקלעפּט דידאָזיקע תענוג-ווונדן אויפן קערפּער פון איינעם פון זיינע אָרגטלעכסטע באַדינער. די פּאָפּיכע אַליין האָט מיט זיכערקייט אויפגעקלערט, אַז אַפילו גאָט האָט נישט געוווסט, וויאַזוי דאָס איז געשעען. און זי האָט אונדז אויסגעטייטשט דידאָזיקע געטלעכע אומגעשיקטקייט אויפן פאָלגנדיקן קאָמישן אופן:

— איר ווייסט דאָך, האָט זי אונדז געזאָגט, אַז גאָט איז נישט געווען איינער אַליין אינם טאָג, ווען ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן, און אַז דער „נישט-גוטער" איז אויך ביי-געווען... צו אַלץ האָט ער זיך געמישט, אומעטום האָט ער געוואָלט זיין און אָן אויפהער האָט ער דערצערנט דעם באַשעפטיקטן אַלמעכטיקן, וועלכער האָט זיך פאַרטיידיקט אויף וויפיל ער האָט געקענט... דערזעענדיק די בלאַנקענדיקע ווייסקייט פונם געטלעכן טייג, וואָס דער אויבערשטער האָט גע-האַלטןביים קנייטן, כדי צו מאַכן דערפון אַ מענטשלעך וועזן,— אַ ווערק, וואָס האָט געזאָלט זיין דאָס בעסטע, — האָט דער „נישט גוטער" שטאַרק געוואָלט עס באַשמוצן. אָבער דער בורא האָט גוט אַכטונג געגעבן. דאָך, וועלענדיק אָפּנאַרן דעם אַל-מעכטיקן, האָט דער „נישט גוטער" אים שנעל געפרעגט אַ קשיא, אָנווייזנדיק בעת-מעשה אויף דער זון, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ כמאַרע. דו, וואָס ביסט אַזוי קלוג, פאַר-וואָס האָסטו אַ שוואַכע כמאַרעלע געגעבן דעם כוח אָפּצושוואַכן די שיין פון אַזאַ מעכטיקע פּלאַנעטע און איינצוהילן די ערד אין טיפן טרויער?" — דאָס איז דערפאַר, האָט דערקלערט דער אויבערשטער, כדי אַלע ערדישע זאַכן זאָלן בלישטשען

מיט פאַרשידענע קאָלירן, אַז דער מענטש זאָל קיינמאָל נישט זיין זיכער, און ער זאָל אין אַלץ צווייפלען, חוץ אין זיין מעכטיקייט״. דער אשמדאי האָט אויסגעהאָרכט און געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט געווען צעטומלט, אָבער אינדערזעלבער צייט איז אים געלונגען אָנצורירן מיטן עק דאָס געטלעכע טייג, וואָס איז תּיכּף גרוי געוואָרן. דער האר האָט עס באַמערקט און איז שטאַרק נתפּעל געוואָרן. „פאַרוואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי? — האָט חוזק געמאַכט דער בייזער רוח — דיין טייג איז דערפאַר גרוי, ווייל דאָס ליכט האָט זיך געביטן!״ גאָט האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז דאָ אַריינגעפאַלן און האָט אויס גאווה פאַרשוויגן. ער האָט אַריינגעלייגט די טייג אין דער פאָרם, געגעבן איר אַ צורה פון אַ מענטשן, און מיט איין בלאָז אַוועקגעשטעלט אדמען אויף די פיס... די אומריינקייט איז ליידער פאַרבליבן אין אים... זי איז געוואָרן אַ טייל פון אונדזער וועזן, אַזוי ווי איר זעט״...

„און פון דאַמאָלס!... אָט האָט איר!... אָט האָסטו פייכטע שוואַרצאַפּלען, וואָס לעכערן דורך דאָס האַרץ, ווי פיילן... אָט האָסטו אומגעדולדיקע ליפּן, וואָס וואַרטן אויף אַ גלעט פון וואָנסעס און אויף אַ ביס פון אַ זכר... אָט האָסטו ברוסטן וואָס זענען באַהאַלטן, כּדי מ׳זאָל זיי בעסער אַרויסזען... אָט האָסטו צוויי פרויען, צוויי מאַנסבילן, אָט האָסטו פיר נפשות, וואָס זענען פולשטענדיק באַהערשט דורכן טייוולס עק!... ווער טראַכט דאַמאָלס וועגן דעם געטלעכן פונק, דאָס טליעט נאָך אין אונדז?... אויס צניעות, אויס ריינקייט, אויס איינגעהאַלטנקייט, אויס דרך-ארץ!... צוויי פרויען און צוויי מאַנסבילן, זייט-ביי-זייט, זענען באַהערשט פון קאָפּ ביז די פיס דורכן אומענדלעכן עק פונם „נישט-גוטן!...

„און כ׳האָב טועם געווען, אַדריאַן, כ׳האָב פאַרזוכט פון עץ-הדעת! און ס׳איז מיר אַזוי געפעלן, אַז כ׳בין געוואָרן דער בעסטער אין מיינע באַציונגען מיט אַלעמען. כ׳האָב מוחל

געווען מיין פרוי דאָס שלאָפן און כ׳האָב זי מער נישט גע־שלאָגן. איך האָב פאַרדאָפּלט מיין גוטהאַרציקייט צו די, וואָס האָבן ביי מיר געאַרבעט און זיך באַצויגן מיט חסד צו די, וועלכע האָבן מיך באַגנבעט. פון אינדערפרי ביז אין דער נאַכט בין איך אַרומגעגאַנגען אַ לוסטיקער און אַ פריילעכער...

„און אַט !... דערדאָזיקער „אַט" איז פון גאָר אַן אַנדער מין... ווייל, קהלת זאָגט, אויף אַלץ זיין צייט: אַ צייט אויף לאַכן, אַ צייט אויף וויינען, אַ צייט אויף קושן, און אַ צייט, ווען מ׳דאַרף זיך דערווייטערן פון קושן... אַט אַזאַ צייט איז געקומען...

„איינמאָל אין אַ זומערדיקן דושנעם נאָכמיטאָג, האָבן מיר, איך און ירמיהו, פאַרזוכט פונם פאַרווערטן און צייט־ווייליקן תענוג, אינם הויז פון גייסטלעכן, אַ הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויסערן דאָרף, אָפּגעזונדערט און פאַראיינזאַמט. דער בריוו־טרעגער איז געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט און דער פּאָפּ איז צוליב ראש־חודש אָפּגעפאָרן באַשפּרינקלען די וווינונגען פון זיין סביבה. מיר זענען געווען זיכער, אַז קיין מענטשלעך אויג וועט אונדז נישט באַמערקן און מיר האָבן ליידנשאַפטלעך געמאַכט אויפלעבן יענעם חלק פונם געט־לעכן טייג, וואָס דער טייוול האָט אָנגערירט מיט זיין עק. מיטאַמאָל האָט גאָטס נקמה־האַנט אויפגעעפנט די טיר, און אויף דער שוועל האָבן זיך, ווי צוויי שרעקלעכע שופטים, באַוויזן דער גייסטלעכער מיט זיין איידים. ביידע, הויך און קרעפטיק, ביידע זענען געווען באַדעקט מיט שטויב און בלאַס פון מידקייט. דער פּאָפּ האָט געהאַלטן אין דער האַנט די כלי מיטן טויף־וואַסער, דער בריוו־טרעגער — אַ סענקעוואַטן שטעקן מיט אַ טאָרבע פאַר בריוו.

„ווי שטומע זענען זיי ביידע פאַרבליבן שטיין אויף דער שוועל, אָבער מיר, די פיר שולדיקע, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ ווינקל פונם חדר; ירמיהו האָט אַפילו געכאַפּט אַ מעסער, כדי זיך צו פאַרטיידיקן; איך האָב די אויגן נישט

געקענט אויפהייבן פאַר חרפּה; ביידע נקבות האָבן צביעותזיק אַראָפּגעבויגן זייערע קעפּ. און דאָס קול פונם אַלמעכטיקן האָט אָפּגעהילכט דורכן מויל פון זיין באַליידיקטן משרת, וועלכער איז פאַרבליבן שטאָלץ אין זיין אומגליק.

„ער האָט אומגעפער אַזוי געזאָגט:

— פרידן מיט אייך, איר זינדיקע נשמות!... און זאָל דער פרידן אויך זיין מיט אייך, חצופהדיק ווייבער! דו, ירמיהו, וואַרף אַוועק דאָס שאַרפע מעסער, ווייל אַ גייסטלעכער, ווי גרויס ס'זאָל נישט זיין די חטא, מיט וועלכן ער שטויסט זיך אָן, גייט קיינמאָל נישט אַריין אין זיין שטוב, אָדער אין אַ פרעמדע שטוב, מיט נקמה־געדאַנקען!... נאָר גאָט אַליין קען משפּטן, ווער ס'איז גערעכט און ווער ס'איז אומגערעכט... דאָס איז אַלץ, וואָס כ'האָב דיר צו זאָגן, — דיר, אַ מענטש אָן אַ האַרץ, אָן בושה, אָן רחמנות. אָבער צו דיר, אַנגעל, וויל איך מער ריידן, ווייל דו האָסט אַ האַרץ, חרפּה און רחמנות כ'ווייס, אַנגעל, אַז דו ביסט אומגליקלעך אין דיין פאַמיליע־לעבן... אָבער פאַרוואָס זשע זוכסטו זיך אַ דערלייכטערונג אין יענעמס אומגליק?... כ'מיין נישט דערביי זיך אַליין. איך בין געניט שטאַרק צו טראָגן דעם צלם, וועלכן דער אויבערשטער מאַכט שווערער פון טאָג צו טאָג, צו פּייניקן מיין זינדיק לייב דערפאַר, ווייל כ'האָב געלוסט דעם תענוג פון קערפּער און כדי צו דערמאָנען מיר, אַז „אַ פרוי וואָס איז שיין און וואָס איז נישט אָרנטלעך, איז פונקט ווי אַ גאָלדענע רינג אויף דער נאָז פון אַ חזיר". קוק זיך אָבער צו צו דעמדאָזיקן יונגנמאַן, וועלכער שטייט לעבן מיר און ציטערט ווי אַ טויטע בלאַט, ווייל ער פילט, אַז זיין קערפּערלעכער גליק איז שטערבלעך צעקלאַפּט, צעשמעטערט דורך דיר, דורך אַ מענטשן, וואָס האָט אַ האַרץ, בושה און רחמנות... קוק אים אָן, אַנגעל, און ווייס, אַז... אַ האַרבע שטראָף וועט טרעפן דעם, וואָס גייט אַראָפּ פון דרך־הישר!"... איך בין

אויך אַראָפּ פונם דאָזיקן וועג, וועלנדיק פאַר זיך אַליין די־דאָזיקע פרוי, וועלכע איז דורך גאָט באַשטימט געוואָרן צו געהערן אַלעמען... און דערפאַר קום איך איצט אָפּ.. אָט דער יונגערמאַן, מיין טאָכטער, איז אַראָפּ פון וועג, טרעטנדיק מיט די פיס אויף אָרנטלעכע ליבע און אויסשפּרייטנדיק די הענט צו אַ בתולה, וואָס וואָלט גיכער געדאַרפט זיין אַ זונה.... ער קומט איצט אָפּ דערפאַר... דו, אַנגעל, וועסט אויך האָבן דיינס!... כ׳ווינטש דיר נישט קיין שום שלעכטס, אָבער דאָס שלעכטס איז שוין אין דיר; ווייל ס׳איז דערלויבט דער מענטשלעכער תאווה אַרויפצופאַלן אויף שמוץ, מיינענדיק אַז ס׳איז ריינקייט, אָבער ס׳איז פאַרבאָטן צו גיין בכיוון זיך אָנצושטעקן. גייט אַוועק פונדאַנען!... גייט אייך געזונטערהייט. אָבער היט אייך פאַר גאָט און פאַר די ווערעם, וואָס שלאָפן נישט... *).

„האָסטו געהערט, אַדריאַן?... די נישט־איינגעשלאָפענע ווערעם!... אָט האָסטו זיי איצט!... זיי געפינען זיך אונטער די־דאָזיקע שמאַטעס, וואָס דעקן זיי צו, זיי און מיין טויט־לעבעדיקע פגירה... שוין פון אַ יאָר צייט, אַז זיי עסן מיך אויף פאַמעלעך... און שוין פון אַ יאָר צייט לעבט נישט אין מיר קיין שום אַנדער זאַך ווי מיין מוח, מיין קאָפּ...

„ס׳איז געקומען אַ סוף צום פעטער אַנגעל!... אַלץ איז צעשמאָלצן געוואָרן!... ס׳איז קיין סימן נישט פאַרבליבן פון זיין שיינעם הויז; פון זיינע שיינע קינדער; פון זיין ריין העמד, פון זיין שוואַרצער באָרד; פון זיינע אָפּגעליאַקירטע שטיוול... ס׳איז צעפוילט געוואָרן דער קערפּער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוווּסט פון מידקייט און פון קרענקן!... און דאָס, מיט וואָס די שרעקלעכסטע מערדער האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, האָבן די נישט־איינגעשלאָפענע ווערעם צורעכט געמאַכט!...

„בלויז דער מאַרך אַליין האַלט זיך נאָך גוט... בלויז

---

*) אין רומעניש „נישט־איינגעשלאָפענע ווערעם” באַדייט: ווערעם, וואָס שלאָפן קיינמאָל נישט.

ער דיכט מיר גאָך ווי אַ ליכטיקע לאָמטערן אין דער אומ־ענדלעכער נאַכט, — די נאַכט, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן אינם אָוונט, ווען מיין זון איז אַראָפּ אין קבר... אָבער די לאָמ־טערן האָט אָנגעהייבן שטאַרק צו לייכטן... און ס׳איז נישט פאַרבליבן מער קיין אייל פאַר קיין שום אַנדער זאַך... אַלץ פאַר אים, פאַר זיין פּלאַם!.. אַזוי אַרום בין איך אַרויף אויפן וועג פון דערלייזונג !...

„הונדערט פופציק פונט אומנוצלעכע בלאַטע האָבן גע־וואָלט איינשלינגען די גאַנצע וועלט! איצט וואַלגערט עס זיך דאָ אומבאַוועגלעך !... אַזויפיל פאַרלאַנגען, אַזויפיל השגות, אַזאַ געדויש און צוויי ווייניק געטראַכט פון אייביקייט!... האַר פון דער וועלט, פאַרוואָס אַזאַ אומגעלומפּערטע באַציונג צו דיין בעסט ווערק!... דער קאָפּ אַליין וואָלט געווען גענוג פאַר אונדז. צי האָב איך דען ערגעץ אַנדערש, ווי אין מוח אָפּגעזוכט די אומגעהויערקייט?... אָך, ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט, אַז די־דאָזיקע אומגעהויערקייט, אונדזער איינציקע אייביקייט, איז פאַר־קלענערט ביז גאָרנישט און פאַררוקט ווי אַ קליין זאַמדעלע אין אַ פאַרחושכט ווינקעלע פון מיין קאָפּ!... אין דער גאַנצער שטוב טומלט זיך... אַ גרויסער קאַסטן האַקט אין קאָפּ טאָג און נאַכט... אַ פייער פון שטרוי, וואָס וויל פאַרברענען דעם טעמפּל, צינדט אים אָן, פאַרפּעסטעט דאָרט די לופט און מאַכט מען זאָל דאָרט נישט קענען וווינען.

„שוין זיבן יאָר האַלט איך אין איין טראַכטן וועגן דעם אַלעם... שוין דריי מאָל האָב איך איבערגעלייענט דעם אַלטן און דעם נייעס טעסטאַמענט. קהלת האָט שוין אין אַן איין־שעהדיקן שמועס אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס מ׳קען נאָר זאָגן וועגן לעבן; קיינמאָל וועט מען שוין נישט קאָנען זאָגן בעסער און אויך נישט מער, אַפילו אויב מ׳וועט רעדן צען טויזנט יאָר נאָכאַנאַנד. בלויז איין אמת איז פאַראַן: „אַלץ איז הבלי־הבלים און אַ געיעג נאָכן ווינט!... אַפילו דאָרטן, ווו דער־דאָזיקער חכם געפינט יאָ אַביסל גליק, ווייזט זיך דערנאָך אַרויס, אַז ס׳איז גאָרנישט. ס׳האַנדלט זיך נישט אין דעם,

מ׳זאָל געפינען דאָס גליק אינם לעבן, נאָר דערין, מ׳זאָל קע־נען איינהאַלטן דאָס גליק אויף אַ לענגערע צייט; אָבער אין לעבן איז נישטאָ קיין שום זאַך, וואָס איז דויערהאַפטיק... דער עיקר דאַרף מען וויסן, וויאַזוי דאָס אַלץ צו באַנוצן...

„און אָט דערפאַר האָב איך פאַרלאָזן דאָס לעבן און כ׳האָב זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צום טויט...

„מ׳איז טויט פון דער מינוט אָן, ווען מ׳הערט אויף דערפון צו פאַרזוכן... כ׳בין שוין פון דריי יאָר טויט... אָבער כ׳בין פריי געוואָרן ערשט מיט זעקס חדשים צוריק, פונם טאָג אָן, ווען מיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין דער אייביקייט... דאָרט האָב איך געפונען די אייביקייט... ס׳איז נישטאָ פאַר מיר קיין חילוק צווישן טאָג און נאַכט... כ׳בין אומעטום דאָ. אַלץ זע איך; אַלץ פיל איך; און קיין זאַך גייט מיר נישט אָן... פרייד און ליידן זענען בלויז שטערונגען אויפן וועג פון פרייהייט...

ווילפל מאָל בין איך שיער נישט אַריינגעפאַלן אינם עולם־התוהו; כ׳האָב זיך אָבער תמיד צו דער ריכטיקער צייט אַרומגעקוקט. מ׳קוקט זיך אַרום. ווען ס׳דערנענטערט זיך דער אָנהייב פון דער אין־סופיקער זאַך גלוסט זיך ברעכן, און עפּעס אַ משא דריקט אומרחמנותדיק .. איין רגע — נישט אַכטונג געגעבן און ס׳איז אַ סוף...

„איינמאָל האָב איך זיך אויף מיין אַרט געשפּילט מיטן לעבן און מיטן טויט. דאָס האָט פּאַסירט דעם לעצטן ווינטער. כ׳האָב נישט געוווּסט, צי ס׳איז טאָג צי נאַכט; שוין פון אַ גאַנץ לאַנגע צייט האָט עס פאַר מיר קיין שום ווערט נישט געהאַט... כ׳האָב אַרומגעשפּאַצירט... פרייליכע ערינערונג פון מיין עבר האָבן מיך אַ טרייב געטאָן צום לעבן, און אַן אַנדע־רע, אַ טרויעריקע, האָט מיך אַ שטופּ געטאָן צום טויט. אַ ווייטער געשריי פון יסורים האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַן עקל. דאָס זענען געווען די קולות פון אַ חזיר, וועלכן מ׳האָט געקוילעט איבער דאָרף ערב חגא פון קריסטוס־געבורט... אוהאאא!

כ'האָב זיך דערמאָנט וויפל חזירים ס'האָבן געצאַפּלט אונטער מיין קני; וויפיל מאָל כ'האָב קונציק אריינגעשטאָכן מיין לאַנגן מעסער אינם האַרצן, וואָס האָט געצאַפּלט ביי דער לינ-קער זייט, אָדער אין דער ווייכער אויסהוילונג פונם האַלדז,— לויט דעם וואָס ס'האָט זיך מיר געוואָלט באַקומען... נישט איינמאָל האָט דאָס הייסע בלוט מיר אַ שפּריץ געטאָן אין פּנים אַריין... די חיה האָט זיך אַ לענגערע צייט געצאַפּלט, דערנאָך זענען אירע אויגן טונקל געוואָרן: זי איז געווען טויט. און איך פלעג זי נאָך דערלאַנגען אַ פּעטשל, אַ פריינטלעכן פּעטשל, ווי מען דערלאַנגט אַמאָל אַ פרוי, וואָס מען ליבט, איבערן הינטער-חלק...

„דאָס אַלץ האָט אויף מיר אָנגעטריבן אַ מרה-שחורה... די וועלט איז פאַרשווונדן געוואָרן... אויס ערינערונגען, אויס שטח...!! מיין מוח איז באַהערשט געוואָרן פון אַ מין זיסער, גאַרקאַטישער פוילקייט... עפּעס אַ קניפּ איז אַרויס פון מיין מאָגן... אַ משא האָט מיך געדריקט צווישן די אויגן... כ'בין איבערגעקומען. כ'האָב צו זיך אַליין געטענהט: „אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג!...

„פלוצלונג האָבן דריי קינדערשע שטימען זיך פאַנאַנ-דערגעזונגען אונטער מיין פענסטער:

גוט מאָרגן, טאַטע ניטל!...
גוט מאָרגן, טאַטע ניטל!...
גוט מאָרגן, טאַטע ניטל!...

„נאָכדעם האָט זיך די טיר ברייט צעעפנט פאַר דער קעלט און פאַרן לעבן, און מיין משוגענער, באַגלייט פון דריי יינגעלעך, איז אַריינגעקומען אין מיין חדר, ווו דער פליגל, פון טויט האָבן נאָך אַרומגעשוועבט. דאָס האָט ער אַריינגע-שלעפּט אין מיין פאַרחושכטער קרעטשמע די חברה קליינוואַרג וועלכע זענען אַרומגעקראָכן איבערן דאָרף מיט די טראַדי-ציאָנעלע ברכות לכבוד יום-טוב... שוין גאַנצע זיבן יאָר, ווי די פריילעכע קולות האָבן זיך נישט דערנענטערט צו מיינע

פענסטער... כ׳האָב נישט געהאַט זיי צו געבן דאָס, וואָס מ׳גיט געווײנלעך אין אַזעלכע פאַלן: ניס, צוקערלעך, פייגן און קי־כעלעך...

„כ׳האָב זיי געגעבן אַ פּאָר מטבעות... זיי האָבן מיר צוגעווונטשן „אַ רפואה שלימה" און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, אַוועקטראָגנדיק מיט זיך די קילע לופט און דאָס לעבן...

„כ׳האָב זיך צוגעקוקט, ווי זיי גייען אַוועק, כ׳האָב פאַר־געסן אינם טויט, און ס׳האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט ווײנען... ס׳איז געווען יום־טוב אין דאָרף... און דער פּעטער אַנגעל, אַט דער דערדאָזיקער גוטער קריסט, האָט נישט פאַרמאָגט נישט קיין ניס, נישט קיין פייגן, און נישט קיין צוקערלעך, כּדי צו געבן די קינדער, וואָס האָבן געווונטשן אַ „גוטן מאָרגן" דעם טאַטנס ניטל.

* * *

דעם פּעטער אַנגעלס מויל האָט זיך ברייט צעעפנט און האָט אַרויסגעוויזן זיינע געל־שוואַרצע ציין פונם טויטן־קאָפּ. אַדריאַן האָט נישט געוווּסט, צי דער חולה גוססט שוין, אָדער ס׳ווילט זיך אים בלויז ווײנען. זיין רעכטע האַנט, וועלכע איז אַראָפּגעהאַנגען אַ פאַרגליווערטע ביים זוים פונם געלעגער, האָט אָנגעהייבן צו ציטערן מיט אומרעגלמעסיקע באַוועגונגען, וועלנדיק אָנטאַפּן דאָס פלעשל בראָנפן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער ערד. אַדריאַן האָט פאַרשטאַנען:

— „ווילסט טרינקען, פּעטער?..."

ער האָט זיך אויפגעהייבן, כּדי אים צו באַדינען.

— „יאָ... שנעל... איך ווער דערשטיקט".

אַדריאַן האָט אָנגעפילט דאָס קליין גלעזעלע, און האָט עס אויסגעליידיקט אינם אָפענעם מויל. דאָס גלעזעלע האָט געטאַנצט צווישן די צוויי שורות ציין, וועלכע האָבן זיך גע־קלאַפּט אָן אײנאַנדער, פּונקט ווי דער חולה וואָלט דערפרוירן געוואָרן פון קעלט.

ס׳האָט תיכּף געווירקט. דער אַלקאָהאָליקער האָט זיך באַרויקט.

„איך וועל באַלד שטאַרבן, אַדריאַן... אָנשטאָט אַ ירושה גיב איך דיר אַזאַ עצה: כּל-זמן ס׳איז נאָך דאָ צייט — שטעל זיך אַקעגן מיט אַלע דיינע כּחות דעם לייכטזיניקן פאַרגעניגן. ווייל נאָר צוליב אים ליידן מיר ס׳רוב... און צוואָס דאַרף מען עס? דער לייכטער פאַרגעניגן פאָדערט פאַר זיך אונדזער גאַנץ לעבן. פאַרן פּעסל אייל, וואָס ער ברענט אויס באַקומען מיר בלויז אַ ביסל בוימל. דאָס איז קנאַפּ. זייער ווייניק. די הינט האָבן דיזעלבע ליידנשאַפטן וואָס מיר, אָבער זיי שטייגן אונדז איבער אין חכמה.

„איך האָב געהאַט בדעה דיר צו געבן אַ ביישפּיל פון מענטשלעכער משוגעת, דערציילנדיק דיר דאָס לעבן פון קאָסמאַן, ירמיהוס פּאָטער און אונדזערער אַ ווייטער קרוב. כ׳פיל זיך אָבער נישט בכּוח דיר צו דערציילן דידאָזיקע לאַנגע געשיכטע... אַז ירמיהו וועט וועלן, וועט ער דיר דערפון אַליין בעסער דערציילן פאַר מיר...

„כ׳בין מוחל קאָסמאַן דאָס, וואָס כ׳קען זיך אַליין כּמעט נישט מוחל זיין, און דיר אוודאי נישט. קאָסמאַ האָט נישט געהאַט קיין מאַרך; איך האָב בלויז פאַרמאָגט אַ העלפט. דו אָבער האָסט צו צוואָנציק יאָר געוווּסט אַזויפיל, וויפל מיר האָבן נישט געוווּסט צו פופציק: דו האָסט געוווּסט, אַז ס׳איז נישט אמת, דאָס די תענוגים זענען דאָס גאַנצע לעבן און אַז אויסער זיי איז גאָרנישטאָ. אינדערזאַמתן איז פונקט פאַרקערט. אָט דעמדאָזיקן היפוך האָב איך צו שפּעט פאַרשטאַנען... קאָסמאַ האָט פון אים קיינמאָל קיין השגה נישט געהאַט״.

אַדריאַן האָט געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוזאָגן זיין געדאַנק:

„ס׳איז נישטאָ קיין חכמה, פּעטער, וואָס זאָל זיין אומשטאַנד צו דערשטיקן די גרויסע ליידנשאַפט, אַזוי אַז דאָס

גאַנצע וועזן זאָל אין דערזעלבער צייט נישט צעבראָכן ווערן... רייסטו אויס די ליידנשאַפט פונם האַרצן, צעברעכסטו דערמיט דעם מענטשן...

— וואָס הייסט ביי דיר צעברעכן? האָט אַנגעל גע- פרעגט מיט אויפרעגונג.

— פאַר אַ צעבראָכענעם האַלט איך דעם מענטשן, וועל- כער שטרעבט צו אַן אַנדער לעבן, און וויל זיך אַרויסרייסן פונם לעבן, וואָס איז אים אָנגעצייכנט געוואָרן".

אַנגעל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

„דאָס הייסט ביי דיר אַ צעבראָכענער מענטש? און ווי אַזוי רופסטו אָן דעם מענטש, וואָס שטרעבט נישט צו אַן אַנ- דער לעבן, און וויל זיך נישט אַרויסרייסן פונם לעבן, וואָס ס'איז אים אָנגעצייכנט געוואָרן?"

אַדריאַן האָט נישט געוואַגט אויפצורעגן זיין פעטער און האָט געשוויגן; אָבער דער חולה האָט ווידער איבערגעפרעגט:

„וויאַזוי וועסטו אים אָנרופן, פלעמעניק?... ווילסט מיר נישט זאָגן?... אפשר הייסט ער, פעטער אַנגעל, אָט יענער מענטש, וואָס שטרעבט נישט צו אַן אַנדער לעבן און וויל זיך נישט אַרויסרייסן פונם לעבן, וואָס ס'איז אים אָנגעצייכנט גע- וואָרן?... קענסטו דעמדאָזיקן פעטער אַנגעל?... ווילסטו וויסן, וואָס ס'איז געוואָרן פון אים דערפאַר, ווייל ער האָט געפירט אַ לעבן, וואָס ס'איז אים אָנגעצייכנט געוואָרן?... גוט, אַדריאַן, דעק מיך אָפּ!... נאַ, וואַרף אַראָפּ פון מיר די שמאַטעס און באַטראַכט דאָס בילד פונם פעטער אַנגעל, וועלכער איז נישט אומשטאַנד געווען אַרויסצורייסן זיך פונם לעבן, וואָס ס'איז אים אָנגעצייכנט געוואָרן! וואַרף אַראָפּ די שמאַטעס און קוק זיך איין, מיין פיינער פלעמעניק! דאָס, וואָס דו וועסט זען, וועט דיך גיכער איבערצייגן, ווי טויזנטער דרשות! וואַרף אַראָפּ!

— האָב אויף מיר רחמנות, פעטער... לאָז אָפּ... כ'האָב מורא", האָט זיך געבעטן אַדריאַן.

„איך באַפעל דיר — מיך אָפּצודעקן און באַטראַכטן — האָט אַנגעל אויסגעשריגן מיט זיינע לעצטע כּוחות.

„זיי מוחל, פעטער, האָב רחמנות!"

ציטערנדיק, האָט אַנגעל מיט גרויס אָנשטרענגונג צוגע-רוקט זיין לינקע האַנט צו די ליפּן און אָנגעהייבן צו פּייפן. דאָס יינגל איז באַלד אַריינגעלאָפן און געוואָלט אים אָנגיסן בראָנפן:

„ניין, נישט-דאָס... צוערשט רייניק מיך אָפּ", האָט אים באַפעלן דער חולה.

דער משוגענער האָט העפטיק אָנגעהייבן אַראָפּצוואַרפן די שמאַטעס אויף דער ערד; און וואָס מער דער קערפּער איז אויפגעדעקט געוואָרן, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן דער עיפּוש אין צימער. ווען די לעצטע באַדעקונג איז אַראָפּ-געפאַלן, האָט אַנגעל אויסגעשריגן:

„דערנענטער זיך, אַדריאַן, און קוק זיך איין, אינם נאָ-מען פון דער ליבע, וואָס כ'האָב פון שטענדיק אָן געהאַט צו דיר!"

אָן איבערגעשראָקענער איז אַדריאַן צוגעגאַנגען; און די קאַליקע האָט אים אָפּגעטרעטן דאָס אָרט, אויפשטעלנדיק זיך ווי אַ זשאַנדאַרם צופוסנס פונם חולה. אָבער ווי נאָר דער יונגערמאַן האָט באַמערקט די צוויי שרעקלעכע שורות פון די אומבאַוועגלעכע בלויע ביינער פון די פיס און פון די היפטן, ענלעך צו אויסגעלייַדיקטע כּלים, ווי נאָר זיינע אויגן האָבן דערזען דידאָזיקע ביינער, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע שפּיצן דורך דער דורכגעשטאָכענער הויט, האָט ער תּיכּף באַ-דעקט דאָס פּנים מיט זיינע ביידע הענט און איז אַוועקגעלאָפן צו דער טיר, שרייענדיק:

„אַ שרעק!... אַ שרעק!... איז עס באמת דער פעטער אַנגעל?"

אין דערזעלבער רגע איז אינם חדר אַריינגעקומען אַ שיינער זקן, מיט אַ טונקל פּנים, אַ לאַנגער באָרד און אַ

פעסטן גוף. אדריאַן האָט זיך אַנגעשטויסן אָן זיין ברייטער ברוסט. דער אָנגעקומענער האָט אים אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס:

„וואָס איז געשען, אַדריאַן? דו האָסט זיך איבערגע־שראָקן פאַר דיין פעטער?"

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט אַנגעל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום גאַסט און אויסגעשריגן:

„ירמיהו!... ירמיהו!... האַלט אים איין!... לאָז אים נישט אַוועקגייען!... כ׳בעט דיך!... דאָ... דאָ... לעבן מיר וויל איך דו זאָלסט אים דערציילן דאָס שרעקלעכע לעבן פון קאָסמאַן... כ׳וויל עס אויסהערן פאַרן שטאַרבן... כ׳וויל זאָלסט זאָגן דעמדאָזיקן יונגגמאַן דעם אמת איבער דעם ווילדקייט פון תאווה... קאָסמאַס פאַלשע פריידן און זיינע אמתע ליידן... זיינע פוסטע תענוגים און זיין קריצן מיט די ציין... ווייז אים די אכזריות פון אַ משוגענעם גאָט, וועלכער האָט באַשאַפן דאָס לייב, כדי האָבן הנאה דאָס לייב צו מאַטערן... די עלנט, וואָס לאָקערט אויף יענעם, וועלכער לאָזט זיך אַוועקרייסן דורכן שטורם פון די חושים... ווייז אים, ירמיהו... זאָגט אים... דערצייל אים פון... פון... קאָסמאַן!..."

פלוצלונג איז אַנגעל אַנטשוויגן געוואָרן. די אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּינטעלע פונם סופיט. זיינע הענט האָבן זיך צונויפגעקאָרטשעט.

„רעד... ירמיהו... דערצייל אים, ווער ס׳איז געווען קאָס־מאַ", האָט ער צוגעגעבן קוקנדיק אויפן סופיט.

אַדריאַן האָט געוואָלט אָנהייבן צו שרייען, אָבער ירמיהו האָט אים פאַרדעקט דאָס מויל מיט דער האַנט. דערנאָך, אויס־גלאָצנדיק אַ פּאָר שרעקלעכע אויגן, האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיט אַ קלינגענדיק קול אָנגעהייבן רעדן פּאַמעלעך, וואָרט ביי וואָרט, קוקנדיק דאָ אויפן גוסס און דאָ אויף אַדריאַנען:

— קאָסמאַ איז געווען דער ליידנשאַפטלעכסטער מענטש פון זיין צייט... זיין לעבן איז געווען אַ שטורם מיט אָפּטע

דונערן... זיין האַרץ האָט דערקענט גרויסע פריידן און איבער־מענטשלעכע ליידן... און קאָסמאַ איז באַשטראָפט געוואָרן מיטן טויט פאַר זיינע עוולות, זיינע אכזריות און זיינע פעלערן...

. . . .

ירמיהו האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעלאָזט אַדריאַנס האַנט און זיך איינגעבויגן איבערן פאַרגליווערטן פּנים פונם פעטער אַנגעל, וועלכן ער האָט אַ ווײַלע באַטראַכט. דערנאָך האָט ער אָנגעצילט זיין בליק אויף אַדריאַנען און האָט אָנגערירט מיט צוויי פינגער די ביידע שוואַרצאַפּלען, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין קוקן אויפן סופיט. אָבער דער פעטער אַנגעל האָט כסדר געקוקט מיט זיינע ביידע אָפענע אויגן אויף דער סודות־דיקער אייביקייט.

III

קאָסמאַ

ירמיהו האָט אַרייַנגעשלעפּט דעם אָנגעשראָקענעם אַדריאַן אין דער צעשאָטענער קרעטשמע. דאָרטן האָט ער אַוועקגעלייגט אויפן פאַרשטויבטן טיש אַן אָנגעפּאַקטע טאָרבע, וועלכע ער האָט בײַם אַרייַנגיין אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד. פון דער טאָרבע האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ ברייטל פון אַ קילאָ, אַ גרויסע שטיק פעטע שינקע, אַ גרויסע ציבעלע און אַ מעסער. דער מגושמדיקער פאַרשוין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, צעקוועטשט די ציבעלע מיט איין קלאַפּ פון זיין פויסט, צעשניטן דאָס ברויט אין דער לענג און אין דער ברייט, צעפּיצלט די שינקע אויף שטיקלעך און, דערלאַנגענדיק אַדריאַנען אַ רמז, ער זאָל אים נאָכטאָן, האָט ער אָנגעהייבן צו שיקן אין מויל אַריין גרויסע שטיקער.

אַדריאַן האָט נישט אָפּגעענטפערט אויף דער איינלאַדונג. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף אַ באַנק און אָנגעלענט דעם שטערן אויף די צונויפגעקריצטע הענט. ירמיהו האָט אים מער נישט געבעטן און אַליין אַלץ איינגעשלונגען. בלויז איין איינציק

מאָל האָט ער איבערגעריסן זיין מאָלצייט און איז אַראָפּ־געגאַנגען אינם קעלער, פון וואַנען ער איז תּיכּף אַרויפגעקו־מען מיט אַ קריגל ווייַן פון פינף ליטער. די משקה האָט ער זיך אָנגעגאָסן אין אַ ליימענעם טעפּל פון אַן אָקאַ *), וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ גלאָז.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זיך דאָס ברויט, די שינקע, די ציבעלע און אַ העלפט פונם ווייַן געפונען אויפן וועג פון זיין האַלדז אין מאָגן. ווען אַדריאַן האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ, האָט ירמיהו געריכערט זיין ליולקע און געשמייכלט אונטער זיינע לאַנגע וואָנצעס. דער יונגערמאַן האָט אים אָנ־געקוקט, ווי מ׳קוקט אָן עפּעס אַן אויסטערלישע פּאַרזענליכקייט. אויף דעם בליק האָט ירמיהו אָפּגעענטפערט מיט אַ שנעלער באַוועגונג פון זיינע ווייסע ברעמען, פון זיין גרויער טשופּרינע און פון זיין היטל, וואָס איז געזעסן אויפן קאָפּ, ווי אַ קליין סטעגעלע היי. בלויז זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, נאַאיוו־אומשולדיקע, ווי ביי אַ קינד, האָבן עדות געזאָגט וועגן דער ליבע, וואָס ס׳געפינט זיך אין אָט דעם ווילדן נפש; זיי האָבן אויסגעדריקט מער פּאַרטרויונג, מער אָפנהאַרציקייט, ווי די פיינטלעכסטע ווערטער. דאָס איבעריקע: די ווילדע באָרד, די שטיוונע שמוציקע מלבושים, דאָס אומריינע העמד אָן אַ קאָל־נער, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ שטריקל און די בע־רישע לאַפּעס, וואָס וואָלטן געקענט ממיתן אַן אָקס, — האָט געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון חיהשקייט. מען האָט געקענט מיינען, אַז צו דער גאַנצקייט פון בילד האָט אַדריאַ־נען געפעלט נאָך איין איינציקער באַווייז פון ווילדקייט, ווייל ירמיהו האָט מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן די פול־אָנגעגאָסענע „אָקאַ״, מיט איין זופּ זי אויסגעליידיקט און, פּונקט ווי אָפּצו־כאַפּן דעם אָטעם, האָט ער צעזאַמענגעדריקט זיינע ציין אינם זוים פון טעפּל, אַ ביס געטאָן די ליימענע כּלי, ווי ס׳וואָלט געווען אַ ברויט. דאָס אָפּגעביסענע שטיקל האָט ער אַ ווייַלע

*) אָקאַ: 1,000 גראַם.

מעלה-גירה געווען און תיכף אַרויסגעשפּיגן אויפן טיש די צעמאַלענע ברעקלעך.

ביידע מאַנסבילן האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט: אדריאַן פאַרצויבערט, און דער אַלטער מיט אַן אויסזען פון אַ מכשף.

„קענסט נישט מיין פּנים זשרעבעקל? האָט די נאַכט פון דיין פאַרגאַנגענהייט נישט איינגעהיט וועגן אים די מינדעסטע ערינערונגען? איינמאָל, אין אַ שרעקלעכן ווינטער, האָב איך אויפגעהייבן אויפן וועג אַן אָרעמע פרוי מיט פאַרפרוירענע קליידער און זי אַרויפגענומען אויף מיין וואָגן; דאָס האָט פּאַסירט נישט ווייט פון אונדזער דערפל. פאָרנדיק האָט זי פאַר מיר אויפגעעפנט איר האַרץ און מיר דערציילט אירע דאגות: אַן אַלמנה, אַ קינד פון פינף יאָר, וועמען ס׳גייען אויס די כּוחות צוליב אַ סודותדיקער קראַנקייט, קיין שום האָפענונג אויף אויסצוהיילן... מיר זענען צוגעפאָרן צו איר הייזל; כ׳האָב אָנגעכאַפּט די אויסגעדאַרטע הענטלעך פונם קינד; כ׳האָב מיין בליק טיף איינגעגעסן אין זיינע אויגן, וועלכע זענען געווען אָנגעצילט אויף מיינע און כ׳האָב אויסגעשריגן מיט אַ דונערדיקן קול: אַך טייוואַלאַנישע כּחות פון לעבן! כ׳וויל, אַז דאָסדאָזיקע קינד זאָל אויסגעהיילט ווערן! וועסט געזונט ווערן קליינינקער, וועסט מער נישט וויינען, וועסט רויק שלאָפן, דו הערסט? מנוחה, געזונט, לעבן, זאָל פון דיר קיינמאָל נישט אָפּטרעטן! אמן!" און דאָס קליין אומשולדיקע נפשל איז אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט און פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף, וואָס עס האָט זינט אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט. און עס איז געזונט געוואָרן. עס איז געוואָרן אַ גרויסער שיינער בחור, פּונקט ווי דער, וועלכער זיצט איצט פאַר מיינע אויגן! געדענקסטו נישט טייבעלע, מיין פּנים?...

— דאָס זענט איר געווען, ירמיהו, דער סודותדיקער מענטש, וועלכער האָט דעמדאָזיקן נס באַוויזן?

ירמיהו האָט באַשטעטיקט מיט אַ שאָקל פונם קאָפּ.

אדריאַן האָט אָנגעכאַפּט איינע פון די האָריקע הענט און האָט זי אַ קוש געטאָן. פון דער האַנט האָט זיך געשפּירט דער ריח פון אַ נאַסן הונט. איינדרויסן האָט געטריפט אַ קליין פּרילינג־רעגנדל", ביי אַ פאַרנעפּלטן וועטער. דורך אַ לאָך אין אַ ווינקל פונם שטרויענעם שענק־דאַך, וועלכער האָט שוין געהאַלטן ביי איינפאַלן, האָבן זיך טראָפּנס רעגן און נעפּל שטילערייט אַריינגעגנבעט אין חדר.

די קאַליקע איז אַ פאַרסאָפּעטער אַריינגעפלויגן אין צימער און האָט מיט אַן איבערגעשראָקענער מינע באַטראַכט ביידע מאַנסבילן. ירמיהו האָט צו אים אַ זאָג געטאָן:

„איצט, האָסטו שוין דאָ נישט וואָס צו טאָן... גיי, אָרימער יונג, גיי און לייג אַוועק דיין שווערן קאָפּ אויף די רעלסן פונם אייזנבאַן. דו וועסט תיכף פטור ווערן פון אַ לעבן, וואָס איז צו שווער פאַר דיינע באַרקעס, פונקט אַזוי שווער, ווי דיין קאָפּ... גיי, טו אַזוי ווי איך זאָג דיר: ס'איז צוליב דיין טובה וועגן".

די קאַליקע איז פאַרשוווּנדן, פונקט אַזוי שנעל, ווי ער איז אַריינגעקומען.

„און דו, אדריאַן, האָסט יאָ אַ פּאָר פּלייצעס, וועלכע קענען איבערטראָגן דאָס לעבן, וועל איך דיר אַלזאָ דערציילן די געשיכטע פון מיין פאָטער קאָסמאַ".

* *
*

„מיינע ערשטע זכרונות זענען אַזוי אַלט ווי די ערד, ווי די וייטע ערד פון מיינע ווייטסטע קינדער־יאָרן. פון דאַמאָלס אָן זענען שוין זיבעציק יאָר אַריבער. און אַז מ'קען זיך דערמאָנען וועגן אַ זאַך, וואָס מ'האָט דורכגעלעבט צוריק מיט זיבעציק יאָר, איז אַלץ איינס ווי די ערד וואָלט צוזאַמען מיט דידאָזיקע ערינערונגען אַנטשטאַנען.

„כ'בין געזעסן אויף אַ שטאַם פון אַ בוים און כ'האָב זיך געשפּיגלט אין אַן סאַדזעווקע, פונקט ווי אַ קליין הינטעלע

פון די װאָכן, װאָס באַטראַכט מיט אַ נאַרישן אויסזען די קלײנע פליגעלעך, װעלכע זשומען אַרום זײַן מאָרדע. אַרום מיר האָט זיך געצויגן אַ װאַלד פון הויכע גלײַכע בײמער, װעלכע האָבן הויך דערהײבן זײערע שפּיצן ביז צו די װאָלקנס. ליגנדיק אויפן רוקן האָב איך זײ געקענט באַטראַכטן. נישט װײט פון מיר האָט זיך געהערט אַ גערויש פון אַ האַסטיקן שטראָם. קעגן מיר האָט זיך געפונען אַ הײזל, װוּ מגושמדיקע מאַנסבילן מיט ברײטע הויזן און װײבער מיט קאָלירטע, געפּאַסקעװעטע יופּיצעס זענען אַרײַנגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען, רײדנדיק אויף קול און מאַכנדיק מיט די הענט. מיטאַמאָל האָבן זיך אינעם הײזל דערהערט קולות, און די װײבער מיט די שײנע יופּיצעס זענען אַנטלאָפן. ס׳האָבן זיך באַװיזן מאַנסבילן, װעלכע האָבן זיך געשלאָגן; אָבער פּלוצלונג האָט זיך אַרײַנגעמישט דער דיקסטער פון צװישן אַלע, װעלכער איז מיר אַמײסטן געװען באַקאַנט, און ס׳איז צוריק געװאָרן שטיל. אַלע זענען אַװעקגעגאַנגען, אויסער דעם דיקן און נאָך אײנעם, װעלכער איז מיר פּונקט אַזוי געװען באַקאַנט, װי יענער. אָבער אַ מערקװירדיקע געשיכטע! דער דיקער איז דעם צװײטן אַרויפגעשפּרונגען אויפן רוקן, כאָטש ער איז װײניקער געװען געזונט און איז געריטן אויף אים איבערן גאַנצן הויף, ביז װאַנען זײ זענען בײדע אומגעפאַלן אויף דער ערד. כ׳האָב דערפון גאָרנישט פאַרשטאַנען און כ׳האָב זיך װײטער געשפּילט אין װאַסער.

. . . .

„דאָס בילד, װאָס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון נאָך דער־דאָזיקער ערשטער ערינערונג, איז מער קלאָר. כ׳האָב גערעדט. דעם דיקערן פון די צװײ מאַנסבילן האָב איך גערופן קאָסמאַ, דעם צװײטן — עליע. כ׳בין צו זײ געװען אינגאַנצן גלײַכגילטיק, אויסער דעמאָלט, װען זײ האָבן מיך אַרויפגעזעצט רײַטנדיק אויף אַ פערד און אַרומגעפירט איבערן הויף. דאַמאָלס פלעג איך זײ פּאַטשן אין פּנים, װײל איך בין געװען שטאַרק באַגײַסטערט. דאָך האָב איך געפירט אַן אײנזאַם

לעבן. מיר האָבן איצט געוווינט אויף אַ ברעג פון אַזאַ ברייטן טייך, אַז מ'האָט קוים אַרויסגעזען דעם צווייטן ברעג. ביימער מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן האָבן געטונקט זייערע בלעטער אינם וואַסער, וואָס האָט לאַנגזאַם געפלאָסן. פון צייט צו צייט פלעגן פרעמדע מענטשן אָנקומען אויף באַרזשעס, אָנגעלאָדענע מיט פעך. כ'פלעג דאַמאָלס שטאַרק ליידן. קיינער פון זיי האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז כ'וויל אַריינשטייגן אין איינער פון די באַרזשעס און זיך שאַרן ווי זיי אויפן וואַסער.
איינמאָל, אויסנוצנדיק דעם מאָמענט, ווען זיי זענען געווען באַשעפטיקט, בין איך אַריין אין אַ ליידיקער באַרזשע, איבער־געשניטן מיט אַ מעסערל דעם שטריק, וואָס האָט זי צוגע־בונדן צו אַ בוים און זיך אַוועקגעגליטשט אויפן וואַסער, — צוערשט פּאַמעלעך, דערנאָך שנעלער, ביז דער שטראָם האָט מיך אַוועקגעטראָגן. כ'בין אַזוי געווען צופרידן, אַז נישט האָבנדיק וועמען צו פּאַטשן, האָב איך זיך אַליין געפּליאַסקעט אין די באַקן. דאָס וואַסער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מין אומגעהויערן טישטוך, פון אַ מין שאַל, וואָס ציט זיך פון איין האָריזאָנט און ווערט פאַרשוווּנדן אין דעם קעגנאַי־בערדיקן האָריזאָנט. די זון האָט אים באַזילבערט, באַגילט און געצערטלט. איינער אַליין אויפן אויבערפלאַך, האָב איך געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג: טראָגן זיך ווי צום שנעלסטן. ליידער האָט זיך אַ באַרזשע אַ לאַז געטאָן נאָך מיר, און עליע האָט מיך געפּאַקט. ער האָט מיך געבראַכט צופירן פאַר קאָסמאַן. יענער האָט מיר עפּעס געזאָגט, אָבער וואָס – האָב איך נישט געוווּסט, ווייל כ'האָב זיך נישט איינגעהערט. מיטאַמאָל האָב איך דערפילט, אַז זיינע שווערע הענט שפּאַרן זיך אָן אויף מיינע באַרקעס פון הינטן. כ'האָב אָנגעשטרענגט אַלע כחות, כּדי אויסצוהאַלטן די משא, וואָס האָט זיך כּסדר פאַר־גרעסערט. קורץ דערויף האָב איך דערשפּירט, ווי קאָסמאַס אָטעם ברענט מיר דעם נאַקן, די פיס האָבן זיך מיר אונטער־געהאַקט און כ'בין געפאַלן כּמעט אין חלשות. כ'האָב נאָך דאַ־מאָלס נישט געוווּסט, וואָס ס'איז אַזוינס אַ קוש אין די באַקן

נאָר פון יענער פרימאָרגן אָן האָב איך אָנגעהייבן קאָסמאַן ליב צו האָבן. כ׳האָב אים נאָך מער ליב געקריגן אין דער נאַכט נאָך דעמדאָזיקן פרימאָרגן. עליעס אַ סיגנאַל האָט אונדז ביי־דע מיט איין שפרונג אַוועקגעשטעלט אויף די פיס. קאָסמאַ האָט באַגאָסן דאָס הייזל מיט נאַפט און מיר געהייסן עס אונ־טערצינדן. כ׳האָב אים געפאָלגט. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך געריטן מיט דער גרעסטער שנעלקייט אין עליעס העגט. און בעת די בלאָטע, וואָס קאָסמאַס פערד האָט געשליידערט מיט זיינע פאָד־קאָוועס, האָט מיר געשפריצט אין פנים אַריין, אויסגעדרייט צו די קנאַקעדיקע פלאַמען, האָב איך מיט גאווה געטראַכט: דאָס איז מיין שטיקל אַרבעט.

. . . .

„אַ רויקע, האָט די לבנה געשיינט אינם זומערדיקן הימל, קיילעכדיק ווי אַ זילבערן טעלערל, וואָס העגגט איבער אונ־דזערע קעפּ, און באַלויכטן אונדזערע דריי פּנימער אינמיטן דעם גרינעם אָאַזיס, באַזוימט מיט הויכע סאָסנעס. פּונקט דע־מאָלט האָב איך אין קאָסמאַן אַנטפּלעקט דאָס, וואָס ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט: אַ באַשיצער און אַ טיראַן. כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר ניין, אָבער פעסט בין איך געווען, ווי אַ ווילדע קאַטשקע. די פרייע לופט פון אַלע תקופות און דאָס וואַנדער-לעבן פון אַלע געגנטן און אַלע קלימאַטן האָבן מיך פאַרהאַרטעוועט: כ׳האָב נישט געוווסט, וואָס ס׳איז אַזוינס קראַנקייט (ביז היינטיקן טאָג איז עס מיר אומבאַקאַנט). אינם זעלבן טאָג פון אָט דער פּרעכטיקער נאַכט, — וואָס איך קען עד-היום נישט פאַרגעסן, — איז ביי אונדז פאָרגעקומען אַ וויכטיקע געשעעניש. אָן שום טעמים און אָן שום דערקלערונ־גען האָט קאָסמאַ געגעבן אַ באַפעל צו פאַרלאָזן דעם לאַגער, וואָס איז גוט געווען צוגעפּאַסט פאַר די קאָנטראַבאַנדיסטן, און האָט אונדז אַלע אַריבערגעפּעקלט, מיט געווער און פעק, אין אָט דעם ווילדן, פוסטן, אָפּגעזונדערטן ווינקל, ווו דער טייוול, הייזט אויס, האָט אַמאָל אויפגעהאָנגען זיין טאַטן. דערדאָזי־קער באַשלוס האָט אַלעמען אויפגעבראַכט. און זיי זענען

געווען גערעכט: נישט שטענדיק וויל מען זיין, ווי א ווינט אין פעלד. דאס משפחה-לעבן איז פונקט אזוי צונויפגעטשעפעט מיטן קאנטראבאנדיסט, ווי מאך מיט א בוים. מ'מאכט באקאנט-שאפט, ליבט זיך, מ'ווערט היימיש. פארשטענדלעך, ווען די סכנה פאדערט, ווארפט מען אלץ אוועק און מ'מאכט פליטה; אבער אומעטום לאזט מען איבער גאנצע שטיקער צעבלוטיקט הארץ. נאר איין קאסמא איז געווען בלויז צוגעבונדן צו דער פרייהייט. נאר ער אליין — הגם ער האט זיך געליבט ביז צערטלעכקייט, — האט הינטער זיך קיין איין הארעלע נישט איבערגעלאזט פון זיין גערעכטער טשופרינע. אויך עליע איז געווען א באלעבאס איבער זיין הארץ. ס'איז אבער געווען דערפאר, ווייל זיין הארץ האט אים קיין צרות נישט פאר-שאפט. ער האט בלויז ליב געהאט חכמה. ער איז געווען דער חכם פון דער באנדע; דער שכל איז ביי אים אפילו גע-שטאנען העכער ווי די פרייהייט. ער האט געהאלטן, אז חכמה איז פאר א קאנטראבאנדיסט דער גרעסטער אוצר.

„דער באפעל אפצופארן, וואס איז געגעבן געווארן פונקט אינם מאמענט, ווען די יאטן האבן געצערטלט זייערע געליב-טע, האט ארויסגערופן אן אלגעמיינע אויפרעגונג. קאסמא האט אנגעצילט זיינע ביידע פיסטאלעטן און האט אויסגערופן:

— זאלן די ווייבער אפציען פון דאנען, איידער איך וועל דריי מאל אפכאפן דעם אטעם. און דער, וואס וועט ארויפשפרינגען דער לעצטער אויף זיין פערד, וועט מעגן אוועק-גיין מיט זיין נקבה!

„די ווייבער זענען נעלם געווארן, אראפלאזנדיק זיך פונם משופעדיקן גראבן. די מאנסבילן האבן זיך אונטערגעגעבן. גאנצע אכט שעה צייט זענען מיר געגאנגען אן אן אויפהער. בלויז איין מאל האבן מיר זיך פארהאלטן אויף א ווײלע.

„איצט איז די באנדע געשלאפן... מיר האבן זיך אויפ-געכאפט פון ערשטן שלאף אויף א ליידיקן שטח צווישן ביי-מער, וואס איז געווען באגאסן מיט צארטע, מאטע לבנה-

שטראַלן. קאָסמאַ האָט געוואַרט אויף אַ שליח... ער איז אָנ-געקומען.

— אַלזאָ, — האָט דער שעף אַ פרעג געטאָן ; — בין איך גערעכט געווען, אָדער איך בין נישט מער, ווי אַן אומ-גליקלעכער האָז ?

„דער פויער איז צוגעקומען און האָט אים אַ קוש גע-טאָן אין דער האַנט :

— דו האָסט געהאַט רעכט, קאָסמאַ... צום צווייטן מאָל-צייט קומט אָן קאַרק-סערדאַר*) אויפן אָרט פון דיין פריער-דיקן לאַגער מיט אַ גרויסע צאָל פּאָטעראַס **).

„פול מיט גאווה, האָט קאָסמאַ אַריינגערוקט אַ פינגער אין דער נאָז און אַרויסגעגעבן עליען אַ פאַראָרדענונג :

— צייל אים אָפּ דרייסיק דוקאַטן און זאָל ער זיי צו-טיילן די פאַרלאָזטע נקבות ! און די יאַטן דאַרפן טאַנצן פון שמחה, וואָס זיי זענען געבליבן לעבן : נקבות באַקומט מען אומעטום !...

„עליע האָט געגעבן דאָס געלט, נישט אַרויסזאָגנדיק קיין וואָרט... ער האָט געשוויגן, ווי ס'שווייגט אַ חכם, וואָס האָט עפּעס צו זאָגן ; און ווען עליע האָט געטראַכט וועגן עפּעס אַ זאַך און עס נישט אַרויסגעזאָגט, האָט קאָסמאַ פאָרויס געוווסט, אַז ער איז נישט גערעכט. אַ גיפטיקע בריאה איז ער, דער קאָסמאַ. עליעס שווייגן האָט קאָסמאַ קיינמאָל נישט געקענט פאַרטראָגן.

— עליע ! דיין שווייגן רעגט מיך אויף... רעד, אַ וואָרט !... אָבער ווייַ איז צו דיר, אויב דו וועסט זיין גערעכט ; איך וועל פון דיר אַ תּל מאַכן !...

— מעגסט מיך אפילו צעקוועטשן, קאָסמאַ, כ'וועל פאָרט זיין גערעכט.

---

*) קאַרק-סערדאַר : אַ קאָמענדאַנט פון לייכטער קאַוואַלעריע ביי דער טערקישער אָקופּאַציע.

**) פּאָטעראַ : ספּעציעלע מיליטער, צו פאַרפאָלגן באַנדיטן.

— אויב אַזוי, הייב זיך אויף און דריי זיך אויס צו מיר מיטן רוקן...

„עליע האָט זיך אויפגעהויבן. קאָסמאַ איז אים אַרויפ־געשפרונגען אויפן רוקן, און עליע, איינגעבויגן אונטער דער משא פון דידאָזיקע צוויי הונדערט פונט, האָט אָנגעהייבן צו שפּאַצירן איבערן וואַלד. ער האָט אים אויסגעהאַלטן נישט לענגער ווי מען רויכערט אויס אַ ליולקע, נאָכדעם האָט אים אַ שווייס אָנגעהייבן אַראָפּצוקאַפּען מיט שנעלע טראָפּנס פון דער שפּיץ נאָז, וואָס איז געווען אַראָפּגעבויגן צו דער ערד. קיינער פון זיי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט. בעת די לבנה האָט אַרומגעטריבן זייערע שאָטנס אויף דער לאָנקע. און אָט, הייבט אָן עליע שטאַרק צו סאַפּען, טוט זיך אַ וואַקל און פאַלט. קאָסמאַ לאָזט אים אָפּ, זעצט זיך אַוועק אויפן טערקישן אופן, רויכערט און באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס. ווי נאָר ער האָט באַמערקט, אַז עליע הייבט זיך אָן צו רירן, איז ער אַוועק צו אַ סאָסנע און זיך לעבן איר אַוועקגעשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אי־בערהויך.

— איצט, עליע, מעגסטו אַרויסזאָגן דיין מיינונג.

„עליע האָט זיך אָפּגעווישט דאָס בלאַסע פּנים, פאַרוי־כערט די ליולקע און אָנגעהויבן פאַמעלעך פו רעדן:

— געלט, קאָסמאַ קען נישט אויסהיילן די הערצער, וואָס ווערן פאַרוואונדעט פון ליבע; דאָס געלט רעגט בלויז אויף... דיין גוטהאַרציקייט איז פּונקט, ווי גוטהאַרציקייט ביי קאַרק־סערדאַרן: אַז דערדאָזיקער פאַרשוין פאַרגוואַלדיקט איינע פון אונדזערע בתולות, גיט ער איר אַ האַלדזבאַנד פון זוקאַטן. די אומגליקלעכע וואַרפט זיך אין ברונעם אַריין מיט איר האַלדזבאַנד און מיט איר שאַנדע. דיין גוטהאַרציקייט, קאָסמאַ, איז אַ סך געמיינער ווי קאַרק־סערדאַרס: יענער איז בלויז אַן אכזר; אים וועט זיך קיין שום בתולה נישט אָפּגעבן; דו אָבער ביסט דאָך אַ מורד. — אין דיינע אָרעמס וואַרפט זיך די אומשולד מיטן אייגענעם ווילן. מיט וואָס באַצאָלסטו

דערפאר? מיט דוקאטן, אויף קארק-סערדארס שטייגער? קאסמא, דו ביסט שטארק, אָבער דו ביסט נישט גערעכט.

. . . .

„עליע איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיין שווייגן האָט א׳ם באַרויקט. עס הויך איבער די שפיצן פון די ביימער האָט דער געשריי פון אַ נאַכט-פויגל דורכגעשניטן די לופט. ס׳איז פון מינוט צו מינוט טונקעלער געוואָרן, בעת קאָסמאַס פּנים איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ וויאָלעט קאָליר און זיין שיינע באָרד האָט זיך געקרייזלט אונטער דער גאָמבע, וועלכע האָט זי געדריקט צו דער ברוסט.

• •
•

„כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז כ׳בין געווען קאָסמאַס אַ זון כ׳האָב אויך נישט געוווּסט, אַז עליע איז געווען זיינער אַ ברודער. און איינמאָל האָט דער טייוול אָנגערירט מיט זיין עק אונדזער שיינע האַרמאָניע און אונדזער סוד... דאָס איז פאָרגעקומען אין צוויי יאָר אַרום, נאָך דער נאַכט אינם פאַרזילבערטן וואַלד. כ׳בין דאַמאָלס אַלט געווען עלף יאָר. קאָסמאַ פלעגט ציילן מיינע יאָרן און באַצייכענען יעדן יאָרטאָג מיט אַ יום-טוב. דער געבורטס-טאָג פון מיין עלפטן יאָר איז געפייערט געוואָרן מיטן קנאַק און האָט מיר פאַר-שאַפט גרויס ווייטיק אין די דזיאָסלעס.

אין יענעם טאָג זענען מיר געווען זאַלבעדריט אין אַ ווערבע-וואַלד, נישט ווייט פונם דוניי. קאָסמאַ האָט מיך באַ-קליידט פון קאָפּ ביז די פיס אין נייע מלבושים, אָפּגעבראָטן אַ לעמעלע אויפן פייער און צוגעגרייט אַ גוטן רויט-ווייַן...

— דיר ווערט היינט עלף יאָר, ירמיהו! האָט ער מיר געזאָגט ביים עסן, און היינט טאַקי וועסטו מיר באַווייזן צי דו ביסט ראוי צו רייטן אויף מיין פערד. אין אַ יאָר אַרום

וועל איך דיר געבן דיין ליולקע און פון היינט איבער צוויי יאָר וועסטו באַקומען דיין ביקס.

„נאָכן מאָלצייט האָט ער מיך אַרויפגעזעצט אויפן זאָטל, אָנגעצויגן די סטרעמיעס לויט מיין מאָס. און אין דער רגע ווען איך בין שוין געווען גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין, האָט ער אונטערגעשאָטן פעפער אונטערן עק פונם פערד. דאָס פערד, דערפילט די פעפער, האָט עס זיך א לאָז געטאָן ווי א פייל פון בויגן און האָט געוויס געטראַכט וועגן דעם קאָמפּרעס אין הינטן, בעת איך האָב בלויז געחלומט וועגן מיין ליולקע און מיין ביקס, וואָס כ׳וועל באַקומען אין די נעכסטע יאָרן. צוגעקלעפּט צום זאָטל, האָב איך באַטראַכט די ערד און כ׳בין געווען איבערצייגט, אַז זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פליסיקייט. אונטער מיין רוקן האָט אָפּגעהילכט דער גאַלאָפּ פון עליעס פערד, אויף וועלכן קאָסמאַ האָט געריטן. אָבער יעדע זאַך, וואָס ווערט אָפּגעמאַטערט, מוז זיך ענדלעך אָפּשטעלן. דעריבער האָט מיין פערד סוף־כל־סוף זיך פאַרהאַלטן פאַרסאָפּעט, ציטערנדיק און צעהיצט.

„קומענדיק צוריק אין וואַלד, האָט מיר קאָסמאַ דערלאַנגט א פולע פּלאָסקאַ *) מיט רויטוויין און א זאָג געטאָן:

— ביז איך וועל אָפּציילן צען דאַרפסטו עס האָבן אויסטרונקען.

„און כ׳האָב געטרונקען. ווען ער האָט פאַרענדיקט אָפּצוציילן צען, איז די פּלאָסקאַ געווען ליידיק און איך פול; ביידע זענען מיר אַנידערגעפאַלן אויפן מאָך. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די ערד האָט זיך אויך איבערגעקערט. כ׳בין תיכּף איינגעשלאָפן געוואָרן.

„די זון האָט זיך שוין געזעצט, ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט. צווישן קאָסמאַן און עליען האָט געטרעשטשעט א קליין פייערל, וואָס האָט פאַרוואַנדלט זייערע האַריקע פּנימער אין פּנימער פון טונקל־בראָנז קאָליר און זיי פאַרזונקען אין

*) פּלאָסקאַ: א הילצערנע כּלי.

אומבאוועגלעכקייט. כ׳האָב זיך אוועקגעזעצט לעבן זיי אויפן טערקישן אופן און באַטראַכט דאָס פייער.

— דו ביסט אַ בראַוער זון פונם וואַלד ירמיהו! דו פאַרבלייבסט ביי מיר.

כ׳האָב געשמייכלט און געזאָגט:

— דו ביסט מיר מחויב אָנצוגעמען, קאָסמאַ.

„ס׳האָט אויסגעוויזן, גלייך קאָסמאַ האָט אַ ציטער געטאָן; זיין פּנים איז פאַרטונקלט געוואָרן און האָט געוואָרפן אַ פּיי־ערדיקן בליק אויף עליען. עליע האָט זיך אפילו קיין ריר נישט געטאָן.

— זאָג נאָר, דו הינטישער זון איינער, פאַרוואָס עפּעס בין איך דיך מחויב אָנצונעמען? אָבער ווי איז צו דיר, אויב דו וועסט זיין גערעכט: דערשטיקן וועל איך דיר.

— קענסט מיט מיר טאָן וואָס דו ווילסט, קאָסמאַ; כ׳וועל דיר אָבער דאָך דעם אמת זאָגן. מיט דריי טעג צו־ריק האָט מיך באַגעגנט אַן אַלטע מכשפה מיט פאַרגאַווערטע ליפּן, וואָס קלויבט אָפּט צווייגן אין וואַלד. זי האָט מיך גע־קושט און דערציילט, אַז כ׳בין דיינער אַ זון, געבוירן פון אירער אַ טאָכטער, און אַז עליע איז דיינער אַ ברודער און מיינער אַ פעטער.

רויט פון כעס איז קאָסמאַ אויפגעשפּרונגען פון אָרט:

— פאַרשאָלטן זאָל זיין דידאָזיקע נישטיקע באַשעפעניש! נאָר אויב דיינע אויערן האָבן דאָס שוין יאָ געהערט, מוזטו תיכף ומיד צום ערשטן מאָל אויסשיסן פון מושקעט. שפּאַר זיך גוט אָן אין אַ בוים און דריק צו די ביקס־קאָלבע מיט אַלע דיינע כוחות צום אַקסל. אויב דער מושקעט וועט דיר אַראָפּהאַקן די דזשיאָנסלע, שליידער איך דיך אַריין אין דוניי!

„אַ צופרידענער האָב איך אַראָפּגעלאָזט קאָסמאַן אַ פליאַסק אין פּנים אַריין. כ׳האָב אויפגעהייבן דאָס שווערע גע־ווער און אויסגעשאָסן צום ערשטן מאָל. דער מושקעט האָט מיר אָבער אַ זעץ געטאָן אין דזשיאָנסלע אַריין און אוועק־געשליידערט אויף דער ערד. כ׳האָב זיך אויפגעהייבן און

זיך צוריק אַוועקגעזעצט לעבן פייער. קאָסמאַ האָט מיך פּאַ-
טראַכט.

— דאָס איז גאָרנישט. איצט קום אַהער צו מיר, וועל
איך דיר אַ קוש טאָן, נישט אויס צערטלעכקייט — ס׳איז אַ
געשעפט פאַר ווייבער, — נאָר דערפאַר ווייל דו האָסט זיך
אָקאָרשט דאָס לעבן אָפּגעראַטעוועט. ווען דו וואָלסט זיך גע-
מאַכט פאַר אַ קאַליקע, וואָלט איך דיך דערטרונקען, ווייל
אומפעיקע מענטשן פאַרנעמען בלויז אַן איבעריק ארט אין
לעבן און וואַרפן אַ שאָטן אויף דער ערד.

„און ער האָט מיר אַ קוש געטאָן איןביידע באַקן.
עליע האָט אויסגעשפרייט צו מיר זיינע הענט מיט אַן אוי-
סערגעוויינלעכן דראַנג:

— קום אַהער, כ׳וועל דיר אויך אַ קוש טאָן. איך בין
זיכער, ירמיהו, אַז ער וואָלט דיך געוויס דערטרונקען.

„דאָס פייערל איז פּאַמעלעך אויסגעלאָשן געוואָרן. די
פּנימער זענען אַלץ מער פאַרזונקען געוואָרן אין פינסטערניש.
די ביימער האָבן זיך צונויפגעפּרעסט אַרום אונדז, פּונקט ווי
זיי וואָלטן מורא געהאַט, ס׳זאָל זיי אַמאָל נישט אַריינשלינ-
גען דער דוניי, וועלכער האָט מיט גאווה געטריבן זיינע
כוואַליעס אין דער פינסטערניש.

קאָסמאַ האָט זיך אויסגעצויגן אויפן רוקן, ענלעך צו אַ
שטאַם פון אַ בוים, און מיט אַ שטילן קול אָנגעהייבן:

— ברודער און זון! דאָס זענען ווערטער אָן שום
זין, פּונקט ווי פאָטער, מוטער און שוועסטער. פרעגט זיך דען
עמיצער, וועמענס זון איז דערדאָזיקער הונט, אָדער ווער איז
זיין פאָטער! איין גאָט ווייסט, וויאַזוי מיר קומען אויף דער
וועלט, און דאָס אַלעס. ס׳איז דאָ איין אמת, און ער געהערט
צו דער מוטער, וואָס זעט, וויאַזוי דאָס קינד גייט אַרויס
פון איר טראַכט. נאָר זי אַליין קען זאָגן: דאָס איז מיין
קינד. דאָס קינד אָבער קען נישט זאָגן: דאָס איז מיין מאַ-
מע. וואָס ווייסט דאָס קינד? אַלע אַמען זענען מאַמעס פאַר
די אויגן, וואָס קוקן זיי אָן ביים זויגן די ברוסט. מען זאָגט,

למשל, אַז איך מיט עליען האָבן מיר געהאַט איין טאַטן, וועלכער האָט געהאַט דריי ווייבער; פון זיי זענען צוויי געווען אונדזערע מאַמעס. אויף אַזאַ אופן זענען מיר ברידער! נאָר וואָס ווייסן מיר דערפון? בעת מיר זענען געווען קינדער, האָבן מיר געזען איינדערהיים אַ מישמאַש פון זכרים און נקבות, וואָס האָבן דערגאַנגען די יאָרן דער דינערשאַפט. איינער אַ טיפּש, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַרן עלטסטן אינם האַרעם, האָט געלייגט די גאַנצע פּוטער אויף זיין ברויט, באַהאַלטן פאַר זיך דאָס גאַנצע גאָלד און געוואָלט האָבן פאַר זיך אַליין אַלע ווייבער פון שטוב. אונדז האָט ער געהייסן בעטן גאָט, און ער אַליין פלעגט אויך תפילה טאָן. דער רוח ווייסט אים פאַרוואָס. איינמאָל האָב איך זיך צוגערוקט צו אַ קליין מיידל, וואָס פלעגט אָנצינדן אין מיינע אויגן אַ העלישן פייער. מען האָט מיך אָפּגעשמיסן. מ׳האָט מיר שפּעטער דערקלערט, אַז דאָס איז מיינע אַ שוועסטער, געבוירן פון דער און דער מוטער. דער פאָטער איז תמיד געווען דערזעלבער נאַרישער באָק. אָבער וואָס איז מיר די גאַנצע מעשה אָנגעגאַנגען? צוואָס האָב איך עס אַלץ געדאַרפט וויסן? איינמאָל האָט עליע גענומען אַ זשמעניע געלט און אוועקגעגעבן איינעם, ביי וועמען דאָס הויז האָט אָפּגעברענט צוזאַמען מיט די בהמות, מכשירים און אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. מען האָט עליען דערפאַר געשלאָגן ביז בלוט. אַלע אין שטוב האָבן באַרעכטיקט דידאָזיקע שטראָף, חוץ דאָס קליין מיידעלע מיט די פלאַמענדיקע אויגן. מ׳האָט זי אויך געשלאָגן, דערפאַר וואָס זי האָט געטראַכט אַנדערש, ווי די גאַנצע שטוב. ס׳איז אָבער געקומען אַ טאָג, ווען מיין קערפּער איז שווער געוואָרן, ווי בליי. דאַמאָלס האָב איך צוזאַמען מיט עליען איבערגעדרייט די שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, צוגענומען דאָס גאַנצע גאָלד, מכבד געווען מיט אַ פּאָר קלעפּ אונדזער אַזוי-גערופענעם טאַטן און אוועקגעלאָזט זיך אין פרייען וואַלד אַריין. אמת, ירמיהו, עליע איז טאַקע מיין ברודער, אָבער נישט דערפאַר וויל מיר שטאַמעןביידע

פון איין טאַטן, נאָר דערפאַר ווייל מיר לעבן ביידע אין די זעלבע וועלדער. און דו וועסט זיין אונדזער זון און ברודער, ווייל דו ביסט ראוי דערצו. ווייל פונקט ווי מיר האָסטו ליב די לופט, וואָס שמייסט אין די באַקן; דאָס פערד, וואָס פליט צו דער ישועה; דעם מושקעט, וואָס זייט דעם טויט צווישן דעם צעטומלטן שונא; דאָס ברויזנדע וויין, די זאַפטיקע מאכלים; די ליולקע, וואָס איז פאַר אונדז ווי אַ פריינט און די רעכטע האַנט פון אַ מורד. אין אַ צייט אַרום וועסטו זיך באַקענען מיט אַן אַנדער תענוג, וואָס קומט פון דער פרוי, ענלעך צו אַלע אַנדערע תענוגים. אין יענעם טאָג וועט דיין בלוט קאָכן אין דיר און וועסט אָפּטאָן אַ סך שלעכטס אַרום דיר. דאַרפסט וויסן, אַז דאָס שלעכטס, פונקט ווי דאָס גוטס, זענען צוויי כוחות פון לעבן, און דאָס לעבן רעכנט זיך זייער ווייניק דערמיט, וואָס מיר קלערן און וואָס מיר האַלטן פאַר פאַסיק. פיין און פרייד זענען פאַרן לעבן צוויי היפּוכדיקע ריכטונגען פון איין און דעמזעלבן בלינדן ווינט. פיר דיין שיף, וויאַזוי דו קענסט, לעב און שטאַרב!..

. . . .

אַ פערד האָט רעשיק אַ פאַרסקע געטאָן. קאָסמאַ האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דער ערד און זיך אַ ווײַלע איינגע-הערט; דערנאָך האָט ער זיך אָנגעלענט אויף דער ביקס, זיך אויפגעהייבן און אַוועק. די ערד האָט געציטערט אונטער זיי-נע שווערע טריט. עליע האָט געקוקט, ווי ער דערווייטערט זיך, האָט אַרויסגענומען די ליולקע פונם מויל, אויסגעשפּיגן און אָנגעהייבן מער-ווייניקער דאָס פאָלגנדיקע:

— בלויז דורך אַ צופאַל געפינסטו זיך דאָ. ווען נישט דער צופאַל, וואָלסטו געווען פאַרשקלאַפּט דער ערד, אַ מענטש, וואָס מען אונטערדריקט, ביז אַ פלאַם פון אויפשטאַנד וואָלט נישט אַריין אין דיין האַרצן. און דעמאָלט וואָלט דער אויפ-שטאַנד געמוזט אויסברעכן, ווייל אַ וואָלף האָט נישט אין זיך

די טבע אָפּצוהיטן דאָס הויז פונם באַלעבאָס. קאָסמאַ האָט דיך פאַרזייט, נישט טראַכטנדיק וועגן די פאָלגן, פונקט ווי ער טוט עס שטענדיק, באַהערשט דורך זיין פאַרשאָלטן בלוט. אָבער דאָסדאָזיקע פאַרשאָלטענע בלוט איז נישט קיין סימן פון שוואַכ־קייט. פאַרקערט, דאָס איז אַ כּוח, וואָס קען זיך פאַרמעסטן מיטן כּוח פון טייוול, מיט דערזעלבער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מיט דערזעלבער באַוווסטזיניקייט. איינמאָל האָבן מיר זיך גע־פונען אויף אַ בערגל, באַוואָקסן מיט יעגלינעס. מיר זענען ביידע דעמאָלט געווען שטאַרק צופרידן פון לעבן. מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט דאָס קול פון אַ פּאַסטוך־פלייטע. מיר זע־נען געוואָרן באַצויבערט. די מעלאָדיע האָט זיך דערנענטערט, געוואָרן דייטלעכער. באַלד נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ פרויען־שטימע, און דאָסדאָזיקע קול האָט אונדז נאָך מער הנאה פאַרשאַפט. קאָסמאַ האָט אויסגעשריגן: „איז דאָס אַ יונג פּאַסטוכל, אָדער אַ פּאַסטושקע?" אין דערזעלבער רגע האָט די ערד אַ ציטער געטאָן. מיר זענען ביידע אויפגעשפרונגען פון די ערטער. פאַר אונדז איז געשטאַנען אַ יונגע פויערטע, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ הילצערנע פלייטע. זי האָט אונדז באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פּיס. צוערשט האָט זי קיין וואָרט נישט געזאָגט, נאָר אירע גרויסע שווארצע און שלעכטע אויגן האָבן דורכגעלעכערט אונדזערע אויגן. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איר פּנים, וואָס איז געווען אָפּגעברענט פון די העפטיקע ווינטן, האָט אָפּגעשפּיגלט די בראָנז־קאָליר פון אונדזערע פּני־מער. אירע באָרוועסע פּיס זענען געווען אָפּגעסמאַליעט פון דער זון. איך האָב געהאַט הנאה בלויז צו קוקן אויף איר, אָבער קאָסמאַ איז ווילד געוואָרן ווי אַן אָקס. ער האָט אַזש פאַרביסן די ליפּן אויס תאווה, און זיין באָרד האָט געציטערט. די יונגע פּאַסטושקע האָט פאַרלייגט די הענט הינטער זיך, געמאַכט אַ טריט פאָרויס און אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק דרייסט אויף קאָסמאַן: „דאָס ביסטו, קאָסמאַ?" ער האָט איר אָפּגע־ענטפערט: „כ'בין קאָסמאַ פאַר די פריינט, און גאָר אַן אַנ־דער קאָסמאַ פאַר די שונאים!" „אָ, — האָט זיך אַ מאַך

געטאָן מיט ביטול, — זיי נישט אַזוי גרויס בײַ זיך ; ביידע קאָסמאַס זענען נישט מער ווי איינער, וואָס לאָזט זיך זייער לייכט כאַפּן אויף דער ווענטקע, ווי איצט, למשל !" און אויס-שיסנדיק אין אַ הויכן געלעכטער, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אונדז מיטן רוקן און אַוועקגעשפּרונגען, ווי אַ ציג צווישן די ביימער. דעמאָלט האָב איך דערזען, אַז זי האָט אַ שוואַרצן צאָפּ, גראָב ווי אַ האַנט און לאַנג ביז צום אויבערשטן זוים פון איר קלייד. אינם זעלבן אָוונט האָט אינם יעגלינע-וועלדל, באַלויכטן פון דער לבנה, אָפּגעהילכט אַ ד אָ י נ אַ, אַ דאָינאַ אַלט ווי אונדזער עבר, און יונג ווי אַ פרילינג-בלימל. די מעלאָדיע האָט אָפּגעקלונגען זייער ווייט, אָבער זיך נישט דער-נענטערט. קאָסמאַ האָט איבערגעלאָזט דאָס פערד, דעם מוש-קעט און אַוועק אָפּזוכן די הילצערנע פלייטע, בעת איך בין אים נאָכגעגאַנגען טריט בײַ טריט, פירנדיק די פערד פאַר דער צוים. אָבער די פלייטע איז אַפּנים געווען פאַרפישופט, ווייל ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט, האָט זי זיך געלאָזט הערן ערגעץ אַנדערש. נאָכדעם איז דער טייוול געקומען קאָסמאַן צו הילף און דער כשוף איז אַוועקגענומען געוואָרן. כ'האָב פאַר-לוירן קאָסמאַס שפּורן. די פלייטע האָט שוין מער נישט גע-שפּילט. דעמאָלט האָט די נאַכט איינגעהילט דעם וואַלד אין טרויער. כ'האָב צוגעבונדן די פערד צו אַ בוים און פאַררוי-כערט מיין ליולקע, וואַרטנדיק ביז דער טריבער הימל וועט אונדז ווידער באַווייזן זיין מלכה אינם זילבערנעם מאַנטל. און אַז די לבנה האָט צו אונדז פונדאָסניי געשיקט דורך די צווייגן איר צאַרטע בלאַסקייט, האָבן זיך צוויי קולות דערהערט אויפן ווייסן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן עטוואָס נידעריקער פון דער סטעזשקע, ווו כ'האָב געררויכערט מיין ליולקע. כ'האָב זיך אויסגעצויגן אויפן בויך און אַראָפּגעקוקט. קאָסמאַ האָט גע-האַלטן די פאַסטושקע פאַר דער טאַליע און איר געגלעט דעם צאָפּ. ס'איז געווען אינטערעסאַנט צו הערן, וואָס קאָסמאַ האָט איר געזאָגט : שיינע טשאָבאַניטשאַ *) מיינע ! פרוכט פול מיט

*) טשאָבאַניטשאַ : קליין פאַסטושקעלע, אויף רומעניש

זון און געביסן פון תאווה. כ׳וועל האסן די זון, וואָס באַ-זיצט דיך, וויפל ס׳גלוסט איר; כ׳וועל פאַרשילטן דעם ווינט, וואָס צערטלט דיך אָן מורא, און כ׳בין אייפערזיכטיק צו די לעמעלעך, וואָס דו דריקסט צו דיינע ברוסטן. כ׳וואָלט גערן געווען די הילצערנע פלייטע, וואָס דיינע ליפן קושן יעדן טאָג, און איינער אליין ווען איך זיך שלאָגן מיט דער „פּאָטערא״, כדי דיר צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן!״ אַ פאַרשכורטע האָט די גע-ליבטע געמורמלט: „לאָז צורו די „פּאָטערא״, קאָסמאַ, פאַר-לאָז דעם וואַלד און זיי מיינער, בלויז מיינער!״ און קאָסמאַ האָט דערויף אָפּגעענטפערט: „אָ, מיין אָרעמע טשאָבּאַניטצאַ, דו פּאַדערסט פון אַ דעמב, ער זאָל וואַקסן אונטערן בעט! דו פּאַדערסט פון אַ דונער, ער זאָל דונערן אין אַ טאָפּ! דו פּאַדערסט פון קאָסמאַן ער זאָל דיר אליין געהערן! דו וואָלסט געהאַט צופיל, אָבער מיר וואָלט תמיד עפּעס געפעלט!״ ביי דידאָזיקע ווערטער האָט די קליינע פאַסטושקע צעבראָכן די פלייטע מיט די פיס, אויסגעשפּרייט די הענט, ווי אַ טייבעלע די פליגל און פאַרשוווּנדן אויפן ווייסן וועג, וואָס האָט זיך צונויפגעצויגן אין דער ווייט. קאָסמאַ איז איר נישט נאָכגע-גאַנגען; ער האָט אריינגערוקט צוויי פינגער אין מויל און אויסגעפייפט אונדזער אָפּגעשמועסטן סיגנאַל. כ׳האָב אָפּגעענט-פערט, און מיר האָבן פאַרלאָזט די ערטער.

„מיט דריי יאָר שפּעטער זענען מיר דורכגעגאַנגען אַ וואַלד, וואָס איז געלעגן אַ סך ווייטער פון דידאָזיקע ערטער. ס׳האָט גערעגנט. מיר זענען נאָכגעגאַנגען די פערד טריט ביי טריט, מיטאַמאָל באַמערקן מיר, ווי הויך אויפן וועג לייגט אַ פרוי אַוועק אַ פעקעלע ביים זוים און ווערט פאַרשוווּנדן צווישן די קוסטעס. מיר זענען שנעל צוגעלאָפן. דאָס איז געווען אַ קליין קינד, איינגעוויקלט אין אַ דעק. די מעטריקע, וואָס איז געהאָנגען אויף זיין האַלדז, האָט עדות געזאָגט, אַז עס איז אַלט צוויי יאָר און ס׳הייסט ירמיהו. עס האָט נישט געוויינט, נאָר עס האָט געהאַט אַ פאַרוווּנדערטן פּנים. „דאָס איז מסתּם אַ יונג צווייגעלע פון אַ דעמב, וואָס וויל וואַקסן

אין וואַלד: כ'נעם אים צו זיך ז" אַזוי האָט אַ זאָג געטאָן קאָסמאַ און דיך אַריינגעלייגט אין זיין טאָרבע. מ'האָט דיך געגערט מיטן זאַפט פון געבראָטן פלייש; אין עלטער פון דריי יאָר האָסטו געטרונקען ווייך פון דער פּלאַסקאַ. צו זעקס יאָר האָסטו געקענט שווימען. היינט האָסטו אַרויסגעלאָזט די ערשטע קויל פונם מושקעט. מאָרגן וועסטו האָבן דיין פערד, דיינע פּיסטאָלעטן און דו וועסט גיין אַהין, וווּ דיין גורל וועט דיך פירן.

*

*

„מיין גורל האָט צוערשט זייער קנאַפּ חסד צו מיר אַרויסגעוויזן.

„ס'איז קוים אַ יאָר אַריבער זינט יענע נאַכט פון אַנט־פלעקונגען, ווען ס'איז פאָרגעקומען די ערשטע שלאַכט מיט דער „פּאָטעראַ", לויט ווי איך געדענק. כ'האָב נאָך נישט געהאַט באַקומען מיין מושקעט, אָבער כ'האָב שוין געקענט אויף אַ מרחק פון פופציק טריט דורכלעכערן מיט מיין פּיסטאָלעט אַ „קאַסיולאַ" *), אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים. נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט דורכצולעכערן דאָס האַרץ פונם שונא, פלעג איך האָבן הנאה צו שיסן אויף קאַסיולאַס, ביי דער לבנה־שיין, אָדער אין אויער פון מיין פערד. דאָס איז געווען זייער לייכט. אַ סך שווערער איז געווען צו טרעפן אין ברוסט פונם שונא, בעת ס'האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט די געלעגנהייט.

„אין יענער צייט פלעגן מיר זיך אַלע צונויפטרעפן ביי דער לעפּצונג פון טייך סערעט. אַביסל העכער איז דער וואַלד געווען געדיכט און ווילד; און דאָרט האָבן מיר איינמאָל אין אַ טאָג געדאַרפט צוטיילן צווישן צוויי־אונדרייסיק מאַן אַ נישקשהדיקן רויב, וואָס איז אויף דער העלפט געווען באַצאָלט און אויף דער העלפט צוגעלקחנט אויפן דוניי. אָבער איינער

---

*) קאַסיולאַ: אַ פּויערישע היטל, געמאַכט פון שעפּסן־פעל.

אַ ראַגאַטקע־האַלטער, אַ נוקס־ונוטר ווי אַ שוויגער, וועלכער האָט געטראָגן אַ כּעס אויף אונדז צוליב עפּעס אַ שאָדן וואָס קאָסמאַ האָט אָנגעמאַכט אויף זיין פּאַראָם, האָט דערשמעקט אונדזער קעגנוואַרט. ער האָט אונדז פאַרמסרט פאַר דער בראַאַ־ילער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט תּיכּף אַרויסגעשיקט אַ שטאַרקע פּאַטערא. צום גליק פאַר אונדזערע מענטשן, איז זי אָנגעקומען צו שפּעט, כּדי אונדז פּלוצלונג צו כאַפּן, אַרומרינגלען און אויסהרגענען; אָבער זי האָט באַוויזן אונדז צו פאַרשטעלן די בעסטע וועגן.

„קאָסמאַ האָט געשמט פאַר אַ מענטשן, וועלכער האָט זיך נישט געהאַלטן ביי איינעם אָדער ביי עטלעכע באַשטימ־טע פּלענער; ער האָט געהאַט הונדערט. מ׳האָט אויך גע־ווּסט, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט געפערלעכע און גוט־באַוואָפנטע מענטשן, תּמיד אין אַן אומבאַשטימטער צאָל. דאָס איז געווען צו צעטומלען די פאַרקויפטע אָנפאַלער, וועלכע, נישט קוקנדיק אויף זייער גרויסער צאָל, זענען דאָך געווען גרויסע פּחדנים, און געציטערט מיט זייער פעל, אָנצו־הייבן אַ קאַמף מיט מענטשן, וואָס שטייען אויסערן געזעץ, הארטנעקיק אין זייער חשק צו לעבן אויף דער פריי, אָדער גרייט צו פאַרקויפן טייער זייער לעבן. דער פּרייז, וואָס איז באַ־שטימט געוואָרן פאַר קאָסמאַס קאָפּ, האָט זיי ווייניק אָנגעלאָקט, ווייל זיי האָבן געוווסט מיט וואָס דאָס שמעקט.

„אָנהייבנדיק פון מיטאָג, איז קאָסמאַ געווען דער ער־שטער, וועלכער האָט דערשפּירט אַ סכּנה. ער האָט שטאַרק געגלויבט אינם פאַרגעפיל פון די פערד. זיין פערד און עליעס פערד פלעגן זעלטן זיך טועה זיין. דידאָזיקע שיינע חיות, אויסגעדרעסירט פון לאַנגע יאָרן, פלעגן אויף אַ ווייטן מרחק דערשמעקן די אָנוועזנהייט פון שונא און געבן וועגן דעם צו וויסן דורך באַזונדערע סימנים, וואָס נאָר קאָסמאַ אַליין האָט באַגרייפט.

„ס׳איז געווען אין אויגוסט. מיר האָבן פאַרענדיקט די חלוקה פון דער קאָנטראַבאַנדע און ס׳איז אונדז אויסגעקומען

צו וואַרטן ביז ביינאַכט, כּדי אַריבערצופֿאָרן דעם טייך סערעט אויפֿן פּאַראָם. פּונקט דעמאָלט האָט קאָסמאַס פֿערד אויפֿגעהערט צו קייען גראָז, אָנגעשפּיצט די אויערן מיטן ווינט, געפּירקעט, און פֿון צייט צו צייט, צוגעשמידט די נאָזלעכער צו דער ערד, פּונקט ווי עס וואָלט געהערט אַ גערויש. קאָסמאַ, וועלכער פֿלעגט אומעטום און שטענדיק לייגן אַן אויג אויף זיין פֿערד, האָט באַמערקט דידאָזיקע אומרויִקייט, זיך אויפֿגעהייבן, אים געגלעט דעם קאָפּ און צו אים גערעדט:

— מיין בולאַן, מיין שיינער בולאַן, זאָג מיר נאָר, צי די תּליה-פֿעטליע דערנענטערט זיך צום האַלדז פֿון דיין באַלעבאָס.

„און, אויסדרייענדיק זיך צו זיינע לייט, האָט ער, אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל:

— לאָדנט אויס אייער געווער און לייגט אַריין פֿרישן פּולווער. דאָסזעלבע זאָלט איר טאָן מיט די פּיסטאָלעטן.

מען האָט תּיכּף אויפֿגעהערט צו לאַכן. די פּנימער זענען געוואָרן פֿאַרטונקלט. מ׳האָט געהאַלטן קאָסמאַן פֿאַר אַ דעספּאָט, דאָך פֿלעגט מען אים אַלץ מוחל זיין צוליב זיין חכמה. ער איז געווען אונדזער גאָט און אונדזער האַר.

די עלנדע גלאָקן פֿון אַ שכנותדיק דערפֿל האָבן אָנגעזאָגט די שעה פֿון אָוונט-געבעט. אַלץ איז ביי אונדז געווען גרייט צום אָפּפֿאָר, ווי מיטאַמאָל איז אָנגעקומען דער שומר, וואָס איז געזעסן אויף אַ בוים און האָט געמאָלדן, אַז ס׳דערנענטערט זיך אַ פֿור, איינגעשפּאַנט אין איין פֿערד און אָנגעטריבן דורך אַ פּויער. קאָסמאַ האָט מיר מיט עליען אַ ווונק געטאָן, מיר זאָלן זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער. דער פּויער איז צוגעפֿאָרן און זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אונדזער באַנדע:

— אַרבוזן, אַרבוזן, ווילע לייט! כ׳האָב זייער גוטע אַרבוזן, האָט ער אויסגעשריגן, דריייענדיק מיט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן.

— זייער גוט, האָט אָפּגעענטפֿערט קאָסמאַ, אָבער ס׳איז אַ שאָד, וואָס דו ביסט אָנגעקומען צו שפּעט: מיר האַלטן ביים אָפּפֿאָרן.

— קען איך האָבן די העצה אייך צו פרעגן, אין וועל־בער ריכטונג איר האָט בדעה זיך צו לאָזן מיט אזא גרוי־סער צאָל מענטשן?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! מיר גייען אַהין, פון וואַנען דו קומסט איצט אָן. און מיט דער זעלבער העצה וועל איך דיך אויך פרעגן אַ שאלה: האָסטו נישט אַמאָל באַמערקט אויפן וועג, ביים אַריינגאַנג אין וואַלד, אַ לאַגער פון דער שטראָף־אָפּטיילונג?

— קיין איין כּלב נישט, מיין טייערער! קיין איינעם פון דידאָזיקע פאַרשאָלטענע הענקער!

— אַזוי, אַזוי! האָט אַ מאַך געטאָן קאָסמאַ מיט אַ מינע פון אַן איבערגעצייגטן מענטשן.

און ער האָט זיך געווענדעט צו אונדז:

— הארכט אויס, חברים! אין וועג אַריין, איידער די זון פאַרגייט!

דערנאָך האָט ער געזאָגט דעם כּלומרשטן אַרבוזן־סוחר:

— אַ דאַנק, ברודער. איצט האָב איך צו דיר אַ ביטע: פאָרנדיק צום פאַראָם, וועסטו באַגעגענען אַ פאַרשוין, ווי איך, וועלכער האָט אַרום זיך צוויי מאָל אַזויפיל מענטשן, ווי דו זעסט איצט. מ'רופט אים עליע. אַלזאָ, זאָג אים אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל מיר נאָכגייען מיט אַלע זיינע מענטשן; און כּדי דיינע ווערטער זאָלן אים איבערצייגן, זאָלסטו אים ווייזן דידאָזיקע גאָלדענע מטבע, וואָס איך וועל באַלד אויס־בויגן צווישן מיינע פינגער. די מטבע קענסטו באַהאַלטן ביי זיך, אַלס זכרון פון קאָסמאַן.

— דאָס ביסטו קאָסמאַ? האָט אַ זאָג געטאָן דער פאַל־שער פויער, אָנשטעלנדיק אַ פּאָר נאַרישע פאַרחידושטע אויגן. זאָל זיין געלויבט דער אויבערשטער, און געבענטשט דיין וועג!

— אַ דאַנק פאַר דיין ברכה, גוטער קריסט.

„דער שפּיאָן פון דער פּאַטראָל איז אָפּגעפאָרן, גלויבנ־דיק אַלץ, וואָס קאָסמאַ האָט אים אַריינגערעדט.

בעת די פור האָט זיך דערווייטערט, האָט קאָסמאַ פאַר־ריסן דאָס פּנים צום הימל און אויסגעשריגן:

— פאַרשטונקענער פאַראָמשטשיק, דיין מסירה וועט דיר טייער קאָסטן.

און צורופנדיק מיך:

— גיי, ירמיהו, שנייד אַרום די קוסטעס, קלעטער אַרויף אויף אַ בוים און זע, וואָס דער באַלעגאָלע וועט טאָן, קומענ־דיק צום אָרט, ווו דער וועג פאַרבויגט זיך. איך לאָז זיך מיין באָרד אָפּגאָלן, אויב דאָס איז אַן אמתער אַרבוזן־הענדלער!

אַ ביסל שפּעטער בין איך געקומען צוריק און געמאָלדן:

— ער האָט פאַרלאָזט זיין פור, זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד און שנעל ווי אַ בליץ נעלם געוואָרן.

— אַ דאַנק פאַרן אַרבוז! האָט אויסגעשריגן קאָסמאַ.

און ער האָט זיך פאַרטראַכט. די מענטשן האָבן שטי־לערייט געשמועסט צווישן זיך. עליע האָט זיך אָנגערופן:

מען וואָלט זיך אפשר געדאַרפט באַפרייען פון דער קאָנ־טראַבאַנדע און זי באַהאַלטן אין די קוסטעס.

— יאָ, האָט געענטפערט קאָסמאַ; מ׳וועט דאָס דאַרפן טאָן, אינם פאַל, ווען מיר וועלן מוזן דורכשניידן די פּלאָטעס. ווייל אָט וואָס איך טראַכט: ס׳געפינען זיך דאָ צוויי וועגן און איין סטעזשקע. די סטעזשקע גייט אונדז נישט אָן. ס׳איז פאַר אונדז אַלץ איינס, צי זי געפינט זיך אונטער אַ שמירה אָדער נישט, ווייל דאָרטן קענען מיר זיי אויסקוילן איינעם נאָכן אַנדערן, ווי שעפּסן. די פּאָטערא איז געוויס איינגעטיילט אויף אַזאַ אופן: איין העלפט געפינט זיך אויפן וועג, וואָס פירט וואַסער־אַרויף צום סערעט, און די צווייטע העלפט אויפן וועג, פון וואַנען דער שפּיאָן איז נאָר וואָס אָנגעקומען. די ידיעה, אַז מיר וועלן אויסקלויבן אָט דעם לעצטן וועג, וועט דעצידירן דעם קאָמענדאַנט צו באַפרייען דעם וועג, וואָס ציט זיך לענגאויס דעם טייך און קאָנצענטרירן דאָ זיינע מענטשן. מ׳דאַרף נאָר דערגיין, צי ער וועט אַוועקנעמען אַלע, אָדער בלויז אַ העלפט פון זיינע מענטשן, און וויפל מענטשן וועלן

בלייבן אָפּצוהיטן דעם וועג פונם סערעט. דאָס וועט ירמיהו, דאַרפן אויספּאָרשן. נו; ירמיהו! באַווייז נאָר, אַז דו ביסט ראוי? צו לעבן אויף דער פריי! איך וועל דיך פאַרשטעלן פאַר אַ קליין פישער-ייִנגעלע און דו וועסט אַוועקלויפן באָרוועסערייט, מיט אַ בלויזן קאָפּ, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט לענגאויס דעם טייך. אַז דו וועסט דיך אָנשטויסן מיטן נעסט פון די „פּאָטעראַשעס" *), זאָלסטו זיי זאָגן, אַ פּאַרסאַפּעטער, אַז דיין מאַמע האַלט ביים שטאַרבן און אַז דו גייסט אין שטאָט אַריין ברענגען דעם פּאָפּ, כדי זי זאָל זיך קענען פאַר אים מתוודה זיין. דאַרפסט דאָס אָבער זאָגן אַ פאַריאָמערטער און בשעת מעשה דאַרפן זיך דיר טרערן גיסן פון די אויגן. דו הערסט? האָסט קיינמאָל נישט געוויינט, טו ווייִן-זשע איצט ווי אַ פוילע פרוי! און קום תיכף צוריק, דורכשניידנדיק זיך אַ וועג צווישן די קוסטעס.

„מער פון פופציק פּאָטעראַשעס, באַוואָפנטע מיט ביקסן און שווערדן, זענען געלעגן אויסגעצויגן ביים אַריינגאַנג פון וואַלד און געררויכערט, בעת איך בין פאַרבייגעגאַנגען נאָענט פון זיי, קלאָגנדיק ווי אַ פוילע פרוי. דאָס ווייִנען איז מיר אָנגעקומען זייער לייכט, ווייל כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז קאָסמאַ און עליע זענען געהרגעט, געבונדן אין געפענגעניש, אויפגעהאָנגען, און אַז איך מוז גיין באַאַרבעטן די ערד, ווי אַ שקלאַף.

— הע! יאַטל! וווהין לויפסטו דאָס אַזוי מיט אַ גע-וויין? אפשר האָסטו פאַרלוירן דיין מוטער?

— כ'האָב זי נאָך נישט פאַרלוירן, זי האַלט אָבער ביים שטאַרבן; איך גיי אין שטעטל אַריין רופן דעם פּאָפּ.

— זאָלן איר די חטאים פאַרגעבן ווערן! זאָג נאָר, קליינטשיקער, האָסטו אַמאָל נישט געזען דאָרט, פון וואַנען דו

---

*) פּאָטעראַש: געדונגענע, וואָס בילדן די פּאָטעראַ.

קומסט, באַוואָפנטע מענטשן, וואָס רייטן אויף פערד, אָנגעטאָן ווי פויערים?

— יאָ, כ'האָב זיי באַגעגנט.

— אַ סך?

— אפשר צוויי מאָל אַזוי פיל ווי איר.

— און פון וועלכער זייט קומען זיי אָן?

— פון גאַלאַצער ריכטונג, דורכן גרויסן טראַקט, וואָס פירט צום פאַראָם.

— אַוודאי אַזוי! האָט אויסגעשריגן דער שעף פון די פּאַטעראַשעס, אַ צופרידענער, אויסדרייענדיק זיך צו זיינע מענטשן. אונדזער גרויסער קאָמענדאַנט איז געווען גערעכט, וואָס ער האָט קאָנצענטרירט זיינע מענטשן אויף דעמדאָזיקן אָרט! אַך, ווי גוט! אַלע באַנדיטן וועלן מיר פּטרן! מיר מעגן דאָ פאַרבלייבן רויק און רויכערן אונדזערע ליולקעס.

— זייט געזונט, גוטע מענטשן, האָב איך געזאָגט צו זיי.

— גיי געזונט, קליינטשיקער. אפשר ווילסטו זיך אויפזעצן אויף איינעם פון אונדזערע פערד, כּדי גיכער אָנצוקומען אויפן אָרט?

— אַ דאַנק, כ'האָב מורא, איך זאָל נישט אַראָפּפאַלן.

— וואָס טוסטו?

— כ'כאַפּ פיש מיט מיין טאַטן.

די זון האָט באַרירט דעם האָריזאָנט מיט איר רויטן דיסק, ווען אונדזער באַנדע האָט מיט אַלעמענס הסכמה זיך געלאָזט אין וועג אַריין, לענגאויס דעם סערעט. מיר זענען געווען גרייט אָנצופאַלן אויף אַ גרופּע פונם שונא, אים צעטרייבן און מאַכן פּליטה, איידער ס'וועט אָנקומען אַ גרויסע פאַרשטאַרקונג פון דער פּאָטעראַ, צוגעצויגן דורך דער שיסעריי. בעת מיר האָבן גערירט, האָט קאָסמאַ געזאָגט צו די מענטשן:

— שוין אַכט יאָר לעבן מיר צוזאַמען אויף דער פריי,

נישט האָבנדיק דאָס רעכט זיך צו באַקלאָגן אויף אונדזער גורל, ווייל ביז איצט זענט איר געווען בלויז באַאומרויקט פון קליינע צוזאַמענשטויסן. ס'איז אָבער מעגלעך, אַז איצט וועלן עטלעכע באַצאָלן מיט זייער לעבן. איין זאַך ווייסן מיר אָבער אַלע, אַז אַ יאָר אויף דער פריי האָט אַ גרעסערן ווערט, ווי זיין פאַרשקלאַפט אַ גאַנץ לעבן. נישט די צאָל יאָרן שפּילט אַ ראָל אין אונדזער לעבן, נאָר די שעה, וואָס מ'לעבט דורך אָן צרות. פאַר אַ פרייען מענטשן איז דער טויט אַלץ, וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט פרייהייט. און וואָסער טויט? אַ טויט אָן אַ סוף. אָט קוקט אָן אונדזער קינד ירמיהו; ער וועט זיך באַלד אָנשטויסן מיט דערזעלבער סכנה וואָס מיר; און בלויז איך אַליין ווייס אויף וויפל ער איז מיר טייער, ווייל ער שטאַמט פון אונדזער בלוט. אַלץ איינס, אים, ווי אונדז, אַלעמען ווינטש איך בעסער דעם טויט איידער ווערן פאַרשקלאַפט.

דער „וואַטאַף" פון דער באַנדע, וועלכער פלעגט אָנפירן מיט די גנבה-אָפּעראַציעס, לויטן באַפעל און לויט די אָנווייזונגען פון קאָסמאַן, האָט אָפּגעענטפערט אין נאָמען פון זיינע מענטשן:

— מיר טראַכטן אַזוי ווי דו, קאָסמאַ: אַ פריי לעבן אָדער שטאַרבן.

נאָך דידאָזיקע ווערטער איז מען אַוועק אין אַ משונהדיקן גאַלאָפּ. בלויז אַ וואַנט וואָלט געקאָנט איינהאַלטן אַזאַ כוואַליע. מיר זענען אַלע געווען אָנגעטאָן אין קורטקעס פון אָקסן-פעל, וואָס האָבן אונדז פאַרשטעלט די ברוסט; מיר האָבן גיכער מורא געהאַט פאַר די קוילן, וואָס קענען טרעפן אונדזערע פערד, ווי פאַר זיך אַליין. מיין ארט איז געווען אין דער שפּיץ פון דער באַנדע, צווישן קאָסמאַן און עליען.

ס'האָט קיין רגע נישט געדויערט, ווי מיר זענען אָנגעפאַלן אויף די פּאַטראַשעס. יענע, נישט ווייסנדיק וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך, זענען אַרויף שנעל אויף זייערע פערד. מיר האָבן זיך נאָך זיי אַ לאָז געטאָן אין דער האַלב-פינסטערניש פונם וואַלד, און אונדזערע מושקעטן האָבן געשפּיגן מיט אַ

טראַסקעדיקן האָגל, וואָס האָט אַלץ איינגעהילט אין אַ גע־דיכטן רויך. מיר האָבן זיך שוין געהאַט צעשפּרייט צווישן די ביימער, כּדי צו לאָזן זיך אין אונדזער וועג אַריין, ווי מיטאַ־מאָל האָט זיך דערהערט אַ ביקסן־שיסעריי, און אַ קויל, וואָס האָט מיר געטראָפן אין נאַקן, האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון מיין פערד.

„דאָס איז אַלץ, וואָס כ'האָב געוווּסט אין דער ערשטער רגע.

„דער מאָמענט נאָכדעם איז געווען פאַר מיר פּונקט אַזוי טרויעריק, ווי דער טויט און ווי שקלאַפעריי.

„ליגנדיק אויף דער ערד אין מיין בלוט, האָב איך גע־זען, ווי אונדזער מחנה דרייט זיך אויס צום שונא, טרעט אַריין אין אַ שרעקלעכן קאַמף מיט פּיסטאָלעטן און מעסערס, בלויז כּדי צו ראַטעווען מיין לעבן. די סכּנה איז געווען זיי־ער גרויס, ווייל די פּאַטראַ האָט אַ ליאַדע רגע געקענט צו־שיקן פאַרשטאַרקונגען. מ'איז שוין כּמעט געווען פאַרטיק. דער נצחון איז געווען אַ געזיכערטער. די שווערדן פון קאַסמאַן, עליען און פון וואַטאַף האָבן געהאַקט איבער די קעפּ פון די פּאַטראַשעס. די ישועה האָט זיך דערנענטערט צו מיר און, שטעלנדיק זיך אויף די קני, האָב איך זיך אויפגעהייבן און אויסגעצויגן די הענט.

אָבער מיין גורל איז געווען אַנדערש אָנגעצייכנט. אין דערזעלבער רגע האָט די ערד אַ ציטער געטאָן אונטערן גאַלאָפּ פונעם שונאס מיליטער, וואָס איז געקומען צו הילף. די פּאַטראַשעס האָבן אויפגעעפנט אַ העפטיקע שיסעריי. דאַמאָלס האָב איך דערהערט קאַסמאַס געשריי, וואָס האָט גע־קלונגען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט:

— פאַרבלייב דאָ! איך וועל דיך ראַטעווען!

„און אונדזערע האָבן פאַרקירעוועט די פערד און נעלם געוואָרן. כ'האָב פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין.

. . . .

„כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, מיט הענט צוגעבונדן צום רוקן, צווישן אַ שווארצער מאַסע פון די פּאַטעראַשעס, און אַ פינסטערניש, וואָס איז געווען אַזוי שוואַרץ, ווי די נשמה פון די פּאַטעראַשעס און ווי מיין עתיד. מ׳האָט אָנגעצונדן צוויי שטורקאַצן און, ביי זייער רייכערדיקן פלאַם, האָב איך געזען, ווי מ׳האָט געפירט צוויי פון אונדזערע, שווער פאַר־ווונדעט און געבונדן, ווי איך.

„איינער פון זיי איז געשטאָרבן אויפן וועג. דעם צווייטן האָט מען אויפגעהאָנגען. כ׳האָב זיי מקנא געווען. ווייל איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס קנעכט אינעם הויף פון אַ גרויסן גריכישן באָיאַר, דעם אַרכאָנט סאַמוראַקיס.

* *
*

דאָס איז געווען אַן אמתע פעסטונג, אַרומגערינגלט מיט הויכע ווענט און אָפּגעהיט סיי ביי טאָג סיי ביינאַכט דורך אַלבאַנער, אמתע ריזן. דידאָזיקע גרויסע הויז, ווייס ווי שניי, איז געלעגן פונקט אויפן מיטן וועג פון בראַילאַ קיין גאַלאַץ, אויף אַ שיין בערגל, וואָס האָט באַהערשט דעם פליין פונם סערעט. די ברייטע טויערן, וואָס זענען געווען אָפן פון זון־אויפגאַנג ביז שקיעה־צייט, די עספּלאַנאַדע, די סך באַלקאָנען פון מאַסיוון האָלץ, די שמייכלדיקע פענסטער און די אומגעהויערע גאַל־קעס, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אין דעמדאָזיקן הויז האָט יעדער איינער געפונען אַ מקום־מנוחה און גליק.

און דאָס הויז האָט אינדעראמתן געגעבן מנוחה און גליק, אָבער נישט יעדן. טאָג איין, טאָג אויס פלעגן זיך פאַר די ערן־טויערן אָפּשטעלן גרויסע פאָסט־פורן, געשפּאַנט אין פיר אָדער אין זעקס פערד. באָיאַרן, הויכע אַדמיניסטראַטיווע באַאַמטע, אָדער סתם רייכע לייט, רומענער, גריעקן אָדער טערקן, אין דער באַגלייטונג פון זייערע ווייבער, פלעגן דאָרט אַראָפּ־שטייגן, אָפּטרייסלען דעם שטויב אָדער דעם שניי פון זייערע פוטערשלעכע מאַנטלען, וואָס זענען געווען אַרומגענייט מיט זייד.

די אַלבאַנישע משרתים פלעגן זיך בוקן ביז צו דער ערד און קושן די זוימען פון זייערע בגדים. און דער מעכטיקער באַלעבאָס אַליין, דער אַרכאָנט סאַמוראַקיס, דער הערשער איבער דער געגנט און איבער די „וועגעטיקעס" *) פלעגט זיי מאַכן אַ פיינעם קבלת־פּנים".

ווי נאָר כ'בין אָנגעקומען אין הויף אַריין, האָט מען מיך אַריינגעשלעפּט צום אַרכאָנט, די הענט כסדר געבונדן, פּונקט ווי כ'וואָלט געווען פּעיק אַלעמען אויסצוהרגענען. דער אַרכאָנט איז איינער אַליין געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ דיוואַן, אינם שאָטן פון פלאָנטערנדיקע ווייך־צווייגן. ער האָט געהייסן באַפרייען מיינע הענט און האָט אויף אַ ברוטאַלישן אופן פאַרטריבן מיינע הענקער, וועלכע האָבן זיך הינטערוויילעכטס אַרויסגערוקט פון צימער, בויגנדיק זיך ביז צו דער ערד.

„מיר האָבן איינער דעם צווייטן באַשאָנקען מיט דורכדרינגלעכע בליקן, ער, זייער רויק, איך, פול מיט שנאה. דער ארכאָנט איז געווען דער ערשטער אַריסטאָקראַט, וועלכן כ'האָב געזען. זיין שוואַרצע באָרד איז מיר נישט געפעלן געוואָרן, אָבער זיין לאַנגע פיגור איז געווען איידל און צאַרט אינם געפרענדזלטן מאַנטל. זיין האַנט, באַפּוצט מיט שיינע רינגען, האָט פויל געהאַלטן דעם טשיבעק פון בערנשטיין. ער האָט מיך געפרעגט און איך האָב אים אָפּגעענטפערט אויף גריכיש:

— ווי אַזוי רופט מען דיך?
— ירמיהו.
— קאָסמאַס זון?
— דער זון פון וואַלד.

דער אַרכאָנט האָט אויפגעהייבן די האַנט מיט אַן אָפּגעמאַטערטן זשעסט:

— ווי דרייסט זאָלסט נישט זיין, וואַרף אַוועק דיינע קונצן! כ'ווייס, אַז דו ביסט גרייט זיך לאָזן ברענען

*) וועגעטי...

לעבעדיקערייט: כ׳וויל אָבער פון דיר זיך עפּעס דערוויסן. טאָ האָרך-זשע. אַזויווי דיין עלטער דערלויבט מיר נישט דיך צו שיקן אויף דער תּליה, האָב איך בדעה דיך צו מאַכן פאַר משרת ביי מיר אין שטוב.

— וואָס? אַ משרת, דער זון...

— ... פון וואַלד, אויסגעצייכנט. אָבער וואַרט, דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אַ דאַנק דיר, וויל איך אַהער אַראָפּברענגען קאָס-מאָן, און מאַכן אים פאַר מייַנעם אַ פאַרטרויונגס-מאַן.

„כ׳האָב אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער:

— דו טראַכסט וועגן נאַרישקייטן, מיין אָרעמער אַרכאָנט!

„דער אַרכאָנט האָט געטאָן אַ האַסטיקן שפּרונג, אַז דער טשיבוק איז צעבראָכן געוואָרן און דער דיוואַן האָט אַ טראַסק געטאָן. ער האָט זיך אָבער תּיכּף באַהערשט און אַ זאָג גע-טאָן, גלייך ווי צו זיך אַליין:

— דאָסדאָזיקע ייִנגל זאָגט מיר „דו״, און רופט מיך „אָרעמער״.

„און ווענדנדיק זיך צו מיר:

— ... זאָלסט וויסן, קליין אָדלערל מיינס, אַז אַזעלכע חוצפּהניקעס הייס איך אָפּשניידן דעם עק פון דער צונג.

„און ביי די דאָזיקע ווערטער, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט די הענט. צוויי באַוואָפנטע אידיאָטן זענען, ווי פון דער ערד אַרויסגעקראָכן.

— ברענגט מיר צופירן דעם „אָן-לשונדיקן״! — האָט ער באַפוילן.

„זיי זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן און באַלד צוריקגעקו-מען מיט אַ גרייז-גרויען מענטשן און מיט אַ קוק פון אַ משוגענעם. אויף אַ רמז פון זיין באַלעבאָס האָט ער מיר באַ-וויזן דעם פּוסטן לאָך פון זיין מויל, ווו די צונג איז געווען אָפּגעהאַקט.

„ווען זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן, האָט דער אַר-כאָנט צו מיר געזאָגט:

— האָסטו געזען? פּרווו רעדן אַנדערש פאַר עדות. דאָ

געפינט זיך בלויז איין איינציקער מענטש, וואָס קען זאָגן וואָס ער וויל: דאָס בין איך, דער אַרכאָנט סאַמוראַקיס!

„נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף זיין דראָונג, האָב איך אים געענטפערט:

— דו ביסט אַ גוטער פּחדן, אַרכאָנט סאַמוראַקיס, און דו טוסט זייט גוט, וואָס דו שפּאַצירסט נישט אַרום אין וואַלד: דאָרטן וואָלסטו נישט געזאָגט אַלץ, וואָס דו וואָלסט געוואָלט זאָגן.

„דער אכזר האָט שטיל געלאַכט, פאָנפענדיק אונטער דער נאָז:

— הום! הום! הום! מיין קליין בערעלע! דאָ, ביי מיר, איז אויך אַ וואַלד, אַ וואַלד און אַ רעגירונג, ווייל איך קען דיקטירן געזעצן. נאָכמער, איך ריזיקיר מיט גאָרנישט.

— צו אַלדע רוחות, מיט דיין וואַלד פון משרתים!

— זיי זענען מענטשן, פּונקט אַזוי שטאַרק, ווי איר!

— ווי מיר? אין לעבן נישט! דאָס זענען אָקסן, מסוגל צו שלעפּן דיין סאָכע.

— נישט אַלע! מיין פּערזענלעכע גוואַרדיע באַשטייט פון אמתע באַנדיטן, און אַלס עלטסטער פון דערדאָזיקער גוואַר־דיע, וואָלט איך געוואָלט מאכן קאָסמאַן, אָט דעם שרעקלעכן באַנדיט, וואָס גנבעט ביי מיר די שענסטע בריליאַנטן, דאָס בעסטע געווער, די פּרעכטיקסטע טעפּיכער, זיידענע מלבושים, די טייערסטע קאַשעמיר־סחורות, און פאַרקויפט עס דערנאָך די אונגאַרן. און פאַרוואָס וואָלט ער נישט געוואָלט ווערן דער ראש איבער מיין באַנדע? ער וועט האָבן גאָלד, שיינע מלבושים, שיינע ווייבער, און אפילו בלוט פאַרגיסן וועט ער קענען, וויפל ער וועט נאָר ווילן.

— דו רופסט אין מיר אַרויס אַן עקל, אַרכאָנט! אַ סוף זאָל עס נעמען! גיב מיך איבער דיין הענקער!

— זיי פאָרזיכטיק, ירמיהו! ברענג מיך נישט אַריין אין כעס!

— מיר וועלן זען! דערווייל גיב איך דיר צייט אויף טראַכטן.

„ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די הענט.ביידע כּלבים פון דער גוואַרדיע האָבן זיך באַוויזן.

— פירט אַוועק דאָס יינגל אין קוזניע אויף אַרבעט, און ברענגט אים מיר צו פירן, ווען ער וועט עס פאָדערן. אויב ער וועט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקן, וועל איך אַליין באַשטימען די שטראָף. גייט!

דער אויפזעער איבער דער קוזניע איז געווען אַ ציגיינער, אַ ריז, אַן אַלטער שקלאַף, וועלכער איז געוואָרן מער שקלאַף, ערשט נאָך דער באַפרייונג. די אַרבל פאַרשאַרצט, די אויגן רויט, די ברוסט נאַקעט און באַדעקט מיט גרויע האָר, האָט ער מיך דורכגעשטאָכן מיט זיינע בליקן, געקוועטשט מיינע הענט און מיר פאַרשאַפן גרויס ווייטיק אין די מוסקולן. כ׳האָב זיך קיין ריר נישט געטאָן, אָבער דאָס בלוט איז אויפגעקאָכט געוואָרן אין מיר.

— דאָס איז דאָס „קליין אָדלערל״ פון אונדזער הערשער! כאַ! כאַ! ס׳דוכט זיך אים נאָך אַלץ, אַז ער געפינט זיך אויף די שפּיצן פון די דעמבעס! מיר וועלן אים אַראָפּהאַקן די פליגלען! האַ, „קליין בערעלע״. נעם נאָר דעם גרויסן האַמער און קלאַפּ אָט דאָ, אויף דעמדאָזיקן רויטן אייזן, נאָר קלאַפּ פעסט!

כ׳האָב געקלאַפּט אויפן רויטן אייזן, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט צוואַנגען.

— אַך, פעטער, קלאַפּ און בויג דיך גוט איין איבער דער קאָוואַדלע!

„די מענטשן פון דער קוזניע האָבן געלאַכט. כ׳האָב פעסטער געקלאַפּט דאָס אָנגעברענטע אייזן, וואָס ער האָט בסדר געדרייט און כ׳האָב מיך איינגעבויגן איבער דער קאָוואַדלע, ווייל כ׳האָב געוווסט, אַז איך דאַרף אַרבעטן. אָבער

פלוצלונג האָט דער ציגיינער אַוועקגעריסן זיין אייזן; מיין האַמער האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין דער הוילער קאָוואַדלע, אָפּגעשפּרונגען אינדערלופטן, גלייך ווי אַ פרוזשינע וואָלט אים אַ שטופּ געטאָן, און דערלאַנגט מיר אַ געזונטן קלאַפּ אין שטערן, ווו ס׳איז באַלד אויפגעלאָפן אַ בייל. אַרום מיר האָבן זיך דערהערט צינישע געלעכטערס. דער ציגיינער האָט חוזק געמאַכט:

— אָט אויף אַזאַ אופן לערנט מען אויס אַ מלאכה!

— און אָט, אויף אַזאַ אופן דאַנקט מען פאַר דער אַר-בעט!" — האָב איך מיך אָנגערופן, — וואַרפנדיק אים דעם האַמער אין דער נאַקעטער ברוסט.

„דער שמיד האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן געשריי און האָט זיך אַזש אַראָפּגעזעצט פאַר ווייטיק.

— לויפט שנעל און דערציילט עס אונדזער האַר. — האָט ער אַ ריטש געטאָן. וואַרט, באַנדיט, איך וועל דיר באַלד אַריינציילן הונדערט שמיץ מיט „אָקסענע אָדערן" אויף דיין נאַקעטן רוקן!

„דער שליח איז צוריקגעקומען און האָט פייערלעך גע-מאָלדן:

— אונדזער האַר באַפעלט דעם שמיד אָפּצושיקן ירמיהון צום סטעלמאַך.

— דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט? — האָט זיך געבייזערט דער ציגיינער.

— דאָס איז אַלץ, האָט יענער הכנעהדיק אָפּגעענטפערט.

— אַלע בייזע, פינסטערע חלומות! — האָט געשאָלטן דער שמיד. וואָס האָט ער דאַרט אַזוינס אין הינטן, אָט דער הינטישער באַנדיט, אַז אונדזער האַר באַציט זיך צו אים מיט אַזוי פיל חסד!

„כ׳בין איבערגעגאַנגען צום סטעלמאַך, אָבער אויך דאָרט האָב איך קיין האָניק נישט געלעקט. אַזוי ווי זיין וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אין שכינות מיט דער קוזניע, האָט דער ציגיינער געזוכט אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין. און ער

האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. בשעת איך האָב געהאָלפֿן דעם סטעלמאַך אָנצוציען אַן אײַזערנע רייף אויף אַ ראָד, איז דעם שמיד געלונגען (געוויס אין הסכּם מיטן סטעלמאַך), שנעל צו פֿאַרבײַטן די אָפּגעקילטע רייף אויף אַן אַנדערע, וואָס איז געווען אָנגעגליט אויף ווײַס־װאַלעט־קאָליר. נישט וויסנדיק פֿון וואָס צו זאָגן, האָב איך די רייף אָנגענומען מיט דער האַנט און דאָרט איבערגעלאָזט אַ צוגעקלעפּטע שטיק לייב. אויפֿגעּרעגט פֿון ווייטיק, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן ציּגײַנער און אַראָפּגעשליידערט די קאָוואַדלע אויף זײַנע פֿיס.

„איין פֿוס איז אים צעקוועטשט געוואָרן. מיר איז אויסגעקומען איבערטראָגן „דרייסיק שמיץ אָקסענע אָדערן אויף אַ אָנגעטאָנענעם רוקן, כּדי די הויט זאָל נישט אָפּקריכן״, — אַזוי האָט געקלונגען דעם אַרכאָנטס באַפֿעל. ענדלעך האָט מען מיך באַשטימט אין אַ שטאַל פֿאַר אַ פֿערד־משרת ווו ס'איז מיר נישט געווען שלעכט און איך בין פֿאַרבליבן.

* * *

„צוויי יאָר זענען דורכגעלאָפֿן, צוויי לאַנגע יאָרן, בעת וועלכע איך פֿלעג אָפּשטאַרבן אַלע אײַנדערפֿרי ביים אויפֿשטיין. כ'האָב זיך אָפֿט דערמאָנט אין קאָסמאָס ווערטער: „אַ טויט אָן אַ סוף״. אמתע ווערטער! אַפֿילו דאָס גליק צו זײַן צוזאַמען מיט פֿערד, האָט מיר קיין שום פֿרייד נישט פֿאַרשאַפֿט, ווײַל דאָס זענען געווען חיות אָן כאַראַקטער, אָנגעשטאָפּט מיט האָבער, וואָס רירן זיך קוים פֿון פֿעטס, וואָס שלאָפֿן שטייענדיקערייט, כּמעט בהמות. קוקנדיק אויף זיי, בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז אַ ווויל אומעטיק לעבן ווירקט ערגער אויפֿן גייסט, ווי שקלאַפֿעריי.

„און באמת, פּונקט ווי די פֿערד, פֿלעגן די אַלבאַנער פֿון דער גוואַרדיע שלאָפֿן שטייענדיק, אײַנגעהילט אין זייערע „איליקעס״ מיט די ברייטע צעשניטענע אַרבל, אין "שאַלוואַרן", צוגעפּאַסט צו זייערע פֿיס, אין פּאַנטאָפֿל מיט פּאָמפּאָנעס, און

אַ קליינע ווייסע פעסקע אַראָפּגערוקט אויף אַן אויער. חוץ־דעם — אַ מיש־מאַש פון קאַרנאַוואַל־מלבושים, באַפּוצט מיט בראָדירונגען, מיט גאַלאָנען, מיט גילדענע פעדעם און באַהאָנגען מיט פּיסטאָלעטן און שווערדן, וואָס האָט אָנגעטריבן אַ פּחד אויף מעוברתע ווייבער. אָט די מגושמדיקע ליידיקגייערס, פאַרטעמפּט פון גוט לעבן און שלאָפן, פלעגן מיך אָפט באַזוכן ביי דער אַרבעט און מיר שטענדיק שטעלן די זעלבע נאַרישע שאלה:

„פילסטו זיך נישט בעסער דאָ ביי אונדז, איידער צו פירן אַ לעבן פון אַ פאַרפאָלגטער חיה?

„איך פלעג זיי ענטפערן:

— אַ הונט פון דער קייט קען קיינמאָל נישט פאַרשטיין דאָס לעבן פון אַ וואָלף".

„די קנעכט, מיינע חברים אין ליידן, האָבן נישט געהאַט קיין ווילן, קיין מוט. טאָג איין, טאָג אויס פלעגן זיי אַרבעטן, ווי אייזלען, בעטן גאָט און האָפן צו געפינען אַ בעסער לעבן אויפן הימל. כ'פלעג זיי באַדויערן און טיף אין האַרצן האָב איך זיי פיינט געהאַט.

„אין משך פון דרעדאָזיקער צייט, האָט מיך דער אַרכאָנט דריי אָדער פיר מאָל אַרייַנגערופן, כדי מיר צו זאָגן, אַז ער האָט מיך נישט פאַרגעסן, אַז ער וואַרט כסדר אויף מיין הסכמה צו ווערן זיין הויז־דינער. כ'האָב אים אָפּגעענטפערט, אַז כ'וויל בעסער זיין אַ שקלאַף, איידער פירן אַ שאַנדע־לעבן. דאָך, נישט געקוקט אויף מיין עקשנות, האָט ער מיר איינמאָל פאָרגעלייגט, איך זאָל פאַרלאַנגען ביי אים עפּעס און ער וועט דערפילן. כ'בין איינגעגאַנגען.

— גאָר אָן שום באַדינגונגען, האָב איך געזאָגט.

— גוט. זאָג, וואָס דו ווילסט?

— זאָלסט מיר דערלויבן אָוונטצייט איינער אַליין אַרומשפּאַצירן אין פּאַרק נאָכן אויסלעשן דאָס ליכט.

— דו ווילסט מאַכן פליטה?

— ניין, כ'גיב דיר מיין וואָרט. ווייל שוין צוויי יאָר.

אַז איך וועל דערשטיקט אויפן אַרבעטס-הויף. ס'איז מיר שווער צו גיין שלאָפן מיט די הינער צוגלייך, נישט אָנצוקוקן די ביימער, די לבנה, און נישט הערן דאָס רוישן פונם ווינט צווישן די בלעטער. איך וועל דאָס נישט איבערלעבן.

— פון מאָרגן אָן קענסטו עס טאָן. חוצדעם וועסטו האָבן אַ באַזונדערע קאַליבאַ *) צום שלאָפן, און דו וועסט אַליין גיין נעמען דאָס עסן אין דער וועכטער-קיך.

— זייער גוט, האָב איך אַ זאָג געטאָן.

— אויף אַזאַ אופן דאַנקסטו מיר ?

— און וואָס נאָך דאַרף איך טאָן ?

— מיר קושן די האַנט, אָדער די פּאָלעס פון מיין מלבוש.

— כ'האָב קיינמאָל אַזעלכע זאַכן נישט געטאָן.

„דער אַרכאָנט האָט זיך צעלאַכט, מיר דערלאַנגט אַ קלעפּל און געהייסן גיין.

„דאָס ביסל פרייהייט, וואָס איך האָב באַקומען, האָט צו-ערשט אָנגעפילט מיין האַרץ מיט אַ שטראָם פון גליק, אָבער לאַנג האָט עס נישט געדויערט.

„די סך אַלטאַנעס פון געפלאָכטענע וויינשטאָקן און האָפּן, די קוסטעס פון רויזן און ליליעס, די אומגעהויערע טאָפּאָלעס,—געצווייגט ווי דעמבעס אָדער גלייך ווי יעגלינעס,— האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען, ווי משרתים, וואָס פגרן פון זייער לייכט לעבן, פונקט ווי די פערד און די אַלבאַנער. אַרום דעמדאָזיקן קלייניקן פּאַרשקלאַפטן וועלדל האָט זיך גע-צויגן אַ מוראדיקע וואַנט, פופצן פוס די הויך, וועלכע האָט זיך מיט איר אומדורכדרינגלעכער מאַסע חוצפהדיק געוואָרפן אין די אויגן. קיין שום פייגל, חוץ קראָען און שפּערלינגען! דער ווינט, — אָט דער געשיקטער רייזנדער, וואָס רעדט צו די פרייע מענטשן אויף אַלע לשנות פון דער וועלט, — האָט קיינמאָל נישט באַוויליקט אַראָפּצוקומען אינם דאָזיקן אומ-גליקלעכן גראָבן. ער פלעגט זיך בלויז אין איילעניש

*) קאַליבאַ: אַ כאַטקע.

דורכשמועסן מיט די שפּיצן פון די טאָפּאָלעס, מיט דער כוונה זיי צו באַדויערן. אַפילו די לבנה פלעגט פאַרטונקלט ווערן, ווען זי האָט אויף דעמדאָזיקן אָרט פון פאַלשן גליק אַדורכגעגליטשט איר בלאַסקייט, ענלעך צו די ליידן פון אַ שווינדזוכטיקן. און בעת די נאַכט-וועכטער האָבן געשפּרייזט אַהין און צוריק מיט אַזאַ מין גלייכגילטיקייט, ווי זיי וואָלטן געווען אין אַ קעלער, בעת די וויינענדיקע פידל-מעלאָדיע האָט זיך געטראָגן פון די הערשער-באַנקעטן, ענלעך צו שטיקער פלייש דורכגעזאַפּט מיט פרייד, פלעג איך אַרומבלאָנקען צווישן די נאַקעטע ביימער-שטאַמען און טראַכטן וועגן דער צווייטער זייט פון דער הויכער וואַנט. קאָסמאַ, עליע און פאַרשידענע אַנדערע זכרונות. האָבן מיר דאָס האַרץ צעריסן פון בענקשאַפט.

„כ׳בין אַלט געוואָרן פופצן יאָר. איינמאָל אין אַ טריבן סעפּטעמבער-טאָג, האָב איך דערזען אַ גרויסע באַוועגונג אין הויף, אַ ווימלעניש פון ווערעם: דער אַרכאָנט האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין אויף אַ חודש צייט. ער האָט מיך גערופן צו זיך. פאַרן אַריינשטייגן אין זיין פאַרמאַכטע קאַרעטע, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן, אַרויספּציענדיק די הענטשקעס:

— זאָלסט זיך נישט דערוועגן צו אַנטלויפן, ווייל ס׳איז אַן אוממעגלעכע זאַך. חוצדעם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל דיך צו הרגענען.

— איך ווייס דערפון, האָב איך אים געענטפערט.

„און די פיר פערד האָבן זיך גערירט פון אָרט.

„די משרתים האָבן תיכף פאַרריסן די נעז און זיך אָנגעבלאָזן מיט זייער פוסטער גאווה, באַשטעטיקנדיק דעם שפּריכוואָרט: „בעת די קאַץ איז נישטאָ אין שטוב, טאַנצן די מייז אויפן טיש״. זיי האָבן געטאַנצט, געזויפט, געשיכורט. אַ קאַץ, איז אַפילו יאָ פאַרבליבן צו היטן די שטוב, — דעם הערשערס אַן עלטערער ברודער, — אָבער ס׳איז בלויז געווען אַ טשוטשעלע, אַן אָפּגעקראָכענער, פליכעוואַטער קאָטער, וואָס איז

געבליבן אָן כחות פון צופיל אַרומלויפן אויף פאַרשווונדענע דעכער.

„בעת דערדאָזיקער אָפּוועזנהייט פונם אַרכאַנט, האָט קאָסמאָ מיר דערלאַנגט די ערשטע סימנים פון לעבן. איינמאָל, נאָכמיטאָג, האָט זיך פאַרן גרויסן טויער אָפּגעשטעלט אַן אַל־טער טערק מיט אַ ווייסער באָרד, אַ הענדלער פון זיסקייטן און האָט פאָרגעלייגט זיין סחורה די אַלבאַנער, וועלכע האָבן זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן. ס'איז געווען חגא. די קנעכט האָבן געדרוט, יעדער איינער אין זיין ווינקל. איך האָב זיך געפונען לעבן פלויט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם אַרבעטס־הויף פון באַלעבאָס הויף. ס'האָט מיר אַ טיאָכע געטאָן אין האַרצן, בעת איך האָב דערהערט דעם הענדלער פון די זיס־קייטן שרייען: אַלוויטץ! אַלוויטץ! כ'בין אַרויפגעקראָכן אויפן פלויט און געקוקט. יאָ, כ'האָב מיך נישט טועה געווען; ס'איז טאַקי געווען דער אַלטער איבראַהים, די פישער פון די ראַ־קעס און אונדזער פאַרטרויונגס־מאַן. ער האָט מיך דערזען. ער האָט אויפגעהייבן אַ האַנט צו די ליפּן, אַלס סימן פון אויפריכטיקער פריינטשאַפט. דערנאָך האָט ער מיט אומגלויב־לעכער דרייסקייט זיך דורכגעלייגט אַ וועג צווישן די צוויי שורות פון די אַלבאַנער, וואָס האָבן זיך באַלעקט די פינגער.

— זאָגט נאָר, כ'בעט אייך, האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף טערקיש, פאַרוואָס טאַקע זאָל איך נישט צוטראָגן אַ שטיקל אַלוויטץ אָט דעם יינגל. ער מוז שוין האָבן אַ פולן מויל מיט גאַווער, בעת ער זעט, ווי איר עסט!

„און אונטער דער נאָז פון די דערשטוינטע אַלבאַנער, איז דער פאַרשטעלטער פאַרשוין מיט טריט פון אַ יינגן מענטשן, דורכגעלאָפן דעם פאַרק און האָט מיר דערלאַנגט אַ צוקערל, זאָגנדיק הויך אויפן קול:

— אָט האָסטו, טייערער, עס... כ'ווייס, אַז דו האָסט נישט קיין געלט צו באַצאָלן; כ'זאָג דיר אָבער אַז קומענדיקן פרילינג וועסטו עס באַשטימט האָבן!

— פון וואנען ווייסטו, אַז ער וועט האָבן געלט דעם קומענדיקן פרילינג? — האָט צו אים אַ זאָג געטאָן, מיט אַ דראָענדיקן קול, דער עלטסטער וועכטער, בעת יענער איז ווידער צוגעקומען צום טויער.

— הע! האָט איבראַהים געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקער מינע; פאַרוואָס זאָל איך דעם יינגל נישט פאַרשאַפן קיין פרייד, בעת ס׳קאָסט גאָרנישט! די פאַרשקלאַפטע האָבן דאָך אויך רעכט אויף האָפענונג.

„באַלד דערויף האָט ער אַרויפגעשטעלט אויפן קאָפּ דעם קויש מיט די זיסקייטן, שרייענדיק:

— אַלוויטק און האָפענונג פאַר די ביטערע מיילער!

„איך בין אַוועק צו זיך, צעחושט פון איבראַהימס ווערטער: דעם קומענדיקן פרילינג! מאַגישע ווערטער! דידאָזיקע ווערטער פלעגן טאָג און נאַכט פלאַמען פאַר מיינע אויגן ווי כשוף־פייערלעך פון דערלייזונג. אָבער וויאַזוי וועט מען מיך באַפרייען? צוועלף אַלבאַנער, וואָס פלעגן זיך בייטן אַלע זעקס שעה, זענען געשטאַנען אויף דער וואַך. זעכציק אַנדערע האָבן גערוט, פאַרבראַכט, אָדער געשלאָפן אין די צוויי קאָרידאָרן און נאָר געוואַרט אויף אַן אַלאַרם־סיגנאַל, פיקס און פאַרטיק אַרויסצוגלויפן מיט געווער אין דער האַנט. וויאַזוי וועט קאָסמאַ זיך איינשטעלן אָנצופאַלן אויף אַזאַ אַרמיי, מיט זיינע דרייסיק מענטשן?

„אין אַ חודש אַרום איז אָנגעקומען אַ ידיעה אין הויף אַריין, אַז דער אַרכאָנט, וועלכער האָט פאַרבראַכט אין סטאַמבול, וועט ערשט צוריקקומען סוף צווייטן חודש. סוף צווייטן חודש איז ער אָנגעפאָרן מיט גרויס טומל.

„דער טומל איז געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז נישט געקומען אַליין: אַ פרוי האָט אים באַגלייט.

„אַלע געדונגענע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות, פאַרמירנדיק אַ וואַנט צווישן דעם גרויסן טויער און דעם פּ ר י ד וו אָ ר. דער אַרכאָנט מיט זיין געליבטער זענען דורכגעגאַנגען דעם פייכטן טריבן פאַרק, מיט אַ שמייכל פון מלכים.

לכּבוד זיי האָבן זיבעציק פּיסטאָלעטן צען מאָל נאָכאַנאַנד אי־בערגעהזרט זייערע סאַלוועס, שפּייענדיק דאָס אומשולדיק פייער אין פאַרחושכטן האַרבסט-הימל. מיר האָבן זיך געפּונען הינ־טערן פּלויט, מיר, לאַסט-חיות. מיר האָבן געלויערט, די אוי־ערן אָנגעשפּיצט, די אויגן צוגעפּעסטיקט אויף די שפּאַלטן אין די ברעטער, אָבער זען האָט מען גאָרנישט געקענט.

„אויף צומאָרגנס האָט מען איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, אַז די געליבטע פון אונדזער האַר איז אַזוי שיין, ווי איינע פון יענע דריי הונדערט „קאַדאַנאַס", וואָס געפי־נען זיך אינם סולטאַנס האַרעם. נאָכדעם זענען אַוועק דריי טעג פון פולשטענדיקער שטילקייט. דער פערטער איז געווען אַ קאַלטער, זוניקער נאָוועמבער-טאָג. ס'איז אַרויס אַ באַפעל, מיר זאָלן זיך גוט אַרומוואַשן, אָנטאָן זיך אין די יום-טובדיקע מלבושים און זיך צונויפזאַמלען אַלע, פון קליין ביז גרויס, אויפן ערן-הויף. מיטאַגצייט זענען מיר שוין דאָרט אַלע גע־ווען. שטילקייט און שרעק האָט געהערשט אַרום מיר. חוץ אונדזער מחנה: די אַלבאַנישע שמירה.

„עפּעס אַ משרת עפנט אויף צוויי האַלבע טירן. שטראַלנדיק פון גליק, באַווייזט זיך דער אַרכאָנט מיט זיין געליבטער אונטערן אָרעם. זייביידע זענען צוגעקומען צו די פּאַרענטשעס פון פּ ר י ד וו אָ ר, פונוואַנען מ'זעט דעם גאַנצן הויף. ער טראָגט אַ מאַנטל פון הימל-קאָליר, אַרומגע־זוימט מיט גאָלדענע פעדעם ביי די אַרבל און ביי די פּאָלעס. זי — אַ מאַנטל פון גאָרנאָסטאַי, און איבערן שטערן אַ באַנד פון דימענטן. די האָר, די ברעמען, די לעפלעך, די שוואַר־צאַפּלען פון אירע גרויסע אויגן זענען שוואַרץ ווי עבן-האָלץ. די הויט ברוין און מאַט.

„דער אַרכאָנט האָט צו אונדז גערעדט אויף זייער אַ שלעכטן רומעניש:

— די שיינע פּרינצעסין, וואָס איר זעט אונטער מיין אָרעם, איז איצט מיין כּלה, אין פופצן טעג אַרום מיין ווייב, און פייערע הערשערין פון היינטיקן טאָג אָן. איר הויכקייט איז

פון אייער לאַנד; איר נאָמען איז פלאָריטשיצאַ *). לעבן איר הויכקייט וועל איך פאַרגעסן מיין נאַציע און ליב האָבן איר נאַציע. איך וועל ווערן אַ רומענער. איך גיב אייך דריי טעג פריי: רוט זיך אויס, עסט גוט און טרינקט וויין פאַר איר געזונט!

די לופט איז פלוצלונג אָנגעפילט געוואָרן מיט קלאַנגען פון הייזעריקע, פאַרגרעבטע קולות: זאָל לעבן איר הויכקייט!" „זייט גליקלעך!" „מיר וועלן בעטן גאָט פאַר אייער געזונט!"

„עטלעכע האָבן זיך געוואָרפן מיטן פנים צו דער ערד און האָבן געקושט די שטויב לעבן די פיס פון די הערשער. אַנדערע האָבן געוויינט פאַר פרייד. און די סטאַדע איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, יעדער צו זיין קאָריטע, ווו ס'האָט זיך געפונען אַ בעסער ביסל עסן; יעדן איינעם האָט מען מכבד געווען מיט אַ פערטל פאַרשטונקענעם שנאַפּס און מיט אַ טעפּל פאַסקודנעם וויין. פון דעם אַלעם האָט בלויז די רו געהאַט אַ ווערט; אָבער געגעסן דערפון האָט דער אַרכאָנט מער פון זיינע משרתים. ווייל דריי טעג נאָכאַנאַנד האָבן די קנעכט גע-האַלטן אין איין רעדן וועגן דער גוטסקייט פון זייער האַר, און געבעטן גאָט פאַר אים.

*

*

„אויפן צווייטן טאָג נאָכן דאָזיקן פריצישן חסד, גאַנץ שפּעט אינאָוונט, איז אַ דינער מיר געקומען זאָגן, אַז זיין האַר רופט מיך.

אין אַ קליין, נידריק חדרל, ווו די פאָדלאָגע און די ווענט זענען אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט רומענישע טעפּיכער, האָט דער אַרכאָנט און זיין פלאָריטשיצאַ געערוט נאָכן עסן, אויסגעצויגן אויף צוויי גרויסע בערישע פעלן, מיט קליינע קי-שעלעך פון רויטן זייד צוקאָפּנס. פיר וואַקסענע ליכט האָבן

---

*) אויף רומעניש: אַ קליין בלימעלע.

שטיל געבערענט אין אַ זילבערנעם לייכטער, צונויפגיסנדיק זייער האָניק־ריח מיט די ריחות פון טערקישער קאַווע און אָריענטאַלישן טאַבאַק. אַ גרויסע דאָרפישע „סאַבאַ” האָט פונ־דרויסן געוואַרעמט דאָס צימער. אומעטום זענען געווען אָנגע־וואָרפן קישנס און טאַבורעטן.

„מ׳האָט מיך אויפגענומען ווי אַ פרייען מענטשן. דאָס גליקלעכע פּאָרל האָט גראָד אויפגעהערט צו רויכערן די נאַר־גילן, און בעת איך בין אַריינגעקומען, האָבן זיי מיך באַגריסט כמעט מיט איין קול:

— אַ גוטן אָוונט, ירמיהו.

„פלאָריטשיצאַ האָט גערעדט מיט אַן אויסגעצייכנטן גריכיש.

„כ׳בין נתפעל געוואָרן פון איר שיינקייט. דאָס איז גע־ווען אַ פריילינג־בלימעלע אין פולער בליונג. איר קערפּער, גראַציעז איינגעהילט אין אַ קאַשמירענעם שלאָפראָק פון אָ־ראַנזש קאָליר, האָט אַרויסגעוויזן איר אויסגעטאָקט קנעכל. איר גאַנצער קערפּער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון הילפלאָ־זיקייט, אָבער גלייכצייטיק פול מיט חשיבות. איר לענגלעך פנים האָט נישט געהאַט אויף זיך קיין סימן פון פאַרבן, די האָר זענען געווען פאַרקעמט אויף הינטן, אָן שום קונצן. זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַן אויסטערלישן בליק, גלייך זי וואָלט געווען געריררט. דער דורכדרינגלעכער בליק פון אירע ברייט־אָפענע אויגן, האָט מיך צעטומלט.

— ירמיהו, האָט זיך אָנגערופן דער אַרכאָנט, דו האָסט גליק: מיין כלה וויל וויסן די געשיכטע פון דיין לעבן. זי וואָלט געוואָלט וויסן, צי דו האָסט געקענט דיין מוטער. ענט־פער איר און זיי העפלעך.

— כ׳בין אַ זון פונם וואַלד... כ׳ווייס נישט ווער מיין מאַמע איז, און ווער מיין טאַטע... קאָסמאַ האָט מיך אויפגע־האָדעוועט.

„ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פלאָריטשיצאַן האָט זיך עפּעס געשטעלט אין האַלדז. זי האָט מיך אַ פרעג געטאָן מיט אַ ציטערנדיק קול, אָבער פול מיט צאַרטקייט און האַרמאָניע

— אפשר ווייסטו, ירמיהו, ווער ס'האָט דיך אַוועקגעגעבן צו קאָסמאַן ?

— כ'ווייס נישט. ער האָט מיך געפונען אין וואַלד, אין עלטער פון צוויי יאָר. ער האָט מיך אַריינגעלייגט אין זיין טאָרבע און מיך דערנערט מיט זאַפט פון פלייש.

„ביי דעמדאָזיקן ענטפער מיינעם איז פאָרגעקומען אַ מאָדנע זאַך. פלאָריטשיצאַ האָט זיך איבערגעדרייט אויפן בויך, מ'ט איין באַוועגונג פון איר צאַרטן קערפּער איינגעגראָבן דאָס פנים אין די קישנס און זיך צעוויינט אויפן קול. דער אַרכאָנט איז גערירט געוואָרן פון דערדאָזיקער סצענע. ס'איז אים געווען נישט אָנגענעם די גאַנצע מעשה.

— וואָס איז מיט דיר, מיין טייערע ? פאַרוואָס וויינסטו ?

„און אויסדרייענדיק זיך צו מיר :

— קענסט שוין גיין.

„אין צוויי טעג אַרום, אין דערזעלבער צייט, האָט מען מיך ווידער אַמאָל גערופן אינם זעלבן צימער.

„פלאָריטשיצאַ איז געווען עטוואָס בלאַס און האָט צו מיר גוטמוטיק געשמייכלט. דער אַרכאָנט, אַ צופרידענער, האָט אַרומשפּאַצירט איבערן צימער, האַלטנדיק די הענט אין די קע־שענעס פון אַ ברייטער קורטקע. ער האָט צו מיר געזאָגט :

— הער זיך איין, ירמיהו : מיין כלה וויל פון דיר מאַכן איר פערזענלעכן דינער, און זאָלסט נאָר זי אַליין באַדינען.

— יאָ, ירמיהו, האָט זי זיך אָנגערופן, ליבלעך, אָבער מיט אַן ערנסט קול ; ווילסט מיך באַדינען ?

— מאַדאַם, האָב איך אָפּגעענטפערט, אַן אויפגערעגטער, כ'האָב שוין לאַנג געענטפערט דעם אַרכאָנט, אַז כ'וויל בע־סער שטאַרבן, איידער ווערן אַ משרת ביי וועמען ס'זאָל נישט זיין.

— אָבער כ'וועל דיך באַהאַנדלען, ווי מ'דאַרף באַהאַנ־דלען אַ קינד... פונם וואַלד, — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיסער שטימע.

— כ'לאָך זי[illegible]ס פון אייער אויפזיכט, און אויב איר

ווילט, קען איך אייך זאָגן דעם אמת, אַז כ׳האָב אייך פיינט. איר זענט מיינע שונאים.

„דער אַרכאַנט האָט זיך געוואָלט אַריינמישן; זי האָט אים נישט געלאָזט און אַ פרעג געטאָן:

— איך בין אויך דיין שונא, ירמיהו?

— א, דו אויך, דו ביסט די פרוי פון יענע, וואָס ווילן אויסהרגענען די פרייע מענטשן. מיט וועלכער רעכט האָלט מען מיך פאַרשלאָסן אין אַ משך פון איבער צוויי יאָר צייט, בעת איך וויל זיין ערגעץ אַנדערש מיט קאָסמאַן?

„זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אויף איר האַנט. דער אַרכאַנט האָט אויסגעשריגן:

— כ׳וויל קיינעם נישט הרגענען; אָבער ער מיט זיין באַנדע זענען פּשוטע גזלנים!

— דו רופסט אָן גזלנים די מענטשן, וואָס ווילן נישט זיין דיינע משרתים! דו מיינסט מסתם, אַז די ערד איז באַשאַפן געוואָרן, כּדי דיר אַליין צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן!

„ער האָט זיך געווענדעט צו זיין געליבטער:

— כ׳האָב דיר דאָך געזאָגט, טייערע, אַז מ׳קען גאָרנישט מאַכן מיט דעמדאָזיקן עקשן!

„מ׳האָט מיך אָפּגעלאָזט. און דאָס איז געווען דער לעצטער פּרווו פונם אַרכאַנט צו מאַכן פון מיר אַ משרת.

„אַ שווערער ווינטער... אַ פראָסט... די ביימער, די אַלטאַנעס אין פּאַרק האָבן זיך געבויגן אונטער דער משא פון אייז און שניי. דער הויף איז געווען פאַרזונקען אין אומעט; אָבער נישט בלויז די האַרבקייט פון סעזאָן האָט גורם געווען דידאָזיקע אומעט. די געטרייע דינער פונם אַרכאַנט האָבן אונדז בסוד איבערגעגעבן, אַז דאָס אינטימע לעבן פון אונדזער אדון איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום: פלאָרישיצאַ ציט ביי אים איינציקע אָדערן און ס׳איז נישטאָ דער טאָג מ׳זאָל זיך נישט קריגן. דערמיט דערקלערט

זיך דאָס אָפּלייגן פון די חתונה-פייערונגען, אויף וועלכע אַלע האָבן געוואַרט.

„איינמאָל, אָווגוסטייט, בין איך געזעסן אין מיין קאָליבא, וואָס דער שרעקלעכער ווינט האָט אויפגעטרייסלט, און באַטראַכט מיט אַ געפיל פון ליידנשאַפטלעכן יאוש דאָס פייער פון די צווייגן. כ'האָב שוין געטראַכט אין יענער צייט, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, און געקוקט אויפן לעבן מיט אָפענע אויגן, פונקט ווי אַלע געשעעענישן וואָלטן אויף מיר קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט.

„כ'האָב אָנגעצילט מיין בליק אויף די טאַנצנדיקע פלאַמען און בשעת מעשה זיך קאַלטבלוטיק פאַרטראַכט איבער מיין מצב. ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אז כ'בין געקומען אויף דער וועלט אַ דאַנק דעם צופעליקן תענוג פון קאָסמאַן, א פועל-יוצא פון איין תענוג צווישן טויזנטער. און ס'האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ שנאה צו קאָסמאַן. ס'האָט מיר איצט געגנוג געזונט געקאָסט, וואָס איך ווער פאַרשוואַרצט צווישן דידאָזיקע חיות, בלויז דערפאַר, ווייל קאָסמאַן האָט זיך פאַרוואָלט אָנפאַלן אויף דער „פּאַטערא״, בעת ס'וואָלט דעמאָלט אַ סך גלייכער געווען צו פאָלגן עליען, וועלכער האָט פאַרגעלייגט צו באַהאַלטן די קאָנטראַבאַנדע און מאכן פליטה דורך די בלאָטעס. דאָס האָט אַרויסגערופן אין מיר אַ שנאה צו קאָסמאַן. חוצדעם האָט מיך איצט געמאַטערט אַן ערגערער געפיל: ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז קאָסמאַן גייט קנאַפּ אָן, וואָס איך בין געפאַנגען, פירט זיך ווייטער זיין פריי און לוסטיק לעבן, זאָרגט זיך קנאַפּ וועגן יענעמס גורל, נעמט פאַר זיך צו אַלץ, וואָס ס'פאַרווילט זיך אים און לאַכט זיך אויס פון זיך אַליין פונקט ווי פון יענע, וואָס ער צעקוועטשט אַרום זיך. דאַמאָלס בין איך געווען אויפגעבראַכט אויף קאָסמאַן, ווי אויף מיין ערגסטן שונא.

„אַ ביטערער עקל האָט מיר אָנגעהייבן צו דריקן אין האַלדז. דאָס לעבן האָט פאַר מיר נישט געהאַט מער קיין זין. תפיסה אָדער פרייער וואַלד, תענוג אָדער פיין האָבן ביי מיר

אויסגעזען ווי זאַכן, וואָס זענען אין דערזעלבער מדרגה נאַריש.

„דאָס פייער פון די צווייגן איז ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען, פונקט ווי מיין חשק צו לעבן. אין דערזעלבער רגע האָט זיך די טיר פון מיין „קאָליבאַ”, אויפגעעפנט און פלאָריטשיצאַ האָט זיך באַוויזן.

„זי איז געווען איינגעהילט אין אַ לאַנגן פוקסן-”שובאַ”, דער קאָלנער אויפגעהייבן אויף אַ שאַל, וואָס האָט איר באַדעקט דעם קאָפּ. איר פנים האָט אויסגעזען, ווי אַ בילד פון אַ דרומדיקער מאַדאָנע. אירע בלאַסע אויגן-ראַמען און די ליידן, אויף וואָס אירע שטריכן האָבן עדות געזאָגט, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

„זי האָט אָפּגעטרייסלט דעם שניי און אַנידערגעפאַלן אויפן ברעג פון מיין געלעגער... כ׳האָב איר תיכף דערלאַנגט אַ בענקל... זי האָט געשוויגן, פונקט ווי כ׳וואָלט גאָרנישט געזאָגט, און מיך באַטראַכט... כ׳האָב זי אָנגעקוקט... לאַנג האָבן מיר זיך איינער דעם צווייטן באַטראַכט... דערנאָך האָב איך זיך צו איר אויסגעדרייט מיטן רוקן און נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר אָנוועזנהייט... כ׳האָב זי פאַרגעסן... וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ שיינע דרומדיקע מאַדאָנע אין אַ פוקסן-„שובאַ”, ווען מ׳איז אַלט פופצן יאָר און ווען דאָס לעבן אין תפיסה איז פאַרמיאוסט?

„פלוצלונג האָבן צוויי צאַרטע הענט, צאַרטער פון סאַמעט, זיך צוגערירט צו מיינע באַקן. פלאָריטשיצאַ האָט אָנגעהייבן צו רעדן מיט ווערטער, באַאיינפלוסט דורך גאָט, מיט אַ קול, גלייך ער וואָלט אַראָפּ פון הימל:

—קינד פון וואַלד!... קינד פון ליבע!... דו ביסט די פרוכט פון אילוזיע. דו ביסט שיין, דו ביסט קלוג, דו ביסט שטאָלץ און דו ווילסט בעסער שטאַרבן, איידער זיין אַ קנעכט. דו וואַלגערסט זיך אין אַ „קאָליבאַ”, אַרומגערינגלט מיט הויכע מויערן, בעת דו האָסט דאָס רעכט צו וווינען אין אַן אומפאַרצוימטן פּאַלאַץ, וואָס הויכע דעמבעס

בויען אויס אויף בערג... דיינע אויגן זענען אָנגעצילט אויף אַן אָרים פייערל פון נישטיקע צווייגלעך, בעת זיי האָבן גאָר געדאַרפט באַטראַכטן אַ שריפה אין וועלדער... און פון הויכקייטן, ווו אָדלערן שוועבן אַרום, ביסטו אַראָפּגעפאַלן אין אַ שטאַל אַריין... אָבער אפשר דאַרף אַזוי זיין: די קינדער קומען אָפּט אָפּ פאַר די חטאים פון זייערע עלטערן.

— ווער ביסטו, כשוף-מאַכערין, וועלכע גלויבט, אַז קינדער דאַרפן אָפּקומען פאַר די חטאים פון זייערע עלטערן?

— איך בין די, וואָס האָט געזוכט דאָס פ ו ל ע ג ל י ק, וואָס האָט געוואָלט טרוימען, מיט אָפענע אויגן צו דער זון, און וועלכע האָט זיך אָפּגעברענט דערפאַר די אויגן!

„אַ שמעקעדיקער ריח האָט אַ גלעט געטאָן מיין פּנים, ברענענדיקע ליפּן האָבן געקושט מיין שטערן, און פלאָריטשיצאַ איז פאַרשווונדן געוואָרן, פונקט ווי זי איז געקומען.

„מיין פייער האָט זיך אויסגעלאָשן... אין דער „קאָליבאַ" איז פינסטער געוואָרן.

*

*

„סוף מערץ... אַ שיינער טאָג... ס'ווילט זיך ליגן אויסגעצויגן אויף דער פרייער לופט, גענעצן און צוהערן זיך צום זינגען פון אַ זשאַוואָראָנעקל. ס'זענען אָבער נישט געווען קיין זשאַוואָראָנעקלעך אויפן אַרכאָנטס הויף. אָנהייבנדיק פון די קליינע שרצימלעך, וואָס קריכן אַרום אויף דער ערד, פון די שקלאַפן, פערד, און אַלבאַנער, וואָס פלעגן פאַרצן צוזאַמען אין אַקאָמפּאַנימעט, אָדער באַזונדער, איינער נאָכן צווייטן, ביזן אַרכאָנט און זיין פלאָריטשיצאַ, — אַלע האָבן געפילט די באַדערפעניש אַרויסצוקריכן פון זייערע לעכער און אַרומשלעפּן זיך אינדרויסן. דער אַרכאָנט אַליין פלעגט זיך קיין סך נישט באַוועגן. נאָך אַ זאַפטיקן מאָלצייט פלעגט ער זיך אויסציען אויף אַ טאַפּטשאַן, אויף דער פרייער לופט אינם

„פרידוואָר” און פאַרדייען דאָס עסן, אַרויסלאָזנדיק כסדר פאַרישידענע מינים ריחות, ווי אַ חזיר, וואָס האָט זיך אָנגעפּרעסן מיט קוקורוזע. זיינע האַלב-צוגעמאַכטע אויגן זענען געווען אָנגעצילט אויפן גרויסן טויער אין הויף, וואָס איז געווען צעפּראַלט און באַוואַכט דורך זיינע באַוואָפנטע רייזן. פלאָריטשיצאַ פלעגט אַרומזוימען נאָז-טיכלעך און איך, לעבן איר, פלעג האַלטן אין איין רעדן וועגן בערג, טאָלן, וועלדער און וועגן די אַלע זאַכן וואָס גיבן צו אַ חשק צו לעבן. ווייל כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אָנשטאָט פאַרפרוירן צו ווערן אין מיין „קאָליבאַ” איז אַ סך בעסער צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון אַן אַרכאָנטס אַ געליבטע און שלאָפן אין אַ פּאַלאַץ. יאָ, כ׳האָב נאָכגעגעבן: מ׳גיט שטענדיק נאָך, ווען מ׳רייבט צופיל דעם רוקן מיט אַן אייזערן בערשטל.

„אָבער כ׳האָב קיינעם נישט באַדינט. כ׳האָב געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ קליינעם אַרכאָנט, אייף צו להכעיס די אַלבאַנער און צו דער שטוינונג פון די קנעכט.

„דער אַרכאָנט פלעגט מיט פאַרגעניגן אויסהערן מיין פּלאַפּלעריי. ער האָט זיך בכלל גוט באַצויגן צו מיר.

— זאָג מיר, ירמיהו, קאָסמאַ האָט טאַקע גאָר קיין מורא נישט פאַר מיין פּאָ ט ע ר אַ ?

— ער לאַכט זיך אויס פון דיין פּאָטעראַ.

— אָבער היינט, מאָרגן וועט מען אים דאָך פּאַקן, און דאַמאָלס וועט דער שרעקלעכער קאָסמאַ דאַרפן אויסקלייבן: די תליה, אָדער ביי מיר אַ קנעכט.

— ער וועט ביי דיר נישט דינען: די תליה וועט אים בעסער שמעקן.

— ס׳אַראַ פאַרשאָלטענער יונג! איז דען, באמת, אַזוי שווער צו באַדינען אַזאַ באַלעבאָס ווי איך? כ׳וועל זיך מיט אים באַגיין ווי מיט אַ פרייען מענטשן, אבי צו האָבן קאָסמאַן אויף מיין הויף!

— אַרכאָנט, פרייע מענטשן האָבן נישט קיין באַלעבאַטים איבער זיך, און באַלעבאַטים קענען נישט האָבן קיין פרייע

פּאַנאַיט איסטראַטי

מענטשן בייזיך אין הויף. דאָס איז פּונקט אַזוי אוממעגלעך, זיי וועלן אַריינטאָן אַן אַרבוז אין אַ פלאַש.
— אויב אַזוי וועל איך אים אויפהענגען!
— אויב דו וועסט אים נאָר פּאַקן...

„אַ פאַרע האָט געזעצט פון דער פייכטער ערד, וואָס די זון האָט געבאַקט. אויף דער שוועל פונם טויער האָבן זיך באַוויזן צוויי מענטשן. דאָס זענען געווען צוויי מאָנאַכן פון ירושלים אָדער פון מאָנט-אַטאָס, וואָס פלעגן זיך אַרומשלעפּן אין זייער אַ גרויסער צאָל איבערן לאַנד און שנאָרן פאַר זייערע קלויסטערס. זיי זענען געווען הויך, פעסט, ווי די אַלבאַנער; זייערע בערד און די האָר פונם קאָפּ לאַנג און געל, די פנימער בראָנז-קאָליר, די סוטאַנעס ברוין און אָפּגעריסן, די שיך פאַרבלאָטיקט. זיי האָבן געטראָגן אָנגעפּאַקטע טאָרבעס. איינער פון זיי האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם אַן אייזערן קעסטל, פאַרקלאַפּט און פאַרחתמעט, וווהין מען האָט געוואָרפן דאָס געלט, דער צווייטער, דער העכערער, האָט געטראָגן אַ בוך, וווּ מען האָט פאַרשריבן די נעמען פון די מנדבים מיט קריסטלעכע הערצער. ווי נאָר זיי האָבן דערזען דעם אַרכאָנט אויפן פּרידוואָר האָט דער הויכער מאָנאַך אָנגעהייבן צו שרייען צו אים אויף גריכיש מיט אַ מעכטיקער שטימע. דערהערנדיק זיין קול איז פלאָריטשיצאַ בלאַס געוואָרן. כ׳האָב תיכּף דערקענט קאָסמאַן און עליען.

— געבענטשט זאָל זיין דער אַרכאָנט סאַמוראַקיס, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין ווילטעטיקייט! זאָל אויך זיין געבענטשט זיין איידעלע ווייב, די גרעסטע צנועה אין רומעניע! מיר, הכנעהדיקע באַדינער פון גאָט, וואָס פאַרברענגען אונדזער גאַנץ לעבן אין תעניתים און תפילות צו גאָט, געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען, און פאַר דער מנוחה פון די זינדיקע נשמות, קומען מיר איצט בעטן דעם גרויסן אַרכאָנט, ער זאָל אונדז מיט זיין גנאד דערלויבן צו קושן די

אַלעס פון זיין בגד. ווייל מיר ווייסן גוט, אַז יעדער נאַרך׳ האָט ווענדעט זיך צו אים נאָך הילף, וועט קיינמאָל נישט אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט!״

„די וועכטער, צוגעווינט צו די אָפטע באַזוכן פון די־דאָזיקע מאָנאַכן, זענען גלייכגילטיק געבליבן שטיין ביים טויער. זיי האָבן בלויז געשטוינט איבער דער ריזיקער פיגור פונם רעד־נער. דער אַרכאָנט האָט זיך אַ צעפרידענער אויפגעהייבן און גע־זאָגט מיט אַ שמייכל אויפן פנים:

— זייט באַגריסט, חשובע „קאַלאָגעריס״! קומט אַהער באַנעטער.

„מיט אַ צביעותקייט, אויף וועלכער כ׳האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, זיי זאָלן זיין פעיק, זענען קאָסמאַ און עליע צוגעפאַלן צו די פיס פונם אַרכאָנט. כ׳האָב זיי באַטראַכט פון דער נאָענט: מ׳האָט זיי בשום אופן נישט געקענט דערקענען. קאָסמאַ האָט צו מיר אַ ווונק געטאָן מיט די אויגן, אָפּגעווישט די וואָנסעס און ווידער געזעדט:

— כ׳בעט הכנעהדיק מחילה ביי אייערן ליבן זון, וואָס כ׳האָב זיך פאַרגעסן אים צו באַגריסן; זאָל ער אויך זיין גליקלעך און זאָל אים גאָט אַריינגעבן זיין טאַטנס חכמה, לאַנ־גע יאָרן און יורשים, וועלכע זאָלן דורות לאַנג פאַראייביקן דעם נאָמען פון די סאַמוראַקיס.

— אַ דאַנק אייך, ווילע לייט, פאַר אייערע ברכות! אין משך פון דריי טעג זייט מיינע חשובע געסט; איר וועט באַ־קומען אַן אַנשטענדיק אָרט און האָבן גוטע באַדינגונגען. פאַר וועלכן קלויסטער זאַמלט איר געלט!

— פאַרן קלויסטער פון הייליקן געראַסים און מאָנט־אַטאָס, — האָט געענטפערט קאָסמאַ, — איינשלינגענדיק מיט די אויגן פלאָריטשיצאַן, וועלכע האָט אָפּגעקירעוועט איר בליק, ווי פון דער זון.

— ס׳קומט אויס זייער אויסטערליש, האָט זיך צעלאַכט דער אַרכאָנט. כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע מאָ־נאַכן ווי איר. קוקנדיק אויף אייך וועט קיינער נישט זאָגן׳

אַז איר פאַרברענגט אייער לעבן אין תפילה און תעניתים ; אדרבה, מ׳קען גיכער מיינען, אַז איר שלינגט איין גאַנצע אָקסן, און טרינקט אויס גאַנצע טייכן ווייַן !

— דער הייליקער גייסט, וואָס מיר טראָגן אין זיך, איז אונדזער בעסטער מאַכל, אַרכאַנט !

— אַן אמתער נס ! כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז דער הייליקער גייסט קען אַזוי דיך מאַכן. אויב אַזוי, טאָ צו וואָס נוצט אייך דאָס געלט !

— אָ, אַרכאָנט ! — האָט קאָסמאַ אויסגעשריגן. דאָס געלט גייט אויף בויען קלויסטערס פאַר זיין הייליקן נאָמען און זיי אויפהאַלטן, דאָס גייט אויף אייל און בוימל פאַר די איקאָנע-לעמפּלעך, אויף וואַקסענע ליכט, אויף קטורת און אויף מלבושים, באַפּוצט מיט גאָלד, פאַר די קדושים פון קלויסטער, — אָט אַזויפיל הייליקע זאַכן, זענען אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער מנוחה פון אונדזער נשמה !

— אַלזאָ, איך בין מנדב פאַר דער מנוחה פון אונדזער נשמה פיר אימפּעריאַלן, אין דוקאַטן.

„און ער האָט אַריינגעוואָרפן די גאָלדענע מטבעות אינם לעכל פונם קעסטל, וואָס עליע האָט געהאַלטן. נאָכדעם האָט ער גענומען דאָס בוך און אַריינגעשריבן זיין נאָמען.

— אַזוי גאָר ! — האָט ער אויסגערופן, איבערלייענענ-דיק די חתימות פון די מנדבים ; איר זענט געווען ביי קאַרק-סעדאַר מאַווראָמיקאַליס און ביים אַרכאָנט קוטזאַרידאַ, און יעדער פון זיי האָט אייך בלויז געגעבן צען גילדן ? ווי קאַרג זיי זענען !

— אמת, מילדער אַרכאַנט ! יעדער קויפט זיך אינם הימל דעם פּלאַץ, וואָס איז פּאַסיק פאַר אים !

— זייערע פּלעצער וועלן נישט זיין גאָר פון די בעס-טע !

— אמן ! נאָר אייער נאָמען וועט זיין אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות אויפן מירמלשטיין פונם מזבח אין אונ-דזער קלויסטער. איבער וועלכן ס׳הענגט דאָס בילד פונם

הייליקן גראַס-ל, ווטעמענס מלבושים זענען באַפּוצט מיט צוויי-אונצוואָנציק דוקאַטן גאָלד און וועגן דרייסיק קילאָ. און כדי אייך איבערצוצייגן אין אונדזער דאַנקבאַרקייט, וועל איך האַלטן אַ קיריאַקאָדראָמיאָן *)

„קאָסמאַ איז אָפּגעטרעטן צוריק אויף דריי טריט — די ברוסטן פּאָרויס, די באָרד און סוטאַנע צעפּלוישט אויף אַלע זייטן, אין די אויגן אַ פלאַם פייער,—און אָנגעהייבן אויפן קול:

— איינמאָל לעבט דער מענטש אויף דער ערד! און די ערד געהערט צו אונדז! פאַר אונדזערטוועגן האָט זי גאָט באַשאַפן! פאַר אונדז איז די פרוכט פונם בוים און זיין שאָטן! פאַר אונדז איז דער שטראַל פון דער זון, די זאַפט פון ווייַנטרויבן און דאָס פלייש פון אַ לעמעלע. פאַר אונדז איז דער יעגלינג-וואַלד און די קרעפּטיקע טשאַבאַניצעס, מיט ברוסטן, שטייונע פון ווינט, מיט אַ דרייסטן בליק און מיט אומבאַגרענצטער תאווה. פאַר אונדז איז אַלץ, וואָס באַווייזט זיך נאָר פאַר די אויגן, און פון אַלץ דאַרף מען געניסן. גאָט וויל אַזוי, און דער מענטש פילט אין דעם אַ באַדערפעניש. אָבער אַ ביטערן סוף וועט האָבן דער, וואָס נעמט פאַר זיך מער, וויפל ער קען צעבייסן מיט זיינע צוויי שורות ציין! ס'וועט אויספעלן פאַר אַנדערע, און גאָט וועט זיין אין כעס. און דער אַלמעכטיקער וועט דעמאָלט אָנשיקן אַ מגפה אויף די פּאַלאַצן מיט קרישטאָלענע ווענט; ער וועט אַרויסלאָזן די געפאַנגענע פון די פעסטונגען, וועלכע וועלן אונטערצינדן די בליענדע שטעט און אינמיטן דער נאַכט וועט ער אַרייַנ-שיקן באַרג-באַנדיטן אינם שלאָף-צימער פון פריצים, וועלכע זענען באַוואַכט דורך משרתים, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס!...

— גענוג! — האָט אויסגערופן דער אַרכאָנט, אויפ-הייבנדיק זיך. דערדאָזיקער „קיריאַקאָדראָמיאָן” געפעלט מיר נישט!

---

*) אין גריכיש: אַ זונטיקדיקע דרשה.

„און ווענדנדיק זיך צו מיר:

— גיי ירמיהו, פיר אַוועק דידאָזיקע קאַלאָגעריס אין קאַזאַרמע! זאָלן זיי בעסער תּפלה טאָן איבער מיינע כּלי־זין, זיי זאָלן שטענדיק אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער די באַנדיטן!

„כ'האָב זיך אַראָפּגעלאָזט פון די שטיגן, באַגלייט דורך די צוויי מאָנאַכן, מיט די טאָרבעס אויפן רוקן. אַלבאַנער זע־נען אונדז נאָכגעגאַנגען. און ווי נאָר מען איז אַריינגעקומען אין דער קאַזאַרמע, האָט מען אָנגעהייבן צו פאַרוואַרפן די מאָנאַכן מיט שאלות:

— האָט איר אפשר הייליקע זאַכן פון מאָנט־אַטאָס? טאַ־ליסמאַנען? קמיעות, וואָס ברענגען גליק?

— מיר האָבן אַלץ, האָט אָפּגעענטפערט קאָסמאַ, ניש־טערנדיק אין די טאָרבעס. אָט האָט איר דעם בוימל, וואָס האָט געברענט אינם לעמפעלע פונם הייליקן גערַאַסים, און וואָס היילט אויס אַלע מחלות, ווי נאָר מען שמירט מיט אים אָן דאָס קראַנקע אָרט... אָט זענען קרעלן, וואָס מען האָט געפונען אין בייכער פון פיש: זיי וועקן אויף די ליבע ביי יעדער פרוי, וואָס טראָגט זיי אויף איר ברוסט. דאָס איז אַ הייליק שטיקל האָלץ, וואָס מ'האָט אָפּגעהאַקט פונם צלם, אויף וועלכן אונדזער האַר האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. דאָס איז דער בעסטער טאַליסמאַן קעגן קוילן פון באַנדיטן. חוצדעם פאַרמאָג איך צלמים פון פערלמוטער, פון העלפאַנדביין און פון...

— גיט אונדז! גיט אונדז בוימל, הייליקן האָלץ, קרעלן צלמים פון מאָנט־אַטאָס!

מיט געלט אין דער האַנט האָט זיך יעדער פון דער דינער־שאַפט געאיילט עפּעס צו קויפן. און קאָסמאַ האָט זיי מיט אַ ברייטער האַנט איינגעטיילט די נאַרישע סגולות.

„דער מאָלצייט פון יענעם אָוונט אין קאַזאַרמע האָב איך געהאַט צו געדענקען. קאָסמאַס פּרעסטיזש, וועלכער איז געווען

גענוג דערהייבן, אַ דאַנק דער האַרציקער אויפנאַמע פונם אַר־כאָנט, האָט שפּעטער מער אויסגענומען ביי די אַלבאַנער מיט זיין אויסטערלישער התלהבות. מיט זיינע פריילעכע מעשיות פון מאנט־אטאס, און אפילו מיט שפּאַסן, וואָס האָבן געהאַט אַ קנאַפּע שייכות מיט גייסטלעכקייט. צום ערשטן מאָל האָבן דע־מאָלט די אַלבאַנער אַוועקגעוואָרפן זייער שמוציקן פּרצוף און געוואָרן מער מענטשלעך. זיי האָבן זיך פּשוט געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער.

„מען האָט דערלאַנגט איין מאַכל נאָכן צווייטן. ווײַן האָט זיך געגאָסן ווי טייכן. בעת די פריילעכקייט האָט שוין דער־גרייכט די העכסטע מדרגה, איז קאָסמאַ מיטמאַמאָל געוואָרן ערנסט און זיך אָנגערופן:

— קינדער מיינע! איידער מיר וועלן ווייטער עפּעס אָנהייבן צו טאָן, האַלט איך פאַר מיין חוב אייך צו דערמאָ־נען, אַז אייער האַר האָט מיך געבעטן תפלה צו טאָן פאַרן נצחון פון אייער געווער איבער די באַנדיטן. דערצו מוזט איר אַרויסטראָגן אייער גאַנץ כּלי־זין און עס אַנידערלייגן אין שטויסן אונטער די פענסטער פונם אַרכאָנט, און ווי נאָר די לבנה וועט זיך באַווייזן אויפן הימל, וועל איך דאָרטן געבן מיין ברכה. לאָמיר צוערשט זיך באַפרייען פון דערדאָזיקער לאַסט, לאָמיר אַרויסטראָגן דאָס געווער. דערנאָך ערשט וועל איך אייך געבן צו פאַרזוכן מיין מ אַ ס ט יק אַ פ ו ן ש י אָ *)

„די גריכן זענען שיעור נישט משוגע געוואָרן פאַר פרייד.

— מאַסטיקאַ פון שיאָ? איר האָט דאָס? אָך שיאָ! אָך פּ אַ ד ר י ד אַ פ ו ן אָ מ י ר אָ ס! אַך, אומפאַרגלייכלעכע פּאַדרידאַ! ס׳אַרא תענוג פאַר אונדזערע צינגער!

„אין קנאַפּער צייט, ווי מ׳וואָלט געדאַרפט פאַרברויכן אויף אויסצורויכערן אַ פּאַפּיראָס, זענען מושקעטן, פּיסטאָלעטן און שווערדן אָנגעוואָרפן געוואָרן אונטער די פענסטער פונם

*) ווײַן פון איגדזל שיאָ (בראַנפן, מיט אַ ריח פון מאַסטיק־סמאָלע) אַ משקה, וואָס מ׳טרינקט גערן אויפן מזרח.

אַרכאַנט. דערהערט אַ גערויש, האָט דער אַרכאַנט אויפגעעפנט דאָס פענסטער:

— וואָס איז דאָ פאַר אַ גערויש?

— איך גיי בענטשן דאָס געווער, האָט געענטפערט קאָסמאַ.

— צו אַלדע רוחות! די ברכה איז זייער אַ גוטע זאַך, אָבער איר קענט דאָך פטרן דאָס גאַנצע כּלי-זין!

— האָט נישט קיין מורא, אַרכאַנט! נאָכן בענטשן, וועלן די ביקסן שיסן, אפילו ווען איר וועט זיי אָנשטאָפּן מיט פּלע-ווע, אָנשטאָט פּולווער!

„דערדאָזיקער שפּאַס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַ געלעכטער.

„און אָט וואָס ס'האָט שפּעטער פּאַסירט. ווי נאָר קאָסמאַ איז צוריק אַריינגעקומען אין קאַזאַרמע, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון די טאָרבעס צוויי גרויסע הילצערנע קריגלעך, צו דריי אָקאַס יעדע איינע.

— אָט איז די מאַסטיקאַ, די טרערן פון לאַנד שיאָ! ס'וועט אפשר אויסקומען בלויז צו איין זופּ פאַר יעדן איינעם פון אייך. איר מוזט זיך אָבער באַנוגענען מיט דעם ביסעלע, ווייל גאָט האָט נישט געוואָלט באַשאַפן גאַנצע טייכן פון ר אַ ק י - ש י אָ. אַנו, נעמט נאָר אייערע כּוסות!

„און אין יעדן גלעזל האָט ער אַריינגעגאָסן אַ קליינע דאָזע. און מיטביידע קריגלעך אין די הענט, איינס ביי קאָס-מאַן און דאָס צווייטע ביי עליען, די גלעזלעך הויך איבער די קעפּ, האָבן אַלע געשריגן:

— פאַר אונדזער גלויבן! פאַרן אַרכאַנטס געזונט און פאַרן געזונט פון זיין גוואַרדיע! פאַרן נצחון פון זייער גע-ווער! זאָל לעבן!

— זאָל לעבן!...

— מ'האָט געטרונקען...

— איצט וועלן מיר גיין געבן די איבעריקע מאַסטיקאַ די מענטשן, וואָס געפינען זיך אויף דער וואַך, האָט קאָסמאַ אַ זאָג געטאָן.

„און מיר זענען אַרויסגעגאַנגען. אינדרויסן האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— גיי, בּרענג צעטראָגן צוויי אָרעמס פליטערלעך, פונקט דזויפיל האָלץ, אַ טאָפּ בּוימל אוי לייג עס אַלץ אַוועק לעבּן אַעם שטויס פון כּלי-זין!

— אָבּער...

— האָבּ נישט קיין מורא! אַלץ איז געענדיקט. איצט האָבּן מיר זייער אַ לייכטע אַרבּעט.

„אַ העלישע נאַכט, אַ מערדערישע נאַכט, אינמיטן דער פולער אויפלעבּונג פון דער נאַטור. צוויי און זעכציק מאַן שטאַרק ווי אייזן, זענען געפאַלן אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי הויכע זיילן, וואָס ווערן אונטערגעהאַקט. אויף בּיידע שורות בּרעטער, בּאַדעקט מיט טעפּיכער, פאָרמירנדיק אין קאַזאַרמע צוויי לאַנגע אומענדלעכע בּעטן, און אויף דער הוילער ערד, האָבּן מענטשלעכע קערפּער, וואָס זענען בּאַשאַפן געוואָרן צו געניסן פון לעבּן, זיך געקאָרטשעט, צווישן עקלדיקע שריים און אויסגעבּראָכענע שטיקלעך, מיט שוים אויף די מיילער, די אויגן אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ. זייערע געוואַלדן האָבּן געקענט אַרויסשלעפּן טויטע פון די קבֿרים. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט אַז די פּייכטע, נאַקעטע טאָפּאָלן ציטערן פון שרעק. אין פאָדערצימער פונם פּאַלאַץ האָבּן צוויי ווילדע גריכן, די איינציקע, וואָס האָבּן נישט געוואָלט פאַרזוכן די פאַרסמטע מאַסטיקאַ, זיך געוואַלגערט. דערשטאָכענע, אין קאַלווזשעס בּלוט.

„קאָסמאַ האָט אויסגעגאָסן דאָס טעפּל בּוימל אויפן האָלץ און אויף די פּליטערלעך און עס אונטערגעצונדן. די פלאַמען האָבּן אַרומגעכאַפּט דאָס געווער. די פענסטער פונם אַרכאָנטס חדר זענען געווען בּאַלויכטן. מיר זענען אַריין אין דעם אַר-כאָנטס אַפּאַרטאַמענטן. ער איז געלעגן אין בּעט לעבּן פּלאָ-ריטשיצאַן, וועלכע איז געווען בּלאַס ווי קרייט. דערזעענדיק אונדז, אנגעצויגענע ווי שופטים, האָט דער אַרכאַנט צוערשט

געמיינט, אַז ער געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון אַ קאַש־מאַר; ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן. נאָכדעם אויפ־הייבנדיק זיך:

— וואָס הייסט עס? וויאַזוי זענט איר אַריין אַהער? און פאַרוואָס?...

— דאָס איז אויך אַ נס פון הייליקן גייסט; מיר זע־נען געקומען, כדי צו פאַרענדיקן די קיריאַקאָדראַמיאָן, האָט געענטפערט קאָסמאַ, אַרויסנעמענדיק זיין פּיסטאָלעט.

— באַנדיטן!!

— כ'האָב דאָך אייך געזאָגט: „און ער וועט אינמיטן דער נאַכט אַריינשיקן באַרג־באַנדיטן אין שלאָף־צימער פון די האַרן, וואָס ווערן אָפּגעהיט דורך משרתים, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס". איר דערמאָנט אייך דערין, אַרכאָנט?

— האַ, אַרוואַניטאַקיאַ, צום געווער!

—... „און דאַמאַלס וועלן די האַרן אומזיסט רופן נאָך הילף. דאַמאָלס וועלן זיי וויסן, אַז אַלץ, וואָס ס'קומט דורכן כוח פון אַנדערע, ווערט אויך פאַרשוווּנדן דורכן כוח פון אַנדערע".

— ווער ביסטו, פאַרשאָלטענער מאָנאַך? ביסטו אַ באַנ־דיט, וועלכער איז געוואָרן אַ מאָנאַך?

— ניין, אַרכאָנט! דאָס איז אַ מאָנאַך, וואָס איז שטענ־דיק געווען אַ באַנדיט!

„אויף אַ זייטיקן וועג, וואָס ציט זיך אין דער קרום צום גרויסן טראַקט פון קאַלאַראַזי, אין אַ טונקעלער נאַכט, ווי אין אַ קבר, האָבן זיך אונדזערע פערד קוים באַוועגט פאָרויס, איינס נאָכן צווייטן. פון פאָרנט האָט געריטן קאָסמאַ און אַריינגערעדט צו פלאָריטשיצאַן:

—... דיינע ברוסטן וועלן שטיוונע ווערן, געשמיסן דורך אַלע ווינטן פון דער ערד... דו וועסט באָדן דיין קער־פּער אין שטראָמען, אים טריקענען אויף דער זון, און די פעלד־בלומען וועלן אים דורכזאַפּן מיט זייערע ריחות... און קאָסמאַ וועט דיך ליבן...

„ער האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, באַטראַכט דעם הויף פונם אַרכאָנט סאַמוראַקיס, פולשטענדיק איינגעהילט אין פלאַמען, און מיט רציחה אַ וואָרטש געטאָן:

— מיט אייז שלאַנגען־נעסט ווייניקער...

* * *

„אַ גאַנצע וואָך צייט האָבן מיר געריטן צו דרום צו, האַלטנ־דיק זיך לענגאויס דער יאַלאָמיטצאַ און אַנדערע טייכן, כּדי אויסצומיידן די וועגן. די קאַפּיטעס פון די פערד האָבן געזונקען אין דער פייכטער ערד פון די פעדלער, ווי אין ווייך ברויט, איינגענעצט מיט וואַסער. דראָבנע כּסדרדיקע רעגנס האָבן אונדז פון צייט צו צייט געצוווּנגען, זיך צו האַלטן שטהנוויין אונטער אונדזערע צווייַ געצעלטן. דאַמאָלס זענען מיר געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. די זון האָט זיך אָבער צוריק באַוויזן; ווארעמע אַפּריל־ווינטן האָבן אָנגעבלאָזן אונדזערע מאַנטלען; און אָט זענען מיר ווידער לוסטיק און פריילעך.

„פאַרשטעלט ווי אַ פּאַסטוך, פלעגט עליע זיך אַוועקלאָזן איבער די דערפער זוכן ברויט און ווין. מען פלעגט אויך אָפּט איינאָרדענען אַ יאַגד אויף האָזן. ביינאַכט פלעגן מיר זיך פאַרבאַהאַלטן אין קוסטעס, אָדער אין בלאָטעס, שטיין אויף דער וואַך נאָך דער ריי נאָך, און מ׳האָט אַכטונג גע־געבן אויף די פייערן, וואָס האָבן געברענט פאַר די גע־צעלטן.

די גאַנצע צייט האָט מיר קאָסמאַ קיין איינמאָל נישט געפרעגט וועגן מיין לעבן אין אַרכאָנטס הויף. ער איז צופיל געווען פאַרנומען מיט פּלאַריטשיצאַן; טאָג און נאַכט פלעגט ער פון איר נישט אָפּטרעטן. ס׳האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן.

— האָט אים, לכל־הפּחות, מיין גורל געזונט געקאָסט, אין משך פון די צוויי יאָר? — האָב איך איינמאָל אינאָוונט אַ פרעג געטאָן זיך אַליין, ווען מיר זענען געבליבן שטיין.

— זייער ווייניק.

— אויב אַזוי האָט ער נישט קיין האַרץ!

— אדרבה, ער האָט יאָ; נאָר זיין גוטהאַרציקייט, איז פּונקט ווי ווייַן: ס׳וואַרעמט נאָר די אָנווענדיקע; ס׳וואַרעמט און ס׳קילט: דאָס זענען קאָסמאַס ביידע פּנימער.

„ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז עליע ווערגט זיך. כ׳האָב קוים געהערט זיין קול. דערפאַר אָבער האָט קאָסמאַס קול אָפּגעהילכט פון שכנותדיקן געצעלט:

— נאָר דיך, פלאָריטשיצאַ, וועל איך אמייסטן ליב האָבן...

„אויף עליעס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ פאַרדאַגעטער שמייכל. זיינע אויגן האָבן געלויכטן אין דער פינסטער, באַטראַכטנדיק די פלאַמען, וואָס האָבן געברענט ביי אונדזערע פיס.

— ירמיהו, — האָט ער אַ וואָרטש געטאָן אונטער דער נאָז, אָנכאַפּנדיק מיך ביי דער האַנט און צורוקנדיק זיין באָרד ביז צו מיין ברוסט, —ירמיהו! קאָסמאַ איז אַ דעמאָן! האָסטו געהערט, וואָס ער זאָגט צו דער פרוי? נישט צו איין פרוי, נאָר צו גאַנצע פאָלקן. האָב איך געהערט, ווי ער האָט איבערגעחזרט דיזעלבע דבורים! גאָט אין הימל, שטאַרבן זאָל איך, אויב ער האָט אַמאָל געזאָגט אַ ליגן און איז נישט געווען אָפנהאַרציק! יאָ, אַלע האָט ער מיטן גאַנצן האַרצן ליב געהאַט, צו אַלע איז ער געווען צאַרט, ווי אַ טייבעלע, מילד, ווי אַ רעגן, וואָס פרישט אָפּ די ערד, וועלכע איז אָנגעברענט פון דער זון. און מיט אַלע איז ער געווען פרעך ווי אַ קאָטער, און גלייכגילטיק צו זייערע טרערן, ווי דער טויט. הער אויס, ירמיהו, אַ געשיכטע, וואָס איך וועל דיר דערציילן, וועסט דאַמאָלס בעסער אַלץ באַגרייפן:

— בערך אין אַ יאָר צייט אַרום נאָך דער שלאַכט מיט דער פּאָטעראַ, אין וועלכער דו ביסט געפאַנגען געוואָרן,

זענען מיר געגאנגען נקמה נעמען פאר די איינוואוינער פון א ווייטער געגנט אין מאָלדאַוויע, וואָס איז שטאַרק טעראָריזירט געוואָרן דורך אַן אכזריותדיקן הערשער. קאָסמאַ האָט געהאַט אַ מנהג, זיך תמיד אָפּצוטיילן פון אונדזערע מענטשן; דערי־בער זענען בלויז מיר ביידע, פאַרשטעלט ווי אָרימע הענדלער, אריינגעקומען אינם הויף פונם אכזר. זיין גוואַרדיע איז פונקט אָפּגעפאָרן צו פאַרשטאַרקן די רייען פון אַ פּאַטראָל, וואָס מען האָט פאָרמירט, כדי צו פאַרפאָלגן אַ דרייסטן הײַדוק, וועלכער פלעגט פלאַנצן דעם טויט צווישן די סאַטראַפּן פון מאָלדאַוויע. די ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען, זענען געווען זייער גינסטיק פאַר אונדז: „איר וועט געפינען אינם הויף אַ צוואָנציק פחדנישע דינער, וועלכע מען וועט אייך העלפן בינדן". ס'איז טאַקע אַזוי געווען; אָבער וואָס שייך דעם בינדן, איז פונקט געשען פאַרקערט. נאָך איידער מיר האָבן זיך גע־נומען צו דער אַרבעט, האָט אַ פּשוט מיידל מיט אַ תמימות־דיקער נשמה און אַ ברענענדיקן בליק, אָנגעצונדן אַ פייער אין קאָסמאַס האַרץ און צעדרייט אַלע זיינע פּלענער. אין דעמזעלבן מאָמענט, פירנדיק אונדז צו אַ סטאָג היי, ווו מיר האָבן געדאַרפט פאַרברענגען די נאַכט, האָט זי געזאָגט צו קאָסמאַן:

„— די הענדלער־וואַנדלער,
וואָס באַהאַלט שלעכט זיין כּלי־זין,

די וועסט נישט הרגענען מיין האַר, ווייל ער האָט מיר גוטס געטאָן!"

„קאָסמאַ האָט אויסגעשריגן:

„— זאָג מיר, קינד מיינס, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט אין דער תקופה, ווען די צייטיקע קאַרשן זעטיקן אונדזער אַפּעטיט, ווען די ברייטע לאָנקעס דערוועקן אין אונדז אַ פוילקייט און ווען די פייגעלעך מעלדן וועגן זייער רעכט אויף ליבע. — זאָג מיר, וואָס פ'אַראַ טובות האָט דיר דער אכזר געטאָן, וועל איך פאַרגעסן די צאָל פון זיינע פאַר־ברעכנס און מיינע פאַרפליכטונגען פון היינטיקער נאַכט.

„— יאָ, קאָסמאַ, דו וועסט אַלץ פאַרגעסן, ווייל מיין הערשער האָט מיך אַרויסגעריסן פון די נעגל פון אַ ווילדער חיה, און, אַן אומבאַרירטע, מיר צוריקגעקערט די פרייהייט. און ער האָט מיר געזאָגט: „דו וועסט דאָ קענען לעבן, ווי דיין האַרץ גלוסט און ליב האָבן וועמען דו וועסט וועלן". די ווילדע חיה: איז געווען זיין אינטענדאַנט. פונקט היינטיקן אָוונט האָבן מיר „די נייע לבנה", וועט ער, אַלזאָ, מאָרגן פאַרטאָג קומען אויף דעמדאָזיקן וועג, וואָס ציט זיך דאָ פאַר אונדז, און וועט ברענגען צו טראָגן זיין האַר דעם מעשר און זיין אויסדרוק פון הכנעה. ער וועט קומען איינער אַליין, רייטנדיק אויף אַ פערד. גיי אים אַקעגן און זיי דעם משרת מכבד מיט די קוילן, וואָס דו האָסט באַשטימט פאַרן הער־שער גופא! און נעם צו זיין גאָלד... און מיט דעם גאָלד קויף אָקסן פאַר די פאַראָרימטע פויערן... דאַמאָלס ערשט וועל איך זיין דיין שקלאַפין".

„אין יענער נאַכט, בעת מיר האָבן געריכערט אונדזערע ליולקעס און געקוקט אויף די שטערן, האָב איך געזאָגט צו קאָסמאַן:

„— וועסט טאַקע טאָן, קאָסמאַ, ווי דער שטן הייסט דיר?

„— איך וועל טאָן אַלץ, וואָס דער שטן הייסט מיר, ווייל כ'האָב ליב דעמדאָזיקן שטן און איך וויל אים האָבן.

„— דו וועסט זיך אָבער לאָזן פאַרפירן...

„— אַפילו דעם טייוול אַליין וועל איך זיך לאָזן פאַר־פירן...

„— און דו וועסט זיך איינשטעלן דאָס לעבן, כדי צו דערלאַנגען די שלעכטס אין די פיס, אָנשטאָט צו דערלאַנגען אין קאָפּ?... קאָסמאַ, דו ביסט שטאַרק, דו האָסט נישט קיין שכל אין קאָפּ!...

„— עליע, דו ביסט שטענדיק גערעכט, אָבער דיין גע־רעכטיקייט איז מיר צוגעגעסן. הייב זיך אויף!"

„כ'האָב זיך אויפגעהייבן. קאָסמאַ איז מיר אַרויפגע־געשפּרונגען אויפן רוקן. כ'האָב זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם

סטאָג, ביז כ׳האָב דעם אָטעם נישט געקענט אָפּכאַפּן און בין אומגעפאַלן. דאַמאָלס האָבן מיר זיך ביידע אַוועקגעזעצט...

„— איצט מעגסטו אַרויסזאָגן דיין געדאַנק, עליע.

„און בעת קאָסמאַ האָט מיך אויסגעהערט, קלאַפּנדיק זיך שטאַרק מיט דער פויסט אין ברוסט אַריין, האָב איך צו אים אַזוי געזאָגט:

„— קאָסמאַ... מ׳קען נישט זיין קיין העלד אויף דער העלפט... מ׳האַלט דיך אומעטום פאַר א העלד... מ׳פאַרגע־טערט דיך... דו אָבער ביסט גאָרנישט אַזעלכער און אַליין פאַרגעטערסטו קיין זאַך נישט... אָדער דו פאַרגעטערסט צופיל זאַכן... אָט איז אַ געגנט, וואָס וועט אויפצומאָרגנס נאָך אונ־דזער אָפּפאָר אַזוי זאָגן: קאָסמאַ איז געקומען הרגענען דעם דראַכם פון אונדזער לאַנד און ער האָט בלויז געהרגעט אַ קליין שלענגעלע. דאָס האָט פּאַסירט דערפאַר, ווייל דאָס שלענגעלע האָט געוואָלט אויפעסן אַ ווערעמל און דאָס ווערעמל איז קאָסמאַן געפעלן געוואָרן”... אָט וואָס די גאַנצע געגנט וועט זאָגן... און זי וועט זיין גערעכט... און דו נישט... און אַ העלד מוז תמיד זיין גערעכט”.

„אויפצומאָרגנס, פאַרטאָג, זענען מיר געלעגן פאַרבאַ־האַלטן הינטער קוסטעס, ביים זוים פון אַ גרויסן וועג, דורך וואַנען די שלאַנג האָט געזאָלט פאַרבייגיין. דאָס ווערעמל איז געווען צוזאַמען מיט אונדז. קאָסמאַ האָט אים געגלעט דעם קאָפּ און פאַרביסן מיט די ליפּן אויס תאווה, ווייל דאָסדאָזיקע ווערעמל איז ליידער געווען אַ טאָכטער פון דער זון, אַ פונק פונם פריוען־פייער וואָס צינדט אָן דעם פולווער ביים זכר.

— איך טרוים פון דיר, קאָסמאַ, איך טרוים פון מיינע קינדער יאָרן אָן!

„— און איך זוך דיך, מיין פלאַם, זינט די וועלט שטייט!

„— אָבער דו וועסט הרגענען דעם מענטשן, וועלכן איך וועל דיר באַלד אָנווייזן?

„— יאָ, כ׳וועל אים הרגענען, ווייל מיינע אויערן ברע־נען און מיינע שלייפן פלאַצן... און כּל־זמן דו וועסט מאַכן

מיינע אויערן זאָלן ברענען און מיינע שלייפן זאָל פּלאַצן, דאָס איך הרגענען, שולדיקע און אומשולדיקע, וועמען ד נאַר וועלן!

„— ביסט אַ גבור, קאָסמאַ!

„— אַ גבור, טאָכטערל, אַ גבור ביז צו דיינע פיס!"

„און אָט רייט פאַרביי אַ מענטש, טריט ביי טריט, מיט אַ טאָרבע ביים זאָטל. דאָס העמד אויף אים איז ריין, דער קאָפּ אָפּגעדעקט און זינגט מיט אַ לעבנסלוסט, פון אַ שיינעם מענטשן, וואָס איז צופרידן מיט זיך. מיטאַמאָל טוט ער אַ ציטער, שטעלט זיך אָפּ, דרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן און שטרעקט אויס די רעכטע האַנט צום פּיסטאָלעט: ער האָט דערהערט, ווי אונדזערע פערד האָבן אַ פאַרסקע געטאָן פון־דערווייטנס. זיין אומרויקייט האָט לאַנג נישט געדויערט, ווייל דאָס מיידעלע פאַרמאַכט די אויגן און פאַרדעקט זיך דאָס פּנים מיטן פאַרטוך, בעת קאָסמאַ צילט אָן זיין ביקס און שיסט אויס.

„דער מענטש פאַלט, דאָס פערד טראָגט זיך אַוועק... אויפן וועג, באַגילט פון דער אויפגייענדיקער זון, פליט דאָס ערד ווי אַ רוח, מיטשלעפנדיק דעם קערפּער פון זיין באַלעבאָס, וואָס הענגט פאַרטשעפּעט מיטן פוס ביים זאָטל, בעת דער צעטראַסקעטער קאָפּ פאַרקערט דעם שטויב אויפן וועג.

„קאָסמאַ גייט צו צו זיין דעמאָן:

„— ביסט צופרידן, פרוי? וואָס ווילסטו נאָך? ווילסטו אפשר איך זאָל אויך מיין ברודער הרגענען? ווילסט אפשר איך זאָל פּטרן מיין פערד, וואָס שטייט און ציטערט אין וואַלד? זאָג מיר, וואָס דו פאַרלאַנגסט?

„— דיך, קאָסמאַ, וויל איך!...

„וועסט מיך האָבן, אייביקייט מיינס! וועסט מיך האָבן, פל־זמן מיינע אויערן וועלן ברענען, און אין מיינע שלייפן וועט טראַסקען!"

„אַ ווײַלע שפּעטער באַווייזט זיך אַ פויער, אַ טיפער

זקן, מיט אונדזערע ביידע פערד. קאָסמאַ דערלאַנגט אים פיר ביטלען מיט געלט:

„— דאָס איז אַלץ, קאָסמאַ?

„— דאָס איז דערווייל אַלץ, פריינט

„— דו האָסט דאָך אָבער נישט דערפילט דיין גאַנצן חוב

„— כ'האָב נישט קיין שום חובות: גוטע מענטשן זענען קיינעם גאָרנישט שולדיק".

„מיר זענען אַרויף אויף אַ פערד... קאָסמאַ האָט גע־ריטן פאָרויס מיט זיין איינטאָניקער אייביקייט אין די אָרעמס־אויף אַ צוואָנציק טריט הינטער אים, בין איך נאָכגעפאָרן, אַ שווייגעוודיקער, און געטראַכט וועגן דער איינזאַמקייט פון מענטשן.

„דורך די פאַרוואַקסענע וואַלד־וועגן, איבער שטיינער און גריבער, — ווו די פּאַדקאָוועס פון די פערד האָבן זיך געגליטשט און צעטרעטן דאָס גרינס, ווו פון די געדיכטע צווייגן האָבן אַראָפּגעקאַפּעט אויף אונדזערע קעפּ גרויסע רע־גענס־טראָפּן, — איבער ברייטע פעלדער, ווו די פערד זענען געלאָפן ווי רוחות, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער לעפ־צונג פון סערעט.

„דעם ערשטן אָוונט האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן ביים זוים פון אַ וואַלד. אַ פלאַנטער פון קוסטעס, ווו מען האָט זיך נישט געטאָרט רירן אין דער פינסטער. לעבן אונדזערע פיס האָבן זיך געצויגן אומענדלעכע פאַרלאָזטע פעלדער, אויף וועלכע גאָט האָט אויסגעגאָסן די איידלסטע ריחות, כדי צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן זיינע זומערפייגעלעך.

„און אָט שווימט אַרויס די פולע לבנה אויפן הימל; דער וואַלד ווערט אָנגעפילט מיט סודות, דאָס פעלד מיט גרילן און קאָסמאָס הארץ — מיט זינד. יאָ, יענעם אָוונט איז קאָסמאַ געווען צו מיר שלעכט, ווי אַ שונא. ער האָט מיר געהייסן שפּילן אויף דער פלייטע פאַר זיין דעמאָן, כאָטש ער האָט

גוט געוווּסט, אַז איך שפּיל נאָר פֿאַר מײַן גאָט און פֿאַר אונ־
דזער פרייהייט.

„זי האָט אַזוי געזאָגט:

„— אויב אַ פלייטע וועט איצט אויפשפּילן, וועט זיך דער הימל עפענען, און דעם אויבערשטנס מלאכים וועלן זיך צו אונדז אַראָפּלאָזן און זינגען הימנס.

„קאָסמאַ האָט אויפגעציטערט און מיר באַוויזן זײַן פּנים, באַלויכטן פֿון דער לבנה. ס'איז געווען אַ רויט, געשוואָלן פּנים, פּונקט ווי ער וואָלט לאַנג געבלאָזן אויפֿן פֿייער. כ'האָב פֿאַרשטאַנען זײַן שטאַרקע בקשה, כ'האָב אָבער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן, בעת דאָס בלוט האָט אין מיר געקאָכט.

„— שפּיל, עליע.

„— פֿאַר וועמען שפּילן?

„— שפּיל פֿאַר דער אייביקייט!

„— דײַן אייביקייט איז קורץ, קאָסמאַ!...

„— קורץ, עליע, נאָר שטאַרק ווי דאָס ליכט, וואָס נעמט אַרום די ערד!

„כ'האָב אַרויסגעצויגן די פלייטע פֿון אונטערן גאַרטל; כ'האָב באַשפּיגן די לעכלעך, כ'האָב געשפּילט... און ווי נאָר די ער־שטע קלאַנגען האָבן זיך דערהערט אין דער נאַכט, האָט זיך דער הימל געשפּאָלטן, מלאכים האָבן געזונגען הימנס, ווײַל דעם דעמאָנס קול האָט זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן אין מעטאַלישע טרעלן, וואָס איז געווען מער האַרמאָניש, ווי די שטימע פֿון אַ נאַכטיגאַל. די האָר האָבן זיך מיר געשטעלט אונטער דער היטל, מײַנע פֿינגער האָבן פֿיבעריש געטאַנצט איבער דער פלייטע. מײַן פֿאַרשטאַנד האָט אָנגעהייבן צו גלויבן, אַז דער גיהנום דאַרף זײַן אַ סך געטלעכער ווי דער גן־עדן, און אַ דעמאָן, וואָס זינגט איז פֿרימער, פֿון אַ מלאך, וואָס טוט תּפֿילה.

כ'בין די, וואָס מ'קען נישט באַזיצן
כ'בין די נשמה, וואָס גייט זיך איבער,
ס'נישטאָ קיין אכזריותדיקער גאָט,
מײַן האַרץ ווייסט נישט פֿון קיין זינד...

„אָט אזוי האָט געזונגען דער דזמאַן... און זיין קול האָט פאַרטויבט דאָס גערויש פונם וואַלד און דאָס זינגען פון די גרילן. דאַמאָלס האָב איך פאַרגעסן מיין געזעץ, כ׳האָב פאַרראָטן מיין גאָט; כ׳האָב געשפּילט מיט ברען. כ׳האָב אַזוי לאַנג געשפּילט, ביז געזאַלצענע טראָפּנס שווייס האָבן מיר אָנגעהייבן צו בריען מיינע אויגן. דאַמאָלס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעווישט דאָס פּנים און באַמערקט, אַז קאָסמאַ איז נישטאָ, אַז זיין דעמאָן איז אויך נישטאָ. און כ׳בין פאַרבליבן אַליין, איינגעהילט אין פינסטערניש און שטילקייט, — איינער אַליין, פּונקט ווי מיר זענען אַלע דאָ אויף דער ערד...

„אונדזער ווייטערדיקער וועג איז די גאַנצע צייט פאַרגעקומען אונטער אַ כּסדרדיקן רעגן. מענטשן און פערד זענען דורכגענעצט געוואָרן, ווי מייז, וואָס קריכן אַרויס פון וואַסער. כּדי צו פאַרהיטן זיין אוצר, האָט זיך קאָסמאַ אויסגעטאָן ביז צום העמד און אַרויפגעוואָרפן אַלע זיינע מלבושים אויפן רוקן פון דער פרוי, וועלכע איז געוואָרן ענלעך צו אַ גרויסן צעדרייטן אויסגעוויקלטן פּאַקעט. די נעכט האָבן מיר פאַרבראַכט אין היילן. דאַמאָלס האָט קאָסמאַ אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע איבערגעבנקייט. ער איז אַליין געלאָפן אָפּזוכן טרוקן האָלץ, האָט אָנגעצונדן זעלטענע פייערן, געטרוקנט די מלבושים, צוגעגרייט הייסע געטראַנקען און, נאַקעט ביז צום בויך, ענלעך צו אַן אמתן ווילדן, — האָט ער אָנגעהייבן צו רייבן דאָס געווער און איבערלאָדן זיי מיט פרישע מאַטעריאַלן

„ענדלעך, זענען מיר געקומען צו אונדזער ציל, צו דער לעפּצונג פונם סערעט, אויפן זעלבן פאַרשאָלטענעם אָרט ווו מיט אַ יאָר צוריק איז אונדז אויסגעקומען צו קעמפן מיט דער פּאָטערא, צוליב דער מסירה פונם פאַראָמשטשק. איצט איז געקומען די שעה, ווען דערדאָזיקער כּלב האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר זיין פאַרראַט.

„מיר האָבן זיך מיט אים שנעל אָפּגערעכנט; אָבער דער ענין איז געוואָרן קאָמפּליצירט און די דראַמע האָט זיך פאַרדאָפּלט, אַ דאַנק דעם פאַרפלאָנטערטן פאָדעם פונם גורל.

„מיר האָבן זיך אַלע דריי באַהאַלטן אין אַ גראָבן, ביים קאָפּ פון אַ בריק, אויף דער מאָלדאַוואַנער זייט. מיט געווער אין די הענט האָט קאָסמאַ אָפּגעהיט דעם פּאַררעטער, בעת די קלוגע פרייע פערד האָבן געקייט די גראָז אויף אַ הונ־דערט טריט פון אונדז. די פרוי, — וועמענס ליידנשאַפטלע־כער שטערן איז נאָך אין דעמזעלבן טאָג אונטערגעגאַנגען, — האָט אַ פרעג געטאָן:

„— וואָס טוען מיר דאָ, קאָסמאַ?

„— וועסט באַלד זען: כ׳האָב אַ חוב צו באַצאָלן.

„— ביסטו געוווינט צו צאָלן חובות?

„— צייטנווייז יאָ...

„דער פּאַראָמשטשיק האָט זיך באַוויזן, די הענט אין די קעשענעס. ער איז אַוועק אויף רעכטס, אויף לינקס, נאָכדעם גלייך אויף קאָסמאַס ביקס. גלייך ער וואָלט געגאַנגען דער־פילן דאָס, וואָס ס׳איז אים געשטאַנען אָנגעשריבן אויפן שטערן. אָבער אין דער רגע, ווען קאָסמאַ האָט אָנגעצילט די ביקס, איז די פרוי בלאַס געוואָרן, אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אויסגעשריגן:

„— וואַרט! ס׳איז מיין ברודער!”

„בלוי פאַר כעס, האָט קאָסמאַ זי איבערגעקערט מיט איין זעץ פון זיין ביקס.

„— מעגלעך, אַז ס׳איז דיין ברודער, ער איז אָבער מיין שונא!”

„און ער האָט אַוועקגעלייגט דעם פּאַראָמשטשיק, וועל־כער האָט צו שפּעט דערשפּירט די סכנה. מיט געוואַלדן און יללות איז די שוועסטער אַוועקגעלאָפן צו הילף דעם ברודער, וועלכער האָט זיך שוין דערין נישט געניטיקט. זי איז אַני־דערגעפאַלן אויף זיין קערפּער און געיאָמערט. ווען מיר זע־נען צוגעקומען, האָט זי זיך אַ שטעל געטאָן פאַר קאָסמאַן:

„— דו האָסט דערהרגעט מיין ברודער!

„— כ׳האָב געהרגעט אַ שפּיאָן! און וואָס האָסטו

געמיינט? דו האָסט געמיינט, אַז נאָר אינטענדאַנטן ווע? אַ ר תרגענען?

„— דאָס האָט ער מיך געראַטעוועט פונם אינטענדאַנטס לאַפּעס! די גרעסטע טובות האָט ער מיר געטאָן!

„— און מיר האָט ער די גרעסטע רעת געטאָן: ער האָט מיך פאַרמסרט פאַר דער פּאָטעראַנ!"

„די פרוי האָט געקניט פאַרן קערפּער און תפלה געטאָן. מיר זענען אוועק צו די פערד. צוריקקומענדיק, האָט קאָסמאַ אוועקגעלייגט אויף דער ערד אַ בייטל מיט דוקאַטן און אַ זאָג געטאָן צו זיין איין-וואָכעדיקער אייביקייט.

„ווען דו וועסט ענדיקן דיין געבעט, זאָלסטו דיין ברו-דער באַגראָבן, דערנאָך זאָלסטו זיך אַליין באַגראָבן אין אַ קלויסטער און דאָרט ווייטער תפלה טאָן צו גאָט. דאָס וועט זיין לויט דיין געשמאַק, אָן שום אָנשטרענגונג און אָן שום שאָדן, ווייל ס'זענען דאָ אַ סך ברידער ווי דיינער".

„עטוואָס שפּעטער האָט צו מיר קאָסמאַ, טראָגנדיק זיך אין אַגאַלאָפּ, געזאָגט מיט איבערצייגונג.

— די פרויען זענען באַשאַפן געוואָרן כדי אָפּצוווענדן דעם גורל פון די מענער!".

„עליע איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיין פנים, קוים באַ-לויכטן דורכן פייער, האָט אויסגעדריקט קינדערישע התפעלות.

— טו אַ טראַכט, ירמיהו, וועגן דידאַזיקע פאַרפלאָנטער-טע זאַכן פון לעבן, — האָט ער מיר צום סוף צוגעגעבן. און איינגעוויקלט זיך אין זיין גובּאַ, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ באַרג שטרוי.

„כ'בין פאַרבליבן אייגער אַליין אין אַ געצעלט, מיט וועלכן דער ווינט האָט זיך געשפּילט, ווי מיט כוואַליעס. שלאָפן האָט זיך מיר נישט געגלוסט. מיין געדאַנק האָט אַרומ-געפּאַסט אַלץ, וואָס כ'האָב ביז איצט דורכגעלעבט, בעת, מיין אויער האָט זיך באַמיט אויפצוכאַפּן דעם קלענסטן גערויש אין

קאָסמאַס און פּלאָריטשיצאַס געצעלט. כ׳האָב אָבער נאָר געהערט דאָס רוישן פון פאַראײנזאַמטע זאַכן. אויפגערעגט פון מײנע געפילן, האָב איך פאַרלאָזט מײן געצעלט, געמאַכט עטלעכע טריט אינדרויסן, און באַלד האָט די צייט אויפגעהערט צו עקזיסטירן פאַר מיר. האַרמאָניע... אייביקע אײנשטימיקייט... די מלוכה פון ראָרן און טשערעט, פון ווילדן מוילבערבוים, פון טויזנטער זשאַבעס, וואָס ליגן באַהאַלטן אונטער בלעטער פון וואַסער־ליליעס; און די קיביץ־פויגל, וואָס דרעמלען מיט אַן אָפענעם אויג, — אָט די גאַנצע מלוכה האָט הנאה געהאַט פונם גליקלעכן נאַכט־לעבן. כ׳האָב געהערט, ווי אַ קאַרפּ איז אַרויסגעשפּרונגען אויפן וואַסער־אויבערפלאַך און, ווי בליי, צוריק פאַרזונקען אין אירע היימישע טיפענישן. אַ צאַפּליע האָט לאַנג געקלאַפּט מיטן שנאָבל, בעת אַ שפּאַרבער האָט דורכגעשניטן דעם אומבאַמערקלעכן שטח, קלאַפּנדיק שטאַרק מיט די פליגלען. און אונטער די לאַסקעס פון שטילן ווינטעלע, האָבן אָנצאָליקע טשערעט־שטעקעלעך — די באַלעבאַטים פון יענער געגנט, — זיך געבויגן און אינדערשטיל געלויבט דעם אויבערשטן. מײן רעיון איז מיר פאַרטונקלט געוואָרן...

. . . .

„אַ שווערע האַנט ווי בליי האָט מיך אויפגעריסן פונעם אָרט. קאָסמאַ איז געשטאַנען פאַר מיר: אַן אומגעהויערע שוואַרצע מאַסע. זײנע געדיכטע האָר, פּונקט ווי די באָרד און די צעשויבערטע וואָנסעס, זענען אין אומאָרדענונג געלעגן אויפן האַלדז און נאַקן. די האָריקע ברעמען האָבן אַרויסגעוויזן אויף זײן פּנים בלויז דעם פלײשיקן נאָז און צוויי גרויסע אויגן, לויט מײן מײנונג, גוטע און צופרידענע. מיט אַ רויקער, האַרמאָנישער, אָבער ערנסטער שטימע, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— איך באַגריס דיך, ירמיהו, יונגער פרײער מענטש!... דו גיסט אַכטונג אויף קאָסמאַס גליק... זייער גוט טוסטו... אָבער דײן שעה פון אָפּרו האָט שוין געשלאָגן... גיי!... קאָסמאַ וועט דיך פאַרטרעטן.

— ביסט דיך טועה, קאָסמאַ: איך שטיי נישט אויף דער
האַך פון דיין גליק כ׳לעב מיט די זומפּן.

„ער האָט אָפּגעטראָטן אויף אַ טריט:

— נאָך בעסער! דו טוסט מיטאַמאָל צוויי גוטע זאַכן:
צוערשט ד ו, דערנאָך א י ך!... דאָס ליגט שוין אין דער
נאַטור. אָבער זאָג נאָר: ביסטו אַמאָל נישט אין כּעס אויף
מיר?

— יאָ, עטוואָס...

„קאָסמאַ האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. און
ליגנדיק מיט אויסגעשפּרייטע הענט, האָט זיך געדאַכט, אַז די
ערד איז קלענער געוואָרן.

— אַז מ׳איז אין כּעס אויף איינעם, ווענען מ׳האָט ליב,
און מ׳וויל וואָס גיכער פּטור ווערן פון דער נישטיקער שנאה
און מיטן גאַנצן האַרצן ווידער יענעם ליב קריגן — איז די
בעסטע זאַך באַלד אים שלאָגן; ווייל דער כּעס, וואָס נאָגט
פּאַמעלעך, טוט מער שלעכטס, ווי אַ קלאַפּ מיט דער פויסט
פון אַ געליבטער פּערזאָן. אָט האָסטו אַ ברוסט, וואָס איז אַזוי
פול מיט גליק, אַז אַפילו מיט קלעפּ פון האמערס וועט מען
זי נישט קענען צעשמעטערן. קלאַפּ, ירמיהו.

„מיט אַלע מיינע כּוחות האָב איך אים דערלאַנגט אַ זעץ.
קאָסמאַ האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן.

— קלאַפּ, שטאַרק!

„כ׳האָב געקלאַפּט, מיטן גרעסטן כּעס.

— נאָך!

„כ׳האָב אויפגעהייבן די האַנט... אָבער דאָס גוטמוטיקע
פּנים, די ברוסט פון אַ בער... און איבערהויפּט די צוויי
הענט, אויסגעשפּרייטע ווי פליגל, גרייט אַרומצונעמען און צו-
צודריקן מיין קערפּער... ניין!

„כ׳בין צוגעפאַלן צו דערדאָזיקער ברוסט און איינגע-
גראָבן מיין פּנים אין די האָר, פונוואַנען ס׳האָט זיך געשפּירט
מענלעך שווייס... קאָסמאַ האָט מיך צוגעדריקט צו זיך און
מיר געגלעט די האָר.

— וואָס איז מיט דיר. ירמיהו? וואָס האָב איך דיר געטאָן?

— ביסט צופיל גליקלעך, קאָסמאַ, און דיין גליק מאַכט מיר איינזאַם...

„ער האָט מיר נישט געענטפערט, אָבער כ׳האָב געפילט, אַז זיינע בלייענע הענט גליטשן זיך אים אַראָפּ לענגאויס זיין קערפּער, און דאָס האַרץ קלאַפּט ביי אים מיט דער העפטיקייט פון אַ האַמער און מיט דער רעגלמעסיקייט פון אַ זייגער. דערנאָך האָט ער זיך גיך אוועקגעזעצט אויפן טערקישן אופן, מיר געהייסן טאָן דאָסזעלבע, אָנגעשטאָפּט זיין ליולקע, זי פאַררויכערט און אומגעפער אַזוי געזאָגט:

— קאָסמאַס גליק, מיין ייִנגל, מוז איבערלאָזן אין יענעמס האַרצן איינזאַמקייט און פּוסטקייט. ער איז ענלעך צו אַ שטורעם-ווינט, וואָס צעהאַקט ביימער, באַדעקטע מיט קנאָספּן, רייסט אויס בלומען, דורכגעוועבט מיט צאַרטקייט, פאַרהאַלט, דער לויף פון גליקלעכע טייכן, וואָס פליסן מיט אַ שטילן גערויש, הרגעט חיות... ער טרינקט אַלץ... אַלץ, וואָס האָט לעבן; דערנאָך צעשמעטערט ער זיך דעם קאָפּ ערגעץ-ווו אין באַרג-פעלזן, וואָס נעמען אים געפאַנגען, אָדער ער ווערט איינגעשלונגען אין עפּעס אַ בויך פון דער ערד, וואָס איז אָנגעפילט מיט וואַסער און מיט אָנסופיקן הימל. ער ברענגט אָבער נוצן אויך, ווייל נאָך זיין דורכגאַנג ווערט אַלץ אויפגעלעבט מיט מער קראַפט. איך בין פּונקט ווי ער. אפשר ווייז איך נישט אַרויס אַזויפיל חסד, אפשר ווייניקער גערעכטיקייט. דאַרפסט וויסן, אַז בלויז מיט נישטיקע זאַכן קען מען זיך טיילן און געמיינזאַם פון זיי געניסן. אָבער ווי נאָר דער מענטש ווערט צופיל גליקלעך, בלייבט ער איינזאַם; און ער בלייבט אויך פאַראייזאַמט, ווען ער איז צופיל אומגליקלעך. אָט וואָס: אין אַ קליינעם גראָבן וועלן אַלע דיר נאָכטאַנצן, אָבער קיינער וועט דיר נישט נאָכגיין אין אַן אָפּגרונט. דאָס פולשטענדיקע גליק איז אַ מין אָפּגרונט. ביסטו דען איצט נישט געווען פאַרזונקען אין דיינע טרוימען אויף אַזוי ווייט,

אַז דו האָסט פאַרגעסן אין דער סכּנה און האָסט נישט באַמערקט, ווי כ'בין צוגעקומען צו דיר? ווער פון אונדזערע פרייע מענטשן וואָלט דיר נאָכגעגאַנגען ביז אַהין? ווער איז מיר נאָכגעגאַנגען צום פאַרכּישופטן הויף פון אַרכאָנט סאַמוראַקיס, ווען מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ חשק: צו גיין דיך תּיכּף באַפרייען פון דיין תּפיסה? עליע! עליע אַליין איז מיר נאָכגעגאַנגען. אָבער עליע איז מיין באַשיצער, וועמען איך האָרך קיינמאָל נישט. און דאָך גייט ער מיר תּמיד נאָך, קעגן זיין אייגענעם ווילן. דאָס נעמט זיך, געוויס, דערפון, וואָס אונדזער טאַטע, דער באָק, ביים באַהעפטן זיך, האָט ער געהאַט אין זינען, צו באַפרוכפּערן זיין האַרעם בלויז מיט זוימען פון שגעון און פון אַלע אַנדערע משוגעתן. אויף אַזאַ אופן איז אים געלונגען אַרויסצוברענגען אויף דער וועלט: מיר קאַסמאַן, דעם עראָטישן שגעון; עליען, אָדער דעם פאַרנונפטיקן שגעון; קיראַן, אונדזער שוועסטער, אָדער דעם קאָקעטישן שגעון; און צום סוף, אונדזער יינגסטן ברודער, וועלכער האָט געהאַט דעם קלאָרסטן שגעון און האָט זיך אויפגעהאָנגען, נישט ווייסנדיק, מסתּם, וואָס צו טאָן מיט זיין לעבן. אַלנפאַלס, בין איך דערין נישט זיכער, ווייל ער האָט ביז משוגעת, ליב געהאַט פּוטער-קיכל געפילט מיט ניס, און ער פלעגט טאַנצן פאַר פרייד, ווען מען האָט זיי אַרויסגענומען פון אויוון. איך גלויב, אַז בעת ער האָט זיך אויפגעהאָנגען איז אים דאָס מויל געווען אָנגעפּאַקט מיט פּוטער-קיכל. מ'דאַרף קענען שטאַרבן פון אייגענער משוגעת, אָבער מען דאַרף „מאָל נישט האָבן קיין שייכות מיט יענעמס משוגעת.

„ביי דידאָזיקע ווערטער האָט קאָסמאַ אָנגעצילט זיין משוגענעם בליק אויף זיין געצעלט. די פולע האַלב-נאַכטיקע לבנה האָט זיך אויפגעהייבן אויף דריי שפּיזן איבערן האָריזאָנט און באַוויזן איר טונקל-פייערדיקן דיסק פאַר פלאָריטשיצאַן

וועלכע איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך פאַרן געצעלט, די הענט איבערגעקרייצט אויף דער ברוסט. קאָסמאַ האָט פון איר דאָס אויג נישט אַראָפּגענומען. אויף אירע אַקסלען, איינגעהילט אין אַ שאַל פון ווייסן זייד, האָבן זיך אירע לאַנגע, צעשויבערטע האָר אַראָפּגעלאָזט, ווי צעשמאָלצענע סמאָלע.

„פאַר דערדאָזיקער פּרעכטיקער דערשיינונג איז קאָסמאַ אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, די הענט אויסגע-שטרעקט פאָרויס, פּונקט ווי אַ מוסולמענער ביי דער תּפילה, און לאַנג פאַרבליבן אין דער פּאָזע. דערנאָך, ווי אַן אָפּ-געמאַטערטער, האָט ער זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און אויסגע-צויגן צום הימל צוויי נאַקעטע פעסטע הענט, וועלכע האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון פיס. פלאָריטשיצאַ האָט נישט אויסגעקוקט אין מיינע אויגן אַזוי הערלעך, די איבעריקע זאַכן קליין צונויפגעקאָרטשעט; און אַפילו עליע, וועלכער איז פּונקט אַרויסגעקומען, אַ פאַרגענעצטער, פון צווייטן געצעלט, האָט ביי מיר געהאַט אַ פּנים פון אַן אָרעם מענטשעלע אין אַן אַלטער „געבאַ".

„מיר האָבן אים אַלע באַטראַכט, און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַלע איבעריקע האָבן וועגן אים געטראַכט דאָס-זעלבע וואָס איך, דאָס הייסט, אַז קאָסמאַ, אָנוואַרפנדיק זיך אויף אונדז, וואָלט אונדז אַלע געקענט צערייבן. אָבער ער האָט אויף אונדז קיינעם קיין פּחד נישט אָנגעטריבן.

„ער איז צוגעגאַנגען און אַרומגענומען פלאָריטשיצאַן פאַר דער טאַליע. זי האָט זיך געלאָזט טראָגן ווי אַ פעדער. אירע שיך האָבן קוים באַרירט דעם ווייכן טעפּיך, וואָס איז דאָרט געווען אויסגעשפּרייט. און צוזאַמען האָבן זיי געמאַכט עטלעכע טריט, אין פולן ריטם מיט איינאַנדער. באַטראַכטנדיק דידאָזיקע צאַרטע בת-מלכּה, זייט ביי זייט מיטן מגושמדיקן וואַלד-גזלן, האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ נימפע, וואָס געפינט זיך אונטער דער מאַכט פון אַ סאַטיר.

„אויף יענעם אָרט און אין יענער רגע האָט קאָסמאַ אויסגעדרייט זיין ווילד געזיכט צו דער לבנה, געקוועטשט

זיין ברוסט מיט די קרעפּטיקע הענט, וועלנדיק אויסדריקן דעם איבערפלוס פון זיין גליק. מיט אַ קול פון אַ בין, וואָס צווינגט פערד אויפצוהייבן די קעפּ, האָט ער גערעדט:

— פאַרוואָס וויל דאָס האַרץ צעשמעטערן זיינע קייטן? פאַרוואָס דאַכט זיך אים, אַז דער גוף איז צו שמאָל! פאַר־וואָס שטיקט אים דאָס בלוט?

„אָננעמענדיק זיין געליבטע ביי דער האַנט, האָט ער פאַר איר אויסגערעדט זיין אָנגעווייטיקט האַרץ:

— פלאָרימשיצאַ, דו ביסט דער אָפּגרונט, וואָס שלינגט איין די תאווה פון מאַנסבילן! איז דיר באַקאַנט דאָס געפיל פון דויערהאַפטיקייט? מיר וועלן באַלד אָפּפאָרן, ביי דער שיין פון דער לבנה, און היינט באַגינען וועלן מיר דערגרייכן אונדזער לאַגער. דרייסיק יינגען וואַרטן דאָרט אויף אונדז מיט אומגעדולד! זיי אַלע זענען מענטשן אויסערן געזעץ, וועלכע האָבן נישט קיין מורא פאַרן טויט. אַלס געזעץ אַנער־קענען זיי נאָר איין זאַך: באַפרידיקן זייער תאווה, — דער העכסטער ציל אין זייער לעבן; יעדעס געזעץ, וואָס איז קעגן דעמדאָזיקן ציל, באַקעמפן זיי, נישט געקוקט דערויף, וואָס ס'קומט זיי אויס צו באַצאָלן דערפאַר מיט זייער לעבן; נישט אומזיסט רוף איך זיי אָן העלדן. אין דער פרויס אויגן קוקן זיי נאָך אויס גרעסערע העלדן מיט זייערע בליקן פון צעהיצטע ביקעס, וואָס באַצויבערן איר האַרץ, מיט די שפּיצי־קע וואָנסעס, וואָס שטעכן דורך פונדערווייטנס, מיט די כוואַ־ליעדיקע בערד, וואָס צערטלען דעם פּוף, מיט די ברייטע הויזן, אויפגעצויגן אַרום די לענדן, און מיט די פאַרשאָלטענע בייטלען — די זוימען פון אומרויקייט.

„און קאָסמאַ האָט געפאָדערט דאָס אוממעגלעכע:

פלאָריטשיצאַ, קליין בלימעלע,
וואָס יעדער שיינער יונג קען נעמען!

— לאָז דיך נישט נעמען... כ'בין נישט דער האַר אי־בער דידאָזיקע מענטשן, כ'בין זייער גאָט; אָבער ס'איז נישטאָ

קיין גאָט, וואָס קען איינהאַלטן אַ פרוי! און איך וויל בלייבן קאָסמאַ און שטאַרבן קאָסמאַ! שווער מיר פלאָריטשיצאַ, שווער מיר אין טרייקייט!

„פלאָריטשיצאַ האָט אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכ-טער, ענ-עך צו די גלעקעלעך פון אַ ווינטערדיקן שליטן; און די לבנה האָט אָפּגעענטפערט אויף דעמדאָזיקן געלעכטער, איינוויקלענדיק איר געשטאַלט מיט אַ זילבערנעם שלייער, וואָס האָט דערפרייט די לאָנקעס.

— קאָסמאַ, קאָסמאַ מיט די שטאַרקע הענט,
דרייסטער קעמפער אויף זיין פראָנטן,

— דו פאָדערסט פון אַ דונער, ער זאָל דונערן אין טאָג? דו בעטסט ביי אַ דעמב, ער זאָל שפּראָצן אונטער אַ בעט? דו פאַרלאַנגסט פון דער ערד, זי זאָל זיך קעגנשטעלן דעם אקער, וואָס גראָבט זיך אריין אין איר, זי זאָל אַרויס-וואַרפן די זוימען, וואָס באַפרוכפּערן זי? כאַ, כאַ, כאַ!...

„און אויסשפּרייטנדיק די הענט מיט די ברייטע אַרבל, פּונקט ווי אַ שוואַן, וואָס גרייט זיך צו פליען, איז זי אַנט-לאָפן געוואָרן צום געצעלט און נעלם געוואָרן. אַ בלאַסער, מיט שווערע טריט, איז קאָסמאַ צוגעגאַנגען צו עליען און גע-זאָגט מיט אַ שטילער שטימע:

— וואָס זאָגסטו, עליע, צום ענטפער, וואָס די פרוי האָט מיר געגעבן?

„עליע האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז און דאָס פּנים:

— כ'זאָג, אַז די פרוי איז גערעכט, און איר איז אַ גערעכטער און אַ ווערטפולער.

„קאָסמאַ האָט אָנגעהייבן צו ריטשען:

— זאָל דיך דער רוח נעמען צוזאַמען מיט דיין שכל און גערעכטיקייט! נישט דאָס וויל איך וויסן!

— אַלזאָ, וואָס? — האָט עליע רויק געפרעגט.

„קאָסמאַ האָט באַהערשט זיין כעס און זיך צוגעבויגן צו זיין אויער:

— ווי מיינסטו, עליע, איז דידאָזיקע פרוי נישט אַמאָל יענע טשאָבאַניטצאַ פונם סאָסנע-וואַלד, פון זיבעצן יאָר צוריק?

— גאַנץ מעגלעך, קאָסמאַ... ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז זי... כ׳בין אָבער נישט זיכער... חוצדעם, צוואָס דאַרף מען עס וויסן? אויב דאָס איז באמת יענע, די טשאָבאַניצאַ פון סאָסנע-וואַלד, טאָ דערמאָן זיך בעסער וועגן דיין גאווה פון יענער נאַכט. און אויב דו געפינסט, אַז ביי היינטיקן טאָג איז זי בעסער, ווי מיט זיבעצן יאָר צוריק, איז אַ סימן, אַז די פרוי איז ווי אַ פערד: וואָס מער עס לויפט, אַלץ בעסער ווערט עס...

„קאָסמאַ איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער, מיט דער פאַרגעסענער ליולקע אינם ווינקל פון מויל...

„און ווען די לבנה איז צוגעקומען צום זעניט, האָבן מיר פאַרלאָזט די לעצטע סטאַנציע. מיר האָבן זיך דורכגע- שלאָגן אַ וועג דורך אַ וואַלד פון ראָרן און טשערעט מיט קלעפעדיקע בלעטער, וואָס האָבן אונדז באַנעצט מיט גאַוור. מיר האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

* *
*

„קיינער האָט נישט גערעדט. צו אַלדע רוחות! און דאָך וואָלט מען עס געדאַרפט טאָן! רעדן? ניין! ריטשען, קלאַפּן, האַקן, ברעכן. מיר וואָלטן אין דעם מאָמענט געדאַרפט האָבן אַן ערדציטערניש, וואָס זאָל עפענען פאַר אונדז טיפע שפּאַלטן; אָדער אַ האָגל פון שטיקער אייז, גרויע ווי אייער פון אַ קאַטשקע, וואָס זאָלן אונדז באַדעקן דעם קאָפּ מיט ביילן; אָדער אַ קאַמף מיט איבערגעלעגענע כוחות פון אַ פּאַטערא, וואָס זאָל אונדז צווינגען צו אַנטלויפן, באַדעקטע מיט וווּנדן; אָדער אַ דונער, אָדער אַ מגפה, אָדער אַן אַנ- דער מין צרה, וואָס זאָל שטערן דידאָזיקע שטילקייט, בעת

וועלכער אין קאָסמאָס קאָפּ אַנטוויקלט זיך דער געדאַנק פון זיין אונטערגאַנג.

„איך האָב נישט געוווּסט פון קיין שום זאַך צו זאָגן. עליע האָט אפשר פון עפּעס יאָ געוווּסט, אָבער פאַר אונדז אַלעמען איז די זאַך קלאָר געוואָרן, בעת דער נעפּל איז צעשוווּמען און דער מאָרגנשטערן האָט געוואָרפן זיינע ווייסע תכריכים אויף אונדזערע פנימער און אויף דער ערד.

„מיר זענען פונקט דעמאָלט געווען אויף אַ וויסט פעלד; אין איין שורה האָבן מיר זיך באַוועגט אויפן געשלענגלטן וועג, טריט ביי טריט נאָך אונדזערע פערד. פלאָריטשיצאַ האָט געדרימלט, איינגעקאָרטשעט אין די ארעמס פון קאָסמאַן, וועל־כער האָט זי געטראָגן אויף זיין פערד; די ריטמישע באַ־וועגונגען האָבן איר איינגעוויגט און זי אַריינגעוואָרפן אין אַ מין פאַרגליווערקייט. קאָסמאַ האָט, קענטיק, פאַרגעסן פון דער גאַנצער וועלט, און זיין טריבער פנים האָט מיט אַ בייז אויג באַטראַכט זיין אוצר. דאָסדאָזיקע אויג פון אַ ווילדער חיה האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָ אויפן פנים מיט די רויקע בתולה־שטריכן, באַצירט מיט אַ מאַיעסטעטיש נעזל פון אַ קאָקאָטע, דאָ אויף די צאַרטע ליניעס פון איר בויך, וועלכע האָבן זיך אויסגעשניצט אויפן מאַנטל און זיך געפּאַלדעוועט פון טרייסלען.

„מיטאָמאָל שטעלט קאָסמאַ אָפּ זיין פערד און לאָזט אַרויס זיין טייערע משא; פלאָריטשיצאַ לאָזט זיך בויגן, ווי אַ קישעלע אויף די קני פון איר געליבטן. אירע אָפענע אויגן שמייכלען. די האָר לאָזן זיך אַראָפּ ביז צו דער ערד. אַקס־לען, ברוסטן און שענקלען זענען איצט בלויז אַ טיוולאָנישע האַרמאָניע.

„קאָסמאַ באַטראַכט דעמדאָזיקן אוצר פון קאָפּ ביז די פיס און שרייט אויס:

— וואָס! אָט דאָס איז אַ פעלד, וואָס האָט זיך גע־לאָזט באַאַרבעטן דורך אַלע אַקערס, און באַפרוכטיקן דורך אַלע זוימען? און איך, קאָסמאַ, וואָס וויל דאָס גאַנצע פאַר

זיך אַליין, דאַרף דאָס אויסהערן און נישט גיין תיכּף אָפּהאַקן די הענט, וואָס האָבן באַשפּיגן מיין גוטס?
„פלאָריטשיצאַ האָט פאַרבויגן די הענט אונטערן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן מיט אַ גוטמוטיקן ביטול:
— יאָ, קאָסמאַ... דו דאַרפסט דאָס אַלץ פאַרשטיין, און אויך דאָס: קיינער האָט נישט קיין אַכטונג צו אומבאַאַרבעטע פעלדער, אפילו דו אויך נישט.
„און מיט אַ שלאַנגען-באַוועגונג איז זי האַסטיק אַראָפּ-געשפּרונגען אויף דער ערד. איך און עליע האָבן מיר איר פון אויג נישט אַראָפּגעלאָזט.

„קאָסמאַ האָט זיך נישט גערירט פונם אָרט. אָבער דאָס בלוט איז אים אַריין אין קאָפּ: פלאָריטשיצאַס ענטפער האָט גוט געטראָפן. דאָס האָט נישט געקענט דורכגיין אָן אַן אויס-ברוך פון כּעס; און ווייל די באַרקעס פון דער פרוי זענען געווען צו שוואַך, כּדי איבערצוטראָגן דידאָזיקע משא, האָט ער זי גענומען אויף זיך. איידער מיר האָבן זיך געקענט אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך, האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דער ערד, זיך אויסגעצויגן אונ-טערן פערד, און אָנגענומענדיק מיטביידע שטאַרקע הענט די געשמידטע קאָפּיטע פונם פערד, האָט ער זי אַוועקגעשטעלט אויף זיין ברוסט. אינם זעלבן אויגנבליק האָט ער דעם פערד דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיטן פוס אין בויך. די חיה, נישט צו-געוויינט צו אַזאַ ברוטאַלישער באַהאַנדלונג, האָט אָנגעהייבן הירזשען און אַ שפּרונג געטאָן איבערן קערפּער פון איר באַ-לעבאָס.
„דערשראָקענע, זענען מיר אַלע דריי געקומען צו הילף. קאָסמאַס פּנים איז געווען געל ווי וואַקס, און בלוט האָט גע-שפּריצט דורכן מויל און דורך דער נאָז. אָבער זיינע גוטע אויגן האָבן אויסגעדריקט רויקייט. ער האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן אויף די געשרייען פון פלאָריטשיצאַן, אָבער אַ נייער בלוט-שטורץ האָט אים געשטערט.

ער האָט פאַוואָליע צוגעמאַכט די אויגן און געפאַלן אין חלשות.

„מיינענדיק צוערשט, אַז ער איז טויט, האָבן מיר אים איבערגעטראָגן אויפן פעלד. דאָרטן האָבן מיר תיכף באַמערקט, אַז ער אָטעמט נאָך; מיר האָבן אים אָפּגעוואַשן דאָס פאַר־בלוטיקטע פנים און צוריק אויפגעמונטערט.

„פלאָריטשיצאַ, אַ בלאַסע, האָט אַרויפגעלייגט זיין קאָפּ אויף אירע קני, באַזייטיקט זיינע האָר, וואָס זענען געווען צוגעקלעפּט צום פנים, אים דערלאַנגט אַ וואַרעמען קוש און געזאָגט:

— מיין פריינט... מיין פריינט... זיי אַ גוטער! באַרעכן זיך! און פאָדער נישט פון לעבן דאָס, וואָס עס קען אונדז נישט געבן?

„אָבער קאָסמאַ האָט געשריגן מיט אַ כאָרכלדיק קול:

— כ׳לאָך מיך אויס פון גערעכטיקייט און אומגערעכ־טיקייט... און דערפון, וואָס דאָס לעבן גיט אונדז... און דער־פון, וואָס עס גיט אונדז נישט... מיין ברוסט איז מיין גאַנץ לעבן. דאָס וואָס זי וויל, וויל איך אויך פאַרן פרייז פונם דאָזיקן לעבן. און איך וויל איצט אָפּשניידן די הענט, וואָס האָבן באַשמוצט מיין גוטס... און כ׳וועל זיי אָפּשניידן!

„ביי דידאָזיקע לעצטע ווערטער איז זיין בלאַס פנים ווידער פאַרפאַרבט געוואָרן. ווי אַנגעריבענער קופער האָט עס געפלאַמט אונטער די פלוצלונגע אָראַנזש־שטראַלן, וואָס די זון, אויפגייענדיק אויפן האָריזאָנט, האָט אים געוואָרפן אין פולן פנים. קאָסמאַ האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן און באַטראַכט דעם גלאַנצנדיקן פערטל־דיסק פון דער זון, וואָס איז גלייך פאַר זיינע אויגן אויסגעוואַקסן אין דער אומ־ענדלעכקייט. מיט אַן אָנשטרענגונג פון אַ שטאַרק־פאַרווונדעטן, האָט ער אַ וואָרף געטאָן זיין קערפּער פאָרויס, געשיקט דער פלאַנעטע אַ גרויסן, בלוטיקן שפּיי און מיט כעס אַרויסגע־זאָגט דידאָזיקע ווערטער:

— פאַר דעם וואָס האָט דיך באַשאַפן... און מיך... און די ערד... און...

„ער האָט זיך תיכּף אָפּגעשטעלט און צוגעמאַכט דאָס מויל, פונקט ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ תשובה. אָבער אַ שטראָם בלוט האָט אים אויפגעריסן די ליפּן און זיך צעגאָסן איבער זיין ברוסט.

„קאָסמאַ איז אַנידערגעפאַלן אויף פלאַריטשיצאַס קני, די אויגן אָפן, — אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט די טיפסטע שנאה צום לעבן. קיינער פון אונדז האָט נישט געוואָגט אים קומען צו הילף.

„עליע האָט מיר אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַוועק־געשלעפּט צום פאַרלאָזט פעלד.

* *
*

— דו דערוויטערסט מיך, כּדי איך זאָל נישט זען ווי אַזוי ער שטאַרבט? — האָב איך געפרעגט ביי עליען, ווען מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַביסל ווייטער. באַטראַכטנדיק אַ שפּאַרבער, וועלכער איז מאַיעסטעטיש געפלויגן אינדערלופטן, האָט ער זעזאָגט:

— כ׳גלויב נישט, ער זאָל שטאַרבן פון דערדאָזיקער וווּנד; קאָסמאַ איז אַ מענטש מיט זיבן לעבנס. אָבער כ׳גלויב, אַז ער וועט שטאַרבן אויב נישט היינט איז מאָרגן, אין אַ וואָך אַרום, אָדער אין אַ חודש אַרום, ווייל ער האָט מיט איין ווערעמל מער אין זיין קאָפּ, און דאָס וועט אים פּטרן... דאָס איז אַ קראַנקייט, פון וועלכער ס׳איז זיך שווער אַרויסצודרייען. כ׳וועל דיר באַלד דערקלערן, וואָס דאָס איז אַזוינס.

— אין האַרצן פון יעדן מענטשן דרימלט אַ וואָרעם, וואָס גריזשעט. ביי אַ שוואַכן מענטשן וועקט עס זיך קיינמאָל נישט אויף, אָדער ס׳וועקט זיך אויף זעלטן, כּדי אַ גאַניץ צו טאָן און ווידער איינצודרימלען. דאָס פּאַסירט ביי אַ מענטשן, וואָס שטרויכלט זיך צען מאָל אַ טאָג אינם זעלבן שטיין, ווערט

אין פּעס, זידלט זיך און הייבט נישט אויף דעם שטיין; אָדער, ווען זיין טיר סקריפּעט אויף די ריגלען, באַנוגנט ער זיך בלויז מיטן אויסרוף: אַך, ס'אַראַ פאַרשאָלטענע טיר! — און ס'פאַלט אים גאָרנישט איין, אַז מיט אַ קליין ביסל בוימל וועט די טיר אויפהערן צו סקריפּען. דעמדאָזיקן מענטש האָט גאָט באַשאַפן, איך ווייס נישט פאַרוואָס, סוף וואָך, ווען זיין מוח איז אים שוין געווען אויסגעמאַטערט נאָך אַזויפיל מערקווירדיקע זאַכן, וואָס ער האָט באַשאַפן פאַרן מענטשן. — אָבער דער טייוול, וועלכער האָט אין משך פון די זעקס טעג זיך אומעטום אַרומגעשלעפּט און קריטיקירט דעם אויבערשטן, האָט אויסגענוצט דעם זונטיקדיקן טאָג און אַריינגעגעבן אין מענטשלעכן שאַרבן גאָך אַ ווערעמל, דאָס טייוולאָנישע ווערעמל, וואָס רעגט אויף דעם מענטשן, ווי נאָר עפּעס געפעלט אים נישט, אָדער ווען עפּעס דערצערנט אים. אָבער בלויז איין נאַכט איז געווען גענוג, דער נאָרמאַלער מענטש זאָל אָנפּלאָדיען אויף דער ערד אַ היבש ביסל נאַראָנים; און דערפאַר טאַקע זעט מען זייער קנאַפּ מענטשן, וואָס מאַכן זיך קאַליע דאָס בלוט. ס'זענען אָבער אויך באַשאַפן געוואָרן אַ סך מענטשן מיט איין ווערעמל מער אין שאַרבן, וועלכע שפּרייזן אַרום אויף דער ערד, כּדי צו שטערן די געטלעכע מנוחה. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער הייליקער פּעטער איז איינמאָל געקומען זיך באַקלאָגן פאַר גאָט: „האַר פון דער וועלט — האָט ער געטענהט, — מיין פּאַסטוך איז נישט ווי דיינער: רויק, קלוג, געהאָרכזאַם און גוט. מיינער איז אַ גרויסער סקאַנדאַליסט: אויב אַ שעפעלע פאַרבלאָנקעט זיך, גייט ער אַוועק עס אָפּזוכן מיט אַלע זיינע הינט און לאָזט איבער די גאַנצע סטאַדע אין רשות פון די וועלף; אויב דאָס קעז איז מיט אַ קליינעם ריח, וואַרפט ער עס מיר אין פּנים; און אויב אַ פליי גיט אים אַמאָל אַ ביס ביינאַכט, קערן זיך דעמאָלט וועלטן, און ער לאָזט מיר נישט שלאָפן. האַר פון דער וועלט, ב'האָב פון אים אַ סך צרות". דער אויבערשטער האָט גענומען דעם שטעקן און איז תּיכּף אַוועק מיט זיין בעל-יועץ.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן געמייזאַכץ, איז דעם אוי־
בערשטנס פּאַסטוך פּונקט געשלאָפן, מיט אַן אָפן מויל. ער
האָט זיך תּיכּף אויפגעכאַפּט און זיי הכנעהדיק באַגריסט. דער
האַר האָט אים געגעבן אַ ברכה. אָבער דער פּאַסטוך פּונם
הייליקן פּעטער איז געבליבן זיצן אויף אַ בערגל און האָט
אַזוי ליידנשאַפטלעך געשפּילט אויף אַ פלייטע, אַז גאָט אַליין
האָט אים געמוזט אויסהערן די זיסע טענער. דערנאָך האָט ער
אים אַ ריר געטאָן ביים אַקסל: „זאָג נאָר, פריינט, פאַרוואָס
פאַרלאָזטו די שמירה פון דער גאַנצער סטאַדע, צוליב איין
שעפעלע, וואָס ווערט פאַרבלאָנקעט? — „ווייל שטענדיק ווערט
פאַרבלאָנקעט איינס פון די, וואָס כ'האָב אַמייסטן ליב", —
האָט אָפּגעענטפערט דער פּאַסטוך אָן שום העפלעכקייט. דעם
אויבערשטן איז עס שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן. „מיין
קינד, דו ביסט דאָ בלויז אויף דער דינסט. ליב האָבן אָדער
פיינט האָבן איז נישט קיין ענין פון קיין באַדינער!" דער
פּאַסטוך איז אין כּעס געוואָרן: „וואָס, בין איך דען נישט
קודם כּל קיין מענטש?" דערזעענדיק, אַזאַ מין חוצפּהניק, האָט
דער אויבערשטער אָנגעשיקט אויף אים אַ שווערן שלאָף,
באַטראַכט ביי אים דעם שאַרבן און אויסגעשריגן: „אַוודאי,
דאָס איז דאָך דעם טייוולס אַרבעט: דער שאַרבן האָט מיט
איין ווערעמל מער!" און ער האָט עס ביי אים אַרויסגענומען.
דער פּאַסטוך האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ רויקער, אַ קלוגער, אַ
געהאָרכזאַמער און אַ גוטער. ער האָט געבעטן מחילה ביי די
באַזוכער, וואָס האָבן אים געטראָפן אַ שלאָפעדיקן. ער
האָט זיי הכנעהדיק באַגריסט, נישט געטראַכט מער וועגן זיין
פלייטע, און נישט געהאַט מער קיין ליבע, קיין שנאה —
פּונקט דאָס, וואָס ס'פאָדערט זיך פון אַ באַדינער. קאָסמאַס
איבעריק ווערעמל, איז זיין גאַנץ לעבן. ווען איך בין גאָט,
וואָלט איך עס ביי אים געוויס אַרויסגענומען. ס'איז ביי מיר
גאָר קיין ספק נישט, אַז ער וועט שטאַרבן... זיין בייסנדיק
ווערעמל, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן דורך דערדאָזיקער
פּרוי, וועט מאַכן פון אים אַ סוף. אויב מען קען אים

אָפּראַטעווען, דורכן אָפּשניידן די צוויי פֿריצישע הענט, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום זיין גוטס, וועל איך אים גערן מיטהעלפֿן...

„עליע האָט נישט אַרויסגעזאָגט זיינע אַלע געדאַנקען.

„כ׳האָב נישט געוווּסט, וואָס איבערצוטראַכטן... כ׳האָב נאָר געוווּסט, אַז קאָסמאַ איז שטאַרק קראַנק, אַז ער מוז אומבאַדינגט שטאַרבן. דאָס האָט מיר גאַנץ שטאַרק וויי געטאָן.

„מיר האָבן זיך געפֿונען אויף די שטחים, וואָס ציען זיך צווישן סערנאַוואָדאַ און קאַלאַראַזי, אויף גאָר אַ קליינעם מהלך וועג פֿונעם וואַלד, ווו ס׳האָבן גערוט אונדזערע העלדישע חברים. מיט גרויס אומגעדולד האָבן זיי אויסגעקוקט זייערע אָנפֿירער, וועלכע זענען דרייסט אַוועק אַליין, כּדי מיך צו באַפֿרייען. זיי האָבן נישט געוווּסט, צי מיר לעבן נאָך, אָדער מיר זענען שוין טויט. ווען נישט קאָסמאַס פֿלוצלונגער כּעס, וואָס האָט אונדז צוגעשמידט צום אָפֿענעם פֿלאַכלאַנד, וואָלטן מיר שוין איצט געדאַרפֿט זיין צוזאַמען מיט אונדזערע חברים.

„וואָס וועט איצט ווערן פֿון אונדז? ס׳איז געווען אַ סכּנותדיק אָרט. נישט ווייט פֿון אונדז האָט זיך געצויגן דער קרייז-וועג, און אַ ליאַדע רגע האָט מען אונדז געקענט באַמערקן, בפֿרט נאָך, אַז דער דורכגאַנג איבערן דונײַ, מיטן פּאַראָם פֿון סערנאַוואָדאַ, איז געלעגן אויף אַן אָנדערטהאַלבן מייל פֿון אונדז.

„אַ ציטער איז מיר אַדורך איבער די ביינער... כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף עליען: ער איז געווען פֿאַרטראַכט. זיין שטערן, תּמיד גלאַט, איז דאָס מאָל געווען פֿאַרקנייטשט. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז אַפֿילו זיינע אויסגעמאָסטענע טריט האָבן געטראַכט. אַלץ האָט געטראַכט. זיין „געבאַ“, לאַנג ביז צו די ליטקעס, האָט אים צוגעגעבן אַן ערנסטקייט פֿון אַן אויפֿריכטיקן מאָנאַך. קיין שום פֿויגל אין דער לופֿט!... אויפֿן פֿלאַכלאַנד שטיל, ווי אויף אַ בית-עולם!... בלויז איינצלנע דיסטל-

פלאַנצונגען האָבן שטיל געשאָקלט מיט די קעפּלעך, און עט־לעכע זאַמדיקע בערגלעך, וועלכע האָבן דאָ און דאָרט גע־וואַקסן, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָבן מיט זייער קעגנוואַרט עטוואָס צאַרטער געמאַכט די טרוקנקייט פון דעמ־דאָזיקן מדבר.

„מיט זיינע טריבע טריט איז עליע אַוועק צו איינעם פון דידאָזיקע בערגלעך, אויף וועלכן מיר זענען אַרויפגע־שטיגן. און דאָרט, אינדערהויך, קוקנדיק אויף קאָסמאַן און פלאַ־ריטשיצאַן, וועלכע זענען די גאַנצע צייט געזעסן אויף דער ערד, קוים וואָס מען האָט זיי אַרויסגעזען, האָט ער אַרויס־געצויגן דעם מושקעט פון אונטערן מאַנטל און געזאָגט:

— מיר וועלן באַלד זען, ווי ווייט קאָסמאַ איז קראַנק!

„און אין דערזעלבער רגע האָט ער אויסגעשאָסן. מיט אַ רגע שפּעטער איז קאָסמאַ געשטאַנען אויף די פיס, מיטן פּנים צו אונדז, די הענט אויפגעהויבן צום הימל, וואָס האָט געזאָלט באַדייטן: שמעקט דאָ מיט סכנה?"

„עליע האָט אָנגענומען דעם מושקעט פאַר דער קאָלבע אויפגעהייבן אים איבערן קאָפּ, געפאָכעט עטלעכע מאָל איב־דערלופטן, וואָס האָט געזאָלט באַדייטן: „אַ ל ץ א י ז א י ן אָ ר ד ע נ ו נ ג!"

„דער שטערן האָט זיך ביי אים אויסגעגלייכט, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַך, אויסגעצייכנט! אַבי ער קען זיך האַלטן אויף די פיס!

„מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען פון בערגל. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף פאַרדאַרטע קאָזענע באָבקעס.

— נישט ווייט פון דאַנען מוזן זיך געפינען סטאַדעס. לאָמיר גיין אָפּזוכן אַ קליין לעמעלע.

„און, באמת, ביים זוים פונם פלאַכלאַנד האָבן מיר דער־זען אַ גרויסע לאַנקע, באַוואַקסן מיט קוסטעס און ווערבעס, וו ס'האָבן זיך געפּאַשעט שעפּסן אָן אַ שיער און אָן אַ ברך. דערנענטערנדיק זיך, זענען געפערלעכע הינט אויף אונדז

אָנגעפּאַלן. מיט איין געשריי האָט זיי דער פּאַסטוך צוריקגע־רופן און, באַרויקטע, האָבן זיי זיך אַוועקגעלייגט בײַ זײַנע פּיס, דריי־ענדיק מיט די עקן. דער פּאַסטוך איז געווען גרויס ווי אַ ליליפּוט. אַ שוואַרצער, שטאַרק באַוואָקסן, די „קאַסיולאַ” אַראָפּגערוקט ביז איבער די ברעמען, פולשטענדיק איינגעהילט אין אַ לאַנגער „סאַריקאַ”, האָט ער אונדז אָפּגעוואַרט, שטייענדיק מיט דער גאָמבע אָנגעלענט אויף אַ גרויסן שטעקן. מ'האָט נישט גע־קענט וויסן, צי ער איז געווען באַוואָפנט, אָדער נישט. אָבער דער פעסטער ווילן אויף זײַן פּנים, אויסגעשניצט פון רייכע איבערלעבונגען, די רויקייט פון זײַן קערפּער, און איבער־הויפּט דאָס קליינע און שוואַרצע אויגל, וואָס האָט אונדז דורכ־גענישטערט די בייכער פונדערווייטנס, האָבן אויפגעוועקט גרויס דרך־ארץ ביי יעדן מענטשן, וואָס האָט אַ באַציונג צו מענטש־לעכע שיינקייט. נאָר אַן אויסוווּרף וואָלט געקענט הרגענען אַזאַ מענטשן, און דאַמאָלס וואָלט זײַן פאַלן געמאַכט אויפ־ציטערן די גאַנצע ערד.

„צען טריט פאַר אים, האָט זיך עליע אָפּגעשטעלט:

— גוט מאָרגן, פּאַסטוך! האָב נישט קיין מורא, דאָס באַגריסן דיך פריינטלעכע מענטשן.

— זייט געבענטשט, וואַנדערער, און זאָל אייער געדאַנק אויך זײַן אַזוי פריינטלעך, ווי דאָס וואָרט.

— אונדזער געדאַנק איז קודם־כּל אָט וועלכער: ביסטו דער באַלעבאָס פון דערדאָזיקער סטאַדע, אָדער אַ פּשוטער משרת?

— כ'בין דער באַלעבאָס איבער מיין ווילן. אַ דאַנק דערדאָזיקער סטאַדע לעב איך אויף דער פריי.

— אויב אַזוי, טאָ זאָג־זשע אונדז, וויפל „ספּאַנזעס” דאַרפן מיר דיר באַצאָלן פאַר אַ לעמעלע, וואָס וועט קענען שטילן דעם הונגער פון פיר פעסטע מענטשן.

— די „ספּאַנזאַס”, טייערע, גיבן נישט צו קיין ערנסט־לעכקייט. אַזוי־ווי ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן הונגער, טאָ נעמט

זיך אָט דאָס לעמעלע, וואָס האָט אַ מיאוסע פעל. עסט עס בעזונטערייט, און דאַנקט מיר אין אייער געדאַנק.

„די זון האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט מער פון אַ פערטל פון איר וועג אויפן הימלישן קופאָל, ווען מיר זענען צוגעקומען צו קאָסמאַן און פלאָריטשיצאַן מיט אַ לעמעלע אונטער עליעס אָרעם. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ געצעלט און זענען שווייגעווודיק געבליבן ליגן אין שאָטן. די פערד, באַפרייט פון אונדזער משא, האָבן זיך רויק געפּאַשעט. אויף די פאַרגליווערטע בלוט-פלעקן האָבן זיך אָנגעקליבן גרינע פליגן. עליע האָט זיי באַשאָטן מיט ערד. נאָכדעם, נישט זאָגנדיק קיינעם קיין וואָרט, — איז ער אַוועקגעגאַנגען ווייט אין די קוסטעס, און איז צוריקגעקומען זייער שפּעט מיטן אָפּגעבראָטענעם לעמעלע. ער אַליין איז געווען שוואַרץ פון אַש און גלאָזוניעס.

„מיר האָבן קיין ברויט נישט געהאַט. ווייַן קוים האַלבע פלאַסקאַ. עליע האָט אויסגעשפּרייט אַ לייוונט אויף דער ערד און צעשניטן דאָס לעמעלע. פלאָריטשיצאַ, קענטיק אַן אויסגעהונגערטע, איז צוגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט אויפן טערקישן שטייגער. קאָסמאַ האָט אויך געטאָן דאָסזעלבע, נאָר אָן חשק, מאַכינאַליש. מען האָט געזען, אַז מיטן געדאַנק איז ער געווען ערגעץ ווייט: ער איז נישט געווען צווישן אונדז. עליע האָט אים צוגעגעבן מוט.

„ער האָט זיך אָפּגעדעקט און, אַרויפּציענדיק אויפן פּנים אַן אַפּאָסטאָלישן גלויבן, האָט ער געזאָגט:

— לאָמיר זיך אונטערוואַרפן, פּריינט מיינער, די געזעצן, וואָס זענען נישט געמאַכט געוואָרן דורך אַ מענטשלעכע האַנט.

„קאָסמאַ האָט אים אויפן אָרט אָפּגעענטפערט:

— איך וואַרף זיך נישט אונטער

— ... און לאָמיר זיי אָננעמען אַלס אַ געזעץ אין אונדזער לעבן...

— ... איך נעם גאָרנישט אָן!

„עליע איז געבליבן אָפּהענטיק. גינסטיק געשטימט, האָט ער מער נישט געוואָלט דענערווירן קאָסמאַן און דער ערשטער זיך גענומען צום עסן. מיר האָבן שוין אַלע געהאַט אָפּגע־געסן, בעת קאָסמאַ האָט נאָך קיין דריי ביסנס נישט פאַרזוכט און קיין דריי זופּן נישט אויסגעטרונקען. ער האָט זיך דער ערשטער באַאומרויקט:

— ברודער עליע, איך בין אַריינגעטראָטן „אינם יאָר פון מיין טויט”... זינט איך געדענק זיך אויף דער וועלט האָט נאָך קיינמאָל ביי מיר דער פּעס נישט אָוועקגענומען דעם אַפּעטיט. ברודער עליע, וואָס טראַכסטו דערפון?

„עליע האָט אים אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן:

— באַדע *) קאָסמאַ, כ'מיין אַז דו וועסט שטאַרבן...

„אויך קאָסמאַ איז אַריין אין פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט:

— נישט אמת, עליע, אַז כ'וועל שטאַרבן! און הרגע־נען וועט מיך פלאָריטשיצאַ!

„די פרוי האָט פּראָטעסטירט:

— כ'האָב דיך דאָך ליב, קאָסמאַ!... כ'האָב דיך דאָך פון שטענדיק אָן ליב געהאַט!

„קאָסמאַ האָט איבערגעחזרט:

— דו האָסט מיך שטענדיק געליבט... און דאָך ביסטו די שולדיקע!...

— וואָס האָסטו געטאָן, קאָסמאַ, מיט די אומשולדיקע, וואָס זענען צו דיר געקומען?

— כ'האָב זיי אויפצומאָרגנס פאַרגעסן. דאָס איז נישט מיין שולד, דאָס איז גאָטס אַ זאַך. בלויז ער קען אויפקלערן די אומגערעכטיקייטן פונם מענטשן, ווייל ער האָט געגעבן דעם מאַנסביל אַ טאָרבע וואָס פּלאַצט פון תאווה, און דעם

*) באַדע: אַ פאָלקס־טיטל, וואָס מען גיט אָן עלטערן, אַלס באַווייז פון דרך־ארץ.

חשק צו שטרעבן תּמיד צום קוואַל, וועלכער איז דורך קיינעם נישט באַרירט געוואָרן!

„עליע האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און זיך אַריינגעמישט:

— אמת, קאָסמאַ... אויב אַפילו גאָט איז גערעכט, ווער ער זיך אין דעם ענין פאַרפּלאָנטערן. קאָסמאַ, איך האַלט פון דיר, צוזאַמען מיט דיין משוגעת. און אויב, כּדי אַרויסצורייסן דיך פונם טויט, איז נויטיק אַ נקמה, וואָס פּאַסט אַפילו נישט פאַר אונדזער כּבוד, גיב איך דיר שוין איצט מיין האַנט צו העלפן. זאָג זשע מיר אויף וועמען ביסטו אין כּעס?

— אויף גאָט! אויף דער גאַנצער וועלט!

— מיר קענען זיך אָבער נישט שלאָגן, נישט מיט גאָט און נישט מיט דער וועלט! און אויב דיין אומגליק שטאַמט פון פּלאָריטשיצאַן, איז זי אויך דערין נישט שולדיק.

— כ'האָב קאָסמאַן קיין שום שלעכטס נישט געטאָן, האָט זיך פּלאָריטשיצאַ באַקלאָגט. אַנדערע האָב איך יאָ שלעכטס געטאָן, למשל דעם אַרכאַנט סאַמוראַקיס, וואָס איז דורך אייך לעבעדיקערייט פאַרברענט געוואָרן...

— גאַנץ פיין!... האָט קאָסמאַ געקריצט מיט די ציין.

— ... אָדער ווי מיטן פּאשאַ פון סיליסטרע!

— ... דער פּאשאַ פון סיליסטרע? דיך האָט דערדאָזיקער כּלב באַשמוצט, און איך זיץ דאָ און עס דאָס לעמעלע, אַנשטאָט צו גיין תּיכּף — אים אָפּבייסן זיינע אויערן?

„ביי דידאָזיקע ווערטער איז קאָסמאַ אויפגעשפּרונגען פון אָרט, און דאַמאָלס האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט אויסגעקוקט אין מיינע אויגן, ווי אַ פייער-עקספּלאָזיע.

„מיר זענען אַלע געווען אויף די פיס. אַ בלאַסער, האָט קאָסמאַ מיר אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און געזאָגט:

— ירמיהו, כ׳לייד, מ׳האָט מיר מיין כבוד פאַרפלעקט; כ׳פיל דיליידן פון אַ שפּילער, וואָס האָט פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן און איז מיטאַמאָל רוינירט געוואָרן. ווילסטו אַרויסווייזן דיין גרויסמוטיקייט? ווילסטו. פונקט ווי עליע, מיר אויסשטרעקן דיין יונגע האַנט אויף אַ נידריקן טאַט? ס׳איז אַ געמיינער טאַט, מיין קינד, אָבער מעגלעך, אַז דער־פון וועט מיר לייכטער ווערן: כ׳וויל אַריינגיסן קאָכעדיק בליי אין האַלדז פונם פּאשאַ פון סיליסטרע! קום! העלף מיר! דו ביסט מיין זון, מיר האָסטו צו פאַרדאַנקען דיין לעבן און דיין פרייהייט!

„פלאָריטשיצאַ איז אַריינגעשפּרונגען צווישן אונדז, ווי אַ טיגערן, און אונדז צעטיילט מיט געוואַלט:

— אַ ליגן... האָט זי געשריגן, און די אויגן האָבן איר אַרויסגעטאַנצט פון קאָפּ. אַ ליגן! מיר האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין לעבן און זיין פרייהייט! ער איז די פרוכט פון אילוזיע און ער מוז ווידמען זיין לעבן דעם טרוים. איך בין זיין מוטער!

„ווי דורכגעשאָסן דורך אַ קויל, זענען מיר אַלע דריי אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט, בעת פלאָריטשיצאַ איז געבליבן שטיין, אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע.

„קאָסמאַ האָט זיך אַ רייב געטאָן דאָס פּנים מיט דער האַנט און געפרעגט מיט ברען:

— ווער ביסטו, סודותדיקע פרוי? ביסטו נישט אַמאָל די קליינע טשאָבאַניטשאַ פונם סאָסנע־וואַלד? ביסטו נישט אַמאָל יענע, וואָס האָט זיך באַוויזן, מיט אַ קינד אויף די הענט, עס אַוועקגעלייגט אויף מיין וועג און פאַרשוווּנדן גע־וואָרן?

„פלאָריטשיצאַ האָט איבערגעקרייצט די הענט אויף איר ברוסט און געענטפערט מיט אַ קול, דורכגעווייקט פון פון טרערן; ס׳האָט מיר געריסן ביים האַרץ און איך האָב זיך דערמאָנט אָן איר נאַכט־וויזיט, אין מיין טרויעריקער קאַליבאַ, ביים אַרכאָנט:

— כ׳בין די, וואָס האָט געוואָלט האָבן דאָס גאַנצע גליק, וואָס האָט געוואָלט מיט אָפענע אויגן חלומען אויף דער זון און זיך דערפאַר די אויגן אָפּגעבריט: דאָס ביסטו, קאָסמאַ, געווען מיין זון אויף איין אויגנבליק, אין אַ נאַכט פון חלומות און דעמאָלט האָסטו מיך אויסגעלערנט צו קוקן מיט אָפענע אויגן אויפן לעבן! פון דעמאָלס בין איך געגאַנגען מיין וועג, כ׳האָב דורכגעמאַכט אַלע זיבן גיהנומס און צוריק צו דיר געקומען, אַן אויסגעלייטערטע. כ׳וויל שוין נישט דאָס גאַנצע גליק פאַר זיך אַליין! צום באַדויערן, האָסטו נישט דורכגעמאַכט דעמזעלבן וועג וואָס איך, און דו ווייסט נישט, וואָס ס׳איז אַזוינס רחמנות. די אומגערעכטיקייט צעבונטעוועט דיך דאַמאָלס, ווען ס׳איז דיר אַליין נוגע, און כדי צו באַפרידיקן איינע פון דיינע תאוות ביסטו גרייט איבערצוקערן די וועלט. דאָך וויל איך דיר באַווייזן, קאָסמאַ, אַז דו ביסט פון שטענדיק אָן געווען מיין גאָט. דו גלייבסט, אַז אַ געמיינע נקמה וועט באַפרייען דיין האַרץ פונם צאָרן, וואָס נאָגט עס, און דו ווילסט באַפלעקן מיט שאַנדעבלוט דיינע הענט, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן צו צערייסן קייטן; נאָכמער דו ווילסט מאַכן פון ירמיהון אַ נידערטרעכטיקן בלוטדורשטיקן הענקער, בעת זיין יונג האַרץ דאַרף בלויז וויסן דאָס ברויזן פון אמתן אויפשטאַנד. גוט, איך בין גרייט אייך אָנעקצופירן צום פּאַשאַ פון סיליסטרע, נאָר מיטן באַדינג, אַ דו וועסט מיך פאָלגן. שווער מיר, אַז דו וועסט מיך פאָלגן!

— וואָס פאָלגן? — האָט אויסגעשריגן קאָסמאַ, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ. גוט, פלאָריטשיצאַ, כ׳וועל דיך פאָלגן, איך, וועלכער האָט תמיד געפאָלגט בלויז דעם ווילן. אָבער דאָס באַווייזט מיר נאָך אַן איבעריק מאָל, אַז איך בין אַריינגעטראָטן „אינם יאָר פון מיין טויט״. קאָסמאַ איז שוין מער נישט קאָסמאַ, פון דער רגע אָן, ווען ער ווערט געהאָרכזאַם!

* *

*

„די פרוי מוז האָבן פאַרבאָרגן אין אירע קליידער עפּעס פונם סוד, פון ששת ימי בראשית.

„דערדאָזיקער געדאַנק איז מיר אַרויף אויפן זינען, צו־קוקנדיק זיך, ווי פלאָריטשיצאַ רייט זייט ביי זייט מיט קאָס־מאַן, בעת איך מיט עליען זענען זיי נאָכגעפאָרן פון הינטן. זי איז געזעסן אויפן פערד, ווי אַ מאַנסביל. איר ברייטע קלייד האָט איר נישט געשטערט צו פאָרן אויף אַ מענלעכן זאָטל; בלויז אירע פיס, באַצויגן מיט זאָקן פון רויען זייד, האָבן זיך אַרויסגעזען ביז צו די קני, — פיס וואָס וואָלטן געקענט פאַרדרייען דעם קאָפּ אַפילו אַ נזיר, וועלכער האָט אַן עקל צום לעבן. איר גלייכע פיגור, פריי אינם אויבער־מלבוש, אָן אַרבל, האָט זיך ריטמיש און גראַציעז געשאָקלט ביי יעדן טריט פונם פערד, בעת איר קאָפּ האָט זיך אָן אויפ־הער געדרייט, ווי אויף אַ שרויף, נישטערנדיק מיטן בליק דעם אָנסופיקן פליין. וויסנדיק, אַז מיר האָבן איר צוגעזאָגט צו זיין נעהאָרכזאַם, האָב איך זיך דעמאָלט געפרעגט, ווו ס׳גע־פינט זיך דערדאָזיקער ווילן, וואָס מען האָט אונדז אָנגע־וואָרפן: אינם דאָזיקן קליינעם לייכטן קעפל, אָדער אין די סודותפולע קליידער, וואָס האָבן צוגעדעקט דעם גאַנצן רוקן פונם פערד.

„קאָסמאַס שווערע מאַסע, וואָס האָט שוין מער נישט אָנגעפירט, האָט זייט ביי זייט מיט איר אויסגעקוקט אומבאַ־וועגלעך. און עליע!... ער האָט גאָרנישט פאַרלוירן און גאָר־נישט געוווּנען. ס׳איז מיר דאָך אויסגעקומען אויסטערליש, וואָס אַ פרוי האָט מיטאַמאָל באַהערשט קאָסמאַס ווילן און עליעס שכל.

„און זי האָט זיך געהאַלטן פאַר מיינע אַ מוטער! און קאָסמאַ האָט זיך אָנגערופן מיין פאָטער! און זיי זענען ביי־דע איצט געגאַנגען פאַרווירקלעכן אַ פּלאַן וואָס האָט זיך מיר פשוט אויפן שכל נישט געלייגט: פאָדערן אַ דין־וחשבון ביים פּאשא פון סיליסטרע דערפאַר, וואָס ער האָט ליב געהאַט פלאָריטשיצאַן פאַר קאָסמאַן אָדער נאָך קאָסמאַן, — געוויס

ווייס איך נישט! אין וואָס באַשטייט אייגנטלעך דעם פּאַשאָס שולד? און מיט וואָס פאַר אַ רעכט גייט קאָסמאַ נקמה נע־מען? און פאַרוואָס לאָזט ער איבער אונדזערע חברים, זיי זאָלן וואַרטן אויף אונדז אין גרויס אַנגסט?

„וויפל פאַרנעפּלטע זאַכן!

„ס'איז מיר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן, זינט קאָס־מאַ איז געוואָרן הכנעהדיק, ווייל כ'האָב אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר אים. עליע האָט אויך געהאַט אַ צופרידן פּנים. ווי ס'האָט אויסגעוויזן, האָט אונדזער אונטערנעמונג נישט גע־דאַרפט זיין צו טראַגיש. חוצדעם בין איך געווען צופרידן, וואָס כ'וועל האָבן די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אַן אמתן פּאַשאַ, נאָכדעם ווי כ'האָב שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַן אַרכאַנט.

„כדי צו קומען קיין סיליסטרע, האָט מען געדאַרפט אי־בערפאָרן דעם דונײַ מיט אַ פּאַראָם. פלאָריטשיצאַ האָט פאַר־קערעוועט אונדזערע פערד צום מלוכה־שאָסיי, אָנשטאָט צו נע־מען זיך מיט אַ זייטיק וועגל; און אויף קאָסמאַס אַ באַ־מערקונג, אַז דערדאָזיקער וועג איז סכּנותדיק, האָט אונדזער קאָמענדאַנט אין דער קלייד אָפּגעענטפערט מיט אַ שפּאַס:

— אויס פאָרזיכט איז תּמיד גלייכער צו באַוועגן זיך אויף אַ גוט פאַרבאָרגענעם וועג; נאָר אויף דעמדאָזיקן אָפּע־נעם פליין, ווו מ'קען פאַר אַ מייל באַמערקן, ווי אַ קליין מייזעלע בערשטלט זיך די וואָנסעס, לוינט נישט צו האַלטן זיך אויף קליינע וועגן. מיר וואָלטן געווען אין דער לאַגע פון אַ שטרויס, וואָס פאַרבאַהאַלט זיך אויף אַזאַ אופן, אַז ער ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון די יעגער. ס'איז פיל בע־סער צו לאָזן זיך אויפן ברייטן טראַקט, ווו מען באַגעגנט בלומרשט בלויז אָרנטלעכע לייט, און אויסרעכענען אויף דעם „גראַם פון גליק", וואָס ווייזט אַמאָל אַרויס גאַנצע נסים. האָט איר געהערט די מעשה דערפון?

„מיר האָבן פון איר נישט געהאַט.

— מ׳זעט באַלד, — האָט זי זיך אָנגערופן, — אַז איר זענט אין קיין שולע נישט געווען. האָרכט אויס, — וועל איך זי אייך דערציילן. צוויי מענטשן זענען צוזאַמען געגאַנגען אויף אַ וועג אינמיטן פעלד. איינער פון זיי האָט פאַרמאָגט „אַ טאָן חכמה”. דער צווייטער „אַ גראַם גליק”. די נאַכט האָט זיי פאַרכאַפּט צווישן צוויי דערפער, און זיי האָבן באַשלאָסן צו שלאָפן אונטערן פרייען הימל. נישט טראַכטנדיק קיין סך האָט זיך דער פאַרשוין מיטן „גראַם גליק” איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט דער געבאַ און זיך אויסגעצויגן אויפן מיטן וועג. דער צווייטער, וואָס האָט פאַרמאָגט „אַ טאָן חכמה”, האָט אַ טראַכט געטאָן: „ס׳קען נאָך דורכפאָרן אַ פור און מיך צעקוועטשן”. און ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן גראָז, ביי דער זייט פונם וועג. שפּעט אין דער נאַכט איז דורכגעפאָרן אַ קאַרעטע, געשפּאַנט אין צוויי פערד. צוקומענדיק צום שוואַרצן פלעק אויפן מיטן וועג, האָבן זיך די פערד דערשראָקן, אַ שפרונג געטאָן אין אַ זייט און צעקוועטשט דעם בחור, וואָס איז געשלאָפן אויפן גראָז. — ס׳איז בעסער אַ „ד ר א כ מ ע” גליק, איידער אַ וואָגן חכמה, זאָגט בפירוש דער רומענער. אָט אויף דעם גליק דאַרפן מיר איצט רעכענען, כדי צוצוקומען צום פאַראַם. און אויב דאָס גליק וועט אונדז נישט דינען, דאַמאָלס פאַרבלייבן אונדז די קוילן פון אונדזערע מושקעטן און די פיס פון אונדזערע פערד.

„אויף אונדזער גליק האָבן מיר זיך נישט געבייטיקט נישט אין קיין „גראַם” און נישט אין קיין „טאָן”. ס׳איז מיט אונדז גאָרנישט געשען. אָבער די גאַנצע אַוואַנטורע האָט מיך אויפגעבראַכט, ווייל אויף דעם אומגינסטיקן פלאַץ האָבן מיר זייער לייכט געקענט אַריינפאַלן אין די הענט פון די פאַטרולן. און צוואָס האָט מען עס געדאַרפט? צי וועלכע שוואַרץ יאָר האָט זיך קאָסמאַ פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַ

פּאַשאַ? אָבער מיר אַלע האָבן אים דאָך ליב געהאַט, דעריי-בער האָבן מיר אים נאָכגעגעבן.

„כ'האָב וועגן דעם געכאַפּט אַ שמועס מיט עליען. ער האָט מיר דערקלערט:

— קאָסמאַ איז אַריינגעטראָטן „אינם יאָר פון זיין טויט". ער וויל פאָדערן ביי דער זון, זי זאָל ענדערן איר ריכטונג און פאַרניכטן דאָס, וואָס זי האָט געמאַכט. דאָס איז אַן אומ-מעגלעכע זאַך. און קאָסמאַ וועט שטאַרבן. אָבער מיר טאָרן אים אין קיין שום זאַך נישט אָפּזאָגן, אפילו ווען ס'וועט אונדז אויסקומען איינצושטעלן דאָס לעבן צוליב אַ נאַרישקייט. ווייל וויסן זאָלסטו, ירמיהו: די נאַרישקייט פאַרנעמט אינם לעבן אַ גרעסערן אָרט, ווי די חכמה.

„כ'בין נישט געווען צופרידן מיט עליעס ענטפער, און דער געדאַנק צו זען אַן אמתן פּאַשאַ איז מיר שוין נישט געווען מער אָנגענעם פון דער רגע אָן, ווען מ'האָט געדאַרפט זיך אָנשטויסן מיט פּאַטרולן. כ'בין קוים אַרויסגעקראָכן פון איין קנעכטשאַפט, און מעגלעך, אַז אַ צווייטע לאָקערט שוין אויף מיר, אויף יענער זייט פונם דוניי. און אפשר גאָר דער טויט?

„כ'האָב זיך אָנגעבלאָזן. קאָסמאַ האָט עס באַלד באַמערקט און פאַרשטאַנען אין וואָס ס'האַנדלט זיך. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן מוטיק, העלדיש, נאָר פאַרדאגעט. ער האָט זיך אָפּ-געשטעלט, זיך דערנענטערט און אַ זאָג געטאָן צו מיר מיט אַזאַ אָפנהאַרציקייט, אַז דאָס בלוט איז אין מיר פאַרגליווערט געוואָרן.

— ערשט פאַריקע נאַכט האָב איך דיר דערקלערט, אַז סיי ביי גרויסע פריידן, סיי ביי גרויסע צרות, פאַרבלייבן מיר שטענדיק אַליין, קיינער קען אונדז נישט נאָכגיין. דו זעסט דאָך, אַז כ'בין געווען גערעכט: אָט בין איך איצט צעבראָכן און צעשטאָכן דורכן גרעסטן אומגליק, און... כ'בין איינזאַם. אַלזאָ, מיינע פריינט, איך צווינג קיינעם נישט נאָכצוטאָן מיי-נע משוגעתן. גייט אַלע דריי אַוועק צו אונדזער באַנדע. עליע

ווייס דעם וועג. און איך... איך וועל גיין איינער אַליין אַהין, זוהין מיין אומגליק שטופּט מיך, אַליין מיט מיין פערד, מיט מיינע צוויי מושקעטן, מיינע פיר פּיסטאָלעטן, מיין קינזשאַל, מיין העמד און מיין גורל...

„כ'האָב אים נישט געלאָזט ווייטער רעדן. כ'האָב אים אַרויפגעשפּרונגען אויפן האַלדז און אַרומגענומען. ער איז פאַרבליבן קאַלט און גלייכגילטיק צו מיר און צו מיינע געפילן, פּונקט ווי צו די ווערטער פון די איבעריקע, וועלכע האָבן אים פאַרזיכערט אין זייער איבערגעבנקייט. ער איז אָבער פון אונדז נישט אַוועק, און מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין.

„פּלוצלונג, דערנענטערנדיק זיך צום זוים פון אַ פליין, האָט זיך דער דוניי באַוויזן פאַר אונדזערע אויגן, גאַנץ נידריק, זייער ווייט, גרוי באַוואַקסן, פאַריינזאַמט — דער פריינט פונם פרייען מענטשן.

„דערזעענדיק אים, האָט זיך קאָסמאַ אַ הויב געטאָן אויף זיין פערד און אָנגעהייבן צו זינגען מיט זיין מענלעך קול, פול מיט קאָלאָראַטור, אָבער צעבראָכן פון ליידן. ער האָט געזונגען דאָס ליד פונם היידוק:

> דיין פּראַם דערלאַנג, פּאַראָמשטשיק!
> איך זאָל קענען צוקומען צום גאָספּאָדאַר *)
> וואָס איז צעפוילט פון עשירות.
> איינזאַם איז ער ווי אַ קוקוק:
> אָבער נעאיקאַ **) איז אַ יונגער היידוק,
> שלעפּ דיין פּראַם שנעל צום ברעג,
> אויב נישט, קריגסטו מיט אַ קויל אין קאָפּ!

. . . .

---

*) גאָספּאָדאַר : פירשט

**) נעאיקאַ : איך, דער עלטערער פריינט.

„ער האָט קוים פאַרענדיקט זיין ליד, ווי אַ קאַרעטע איז אַרויסגעוואַקסן פונם טאָל-שאָטן און אָנגעהויבן אַרויפצו־שטייגן אויפן בערגל, פון וועלכן מיר האָבן זיך פונקט אַראָפּ־געלאָזן. מיר האָבן זיך איבערגעשראָקן. אָבער באַלד האָבן מיר באַמערקט, אַז מיט דער קאַרעטע פירט אָן איין מענטש, קענטיק, פון דער הויכער געזעלשאַפט אָנגעטאָן ווי די, וואָס וווינען אין די לענדער פון דער פאַרגייענדיקער זון: אַ הוי־כער קאַפּעלוש, אַ גרויסער שטייפער קאָלנער, אַרומגעבונדן מיט אַ קראַוואַט, אַ פּאָר הויזן, אַ סורדוט און שטיוול. די וואָנסעס זענען ביי אים געווען אָפּגעראַזירט און געטראָגן האָט ער באַקנבאַרדן.

„פלאָריטשיצאַ האָט זיך אָנגערופן:

— שרעקט אייך נישט, כ'קען אים, ס'איז מיינער אַ פריינט...

„קאָסמאַ איז אַזש אויפגעשפּרונגען:

— וואָס? דיינער אַ פריינט? אָט דידאָזיקע מאַלפּע?

„דער אדעליקער איז דערווייל צוגעקומען, פונדערווייטנס אַראָפּגענומען דעם קאַפּעלוש, זיך אָפּגעשטעלט און באַגריסט פלאָריטשיצאַן אויף אַ שיינעם רומעניש:

— מיין העכסטע אָנערקענונג דער זשופּאַניצאַ פלאָריטשיצאַ!

„פלאָריטשיצאַ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, וועלכע דער פּריץ האָט אַ קוש געטאָן. דערזעענדיק דאָס, האָט קאָס־מאַ דערלאַנגט דעם פערד אַזאַ קלאַפּ אין די זייטן, אַז עס האָט זיך אַזש אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס.

— שוין לאַנג, ווי איר זענט צוריקגעקומען פון קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל? אַלע האָבן באַדויערט אייער אַוועקפאָר!

— אַזוי? — האָט פלאָריטשיצאַ געזאָגט מיט אַ קאָקע־טישער מינע; ס'האָבן אייך אויסגעפעלט פרויען?

— פרויען? דאָס קיינמאָל נישט! ס'האָבן אָבער אויס־געפעלט פרויען מיט שכל.

„און וואַרפנדיק אויף אונדז זיין שטאָלצן בליק, האָט ער געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פּאַר אַ חברה ?
— וואַלד-וועכטער, וואָס כ׳האָב געדונגען !
הו... מען קען אַמאָל מיינען, אַז דאָס זענען באַנדיטן !
— כ׳לעבן, די וואַלד-וועכטער, זענען ענלעך צו באַנ-
דיטן : באַוואַקסן מיט בערד, טראָגן געווער און וואַשן זיך
זייער זעלטן !
— אגב, וועגן די באַנדיטן ! איר האָט מסתּם געהערט
וועגן די חורבנות, וואָס דער היידוק קאָסמאַ האָט אָנגעמאַכט ?
ס׳איז שרעקלעך ! אָבער פון דער צווייטער זייט זענען „אונ-
דזערע" אויך נישט בעסער : זיי ראַבעווען אויך אויף וואָס
די וועלט שטייט.
„ער האָט ווידער אַ קוש געטאָן פלאָריטשיצאַן אין דער
האַנט, זיך שיף פאַרנייגט פאַר איר און לאַנגזאַם אַוועק-
געפאָרן.

„אָבער קאָסמאַ איז ווייטער נישט געפאָרן. דאַמאָלס האָבן
מיר באַמערקט, אַז אינם משך פונם דאָזיקן קורצן שמועס האָט
ער זיך אָפּגעביסן איין זייט פון זיינע וואָנסעס, ביי דער
סאַמע ליפּ. ער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, געבליבן
רויק שטיין, נאָכפאָרשנדיק מיט אַ זייט פונם אויג דעם באָ-
יאַר, וואָס האָט זיך דערווייטערט. ווען יענער איז אָפּגעפאָרן
אַ פופציק טריט, האָט ער אים גענומען אויפן ציל און בליץ
שנעל אים דורכגעשאָסן פון הינטן. דער פאַרשוין איז אַראָפּ-
געפאַלן אויף דער ערד, און די קאַרעטע איז אַוועק ווייטער
איבער די פעלדער.
„און קאָסמאַ האָט צוגעגעבן :
— דאָס וועט פאַר דיר זיין אַן אָנלערעניש, נבלה, אַז
מ׳דאַרף נישט קושן די האַנט ביי פרויען, וועלכע געפינען
זיך אין אַ געזעלשאַפט פון מענער, וואָס וואַשן זיך
זעלטן...
„און ווענדנדיק זיך צו פלאָריטשיצאַן :

— מיט דערדאָזיקער ליאַלע ביסטו אויך געשלאָפֿן ! אין בראָך איז ווייניק ! אין סטאַמבול וואָלט איך געהאַט אַ רעכט שטיקל אַרבעט, ווען כ׳וואָלט וועלן דאָרט אָפּזוכן אַלע דיינע „פריינט״ און זיי אויסהרגענען.

„דערנאָך צו מיר :

— גיי, ירמיהו ; און אויב ער איז נאָך נישט געפּגרט, פּטר אים מיט דיין פּיסטאָלעט.

„כ׳האָב געפאָלגט און באַלד געקומען צוריק : ער איז געלעגן טויט מיט אַ צעשמעטערטן קאָפּ...

„פלאָריטשיצאַ האָט זיך אָנגערופן :

— קיין דרך־ארץ פאַר דיר מער, קאָסמאַ, הגם כ׳האָב דיך נאָך אַלץ ליב : דו האָסט מיר פאַרשפּראָכן געהאָרכזאַמ־קייט און דו...

— ... און כ׳האָב פאַרגעסן, ווייל כ׳בין נאָך נישט גע־ווינט דערצו...

— דערווייל האָסטו געהרגעט איינעם פון די בעסטע מענטשן, וואָס כ׳האָב נאָר געקענט. בלויז איין חסרון האָט ער געהאַט : ער איז געבוירן געוואָרן אַ גביר, און פלעגט גלויבן, צוזאַמען מיט אַלע גבירים פון זיין צייט, אַז גאָט אַליין האָט געמאַכט די מענטשן נישט גלייך. דאָך איז ער נישט געווען ווי אַלע איבריקע ; ער האָט אָפּגעשאַפט פּאַנ־שטשינע אין זיינע גיטער און אויפגעבויט שפּיטאָלן...

„אָן אויפגערעגטער, האָט קאָסמאַ זיך אָנגעכאַפּט :

— יאָ, ער האָט אָפּגעשינדן די הויט ביי אַ מענטשן און אים דערפאַר געשאָנקען אַ העמד !... איבריקנס... פייף איך אויף דעם אַלעם ! נישט דערין גייט מיר.

„און נאָך אַ לאַנגער שווייגעניש :

— ... מיר האָבן שוין נישט וואָס צו גיין צום פּאַשאַ פון סיליסטרע. איך האָב אים געוואָלט באַשטראָפן, ווייל כ׳האָב געמיינט, אַז ער איז דיין איינציקער געליבטער. איצט זע איך, אַז דו האָסט זיי געהאַט אין די טוצן, ביז סאַמע צאַריגראַד. אַ פיינע מעשה „גיי כאַפּ דעם בליבדן און רייס

אים אַרויס די אויגן!". ניין, שוין בעסער אַוועק צוריק אין לאַגער. און דאָרט, וועל איך זען... דאָס הייסט, כ׳וועל גאָרנישט זען. כ׳וועל מיך אָבער לאָזן פירן דורכן קנופּ, וואָס שטעלט ביי מיר אָפּ דעם אָטעם.

* *
*

„אָוונטצייט זענען מיר אָנגעקומען אין אונדזער לאַגער. איך האָב באַלד פאַרגעסן קאָסמאַן, זיין „קניפּ", מיין כעס, און אַ דורשטיקער צוגעפאַלן צום שויס פון דער נאַטור, וואָס דער מענטש האָט נאָך נישט געהאַט פאַרשוועכט. ס׳זענען דאָרטן געווען אַלטע ווערבעס, גראָבע ווי פעסער, וואָס וואָלטן גע-קענט אַריינגעמען אין זייער אויסגעהוילטן שטאַם צוויי מענטשן שטייענדיקערהייט. הונדערטער קליינע טייכלעך — פּרוכטבאַרע אָדערן פונם פּרוכטבאַרן דוניי — האָבן זיך געשלענגלט אין אַלע זייטן און באַפּרוכפּערט אויף צענדליקער קילאָמעטער אַ בלאָטיקע ערד, וואָס קיינער האָט נישט געוואָלט און ווו ס׳האָבן זיך בלויז גוט געפילט די וואַסערדיקע פלאַנצן, פלאַנצ-דיק פון זאַפט. פיש, פייגל, אינזעקטן האָבן זיך געלעבט גאַנץ רויק, נישט קוקנדיק אויף די וועלף און פוקסן; אַלע האָבן געהאַט הנאה פון לעבן און געלויבט דעם אויבערשטנס אַרבעט.

„בלויז דער מענטש אַליין, דער חילדסטער פון אַלע חיות אויף דער ערד, פאַרזייט אויף גאָטס וועג טויט, אומגליק, שקלאַפעריי, — דאָרט ווו מען וואָלט געקענט געניסן פונם לעבן ביי קליינע אָנשטרענגונגען און ביי זייער קנאַפּ פאַרברעכנס.

„אונדזערע חברים זענען געוואָרן אַביסל פאַרעלטערט; זיי האָבן איינגעפונען, אַז איך בין געוואָרן גרעסער און שענער.

„אויף אַ גרויסן אינדזל, אָפּגעלעגן אויף אַ שטח פון זעקס שעה גאַנג, פון די לעצטע באַוווינטע ערטער, האָבן זיי

אויפגעשטעלט אַ כאַטקע. דערוויסנדיק זיך פאָרויס פון די פּאָסטנס וועגן אונדזער אָנקום, האָבן זיי אונדז באַגריסט מיט דריי סאַלוון פון צען מושקעטן פאַראַמאָל, און געשריגן:

— זאָל לעבן אונדזער העלדישער אָנפירער און זיין שיינע חברטע! זאָל לעבן עליע דער חכם, און ירמיהו דער דרייסטער, וועלכן מיר האָבן שוין פון לאַנג געהאַלטן פאַר טויט!

„דאָס האָט אַרויסגערופן אַ לייכטן שמייכל אויף מיינע ליפּן, ווייל דערדאָזיקער קבלת־פּנים — הגם עטוואָס אָפּגהאַר־ציקער — איז געווען ענלעך, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, צום קבלת־פּנים, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן הויף פונם אַרכאָנט, בעת ער איז אָנגעקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט פלאָריטשי־צאַן. כ׳האָב געטראַכט:

— פרייע מענטשן אָדער קנעכט, — אַלע האָבן כמעט דיזעלבע רגילות און דיזעלבע געפילן. זאָל זיי דער רוח נעמען!

„און כ׳האָב אָנגעהייבן אַרומצעלויפן אין שטוב, ווי אַ יונג לאָשעקעל. ס׳איז געווען פון וואָס!

„אויף אַ הויכן אָפּגעריינקטן אָרט זענען אומעטום גע־ווען אויפגעשטעלט געצעלטן, גוט צוגעפּעסטיקט און אָנגעצויגן. אינעווייניק האָט זיך בלויז געפונען אַ געלעגער פון טשערעט און היי און אַ דעק. אַלע אַנדערע מכשירים, און אויך גע־ווער, זענען געווען פאַרשטעקט אין אויסגעהוילטע ווערבעס, הענגענדיק ווי אין שאַפעס. יעדער קאָנטראַבאַנדיסט האָט זיך געהאַט זיין בוים. און כמעט אַלע פון זיי האָבן געהאַט פרויען: יינגע, קרעפטיקע, מיט באַרוועסע פיס און צעביסן פון קאָמאַרן.

„בעת די צייט פון מיטאָג האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי אַלע אָנגעהייבן אַרומצופּענדען, ווי אין אַ קיך פון אַ קליינער קאַזאַרמע. אין עטלעכע גרויסע טעפּ, אויפגעהאָנגענע אויף גרויסע שטאַנגען איבערן פייער, האָט זיך געקאָכט די מאַמאַליגאַ *) וואָס האָט פאַרשפּרייט זייער אַ געשמאַקן ריח פון קוקורוזע־מעל; כסדר פלעגן פון דאָרט אַרויסטאַנצן קאָכעדי־קע טראָפּנס טערציו **) און באַשפּריצן די נאַקעטע פיס פון

---

*) ברויט, פון קוקורוזא מעל, געקאָכט אין וואַסער. **) געדיכטע זאַפט.

די קעכנס. אין אַנדערע טעפּ האָט מען צוגעגרייט אַ „טשיאָרבאַ״ *) פון אַ העכט מיט ציבעלעס, פּעטרושקע, מערן און ריבן; אין אַ זייט, אויף אַ באַרג קוילן, האָבן זיך געבראָטן צען-קילאָדיקע קאַרפּן, באַשאָטן מיט רויטן פעפער, וואָס האָבן זיך נאָך געוואָרפן אויף זייערע „פּראָטצאַפּעס **)‏; אַ טוץ קאַטשקעס און ווילדע גענז האָבן זיך געפּרעגלט אויף סאַלע, פאַרבראָקט מיט ציבעלעס און קנאָבל. דער רויך, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט ווייט אַרום זיך די געשמאַקע ריחות, איז געווען אַזוי מחיהדיק, אַז אַפילו די וועלף האָבן געוואָיעט פון גרויס חשק.

„מ׳האָט אָבער געדאַרפט האָבן אַביסל משקה צו די אַלע דאָזיקע מאכילם, אויף וועלכע אָן ערך זעכציק מיילער האָבן זיך באַלד געדאַרפט אָנוואַרפן; ווייל מען ווייס גאַנץ גוט, אַז, אינם „בויך פון בלאָטע-וואַסער פּרוכפּערן זיך קליינע זשאַבעלעך״. אַלזאָ, ס׳איז געוואָרן משקה!

„אין אַ סטאָג פון פייכטן טשערעט, איז געווען פאַרשטעקט אַ פעסל פון הונדערט וואַדראַס ***) ווייך, וואָס „האָט דעם גומען געשפּאָלטן״. דאָס פעסל האָט דערמאָנט אַ געטלעכע קאַפּעליצע, פול מיט סודותדיקייט. לעבן דערדאָזיקער, אַזויגערופענער קאַפּליצע, מאָדנע ענלעך צו אַ הייליקע סוכּה, איז געשטאַנען נאָך אַ פעסל פון צוואָנציק וו אַ ד ר אַ ס, אָנגעפילט מיטן הייליקן גייסט פון אַ הייליקער צויקאַ****), אַ משקה, וואָס האָט געקענט „טויטע אויפוועקן״, ווען זיי וואָלטן נאָר געווען!

---

*) אַ זופּ.

**) הילצערנע שטעקנס, וואָס זענען אַריינגעזעצט, צוגעבויגן צו דער ערד.

***) וואַדראַ: פופצן ליטער

****) צויקאַ: בראָנפן פון פלוימען.

„אויף אונדזער גליק זענען קיין מתים נישט געווען, און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל אונדז פאַרהאַקן דעם קאָפּ מיטן עולם-הדמיון. אַפילו קאָסמאַ, וואָס האָט שוין געטראָגן עם טויט אין דער נשמה, האָט אינם דאָזיקן אָוונט פאַרגעסן פ ן טויט, געבראַכט אַלץ אין אָרדענונג און, אין דער ראָל פון אַ קאַפּיטאַן, האָט ער, דער ערשטער, דערלאַנגט דעם סיג-נאַל צו דער אַטאַקע.

„אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, אין דער פאָרם פון אַ פּאָדקאָווע. יעדער האָט געקענט טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט: שניידן פון דער מאַמאַליגאַ, אָנפילן די טראָאַ-קאַ*) מיט די מאכלים, וואָס דאָס האַרץ האָט געגלוסט, און עסן אויף די קני, באַנוצנדיק אַ לעשקאַ**) פאַר דעם טשיאָר-באַ-מאכל און די פינגער פאַר די געבראָטענע שטיקער. וואָס שייך דעם וויין, האָבן די קליינע „קאָפּאַס" אָן אויפהער עולה-רגל געווען — אַהין פוסט און צוריק פול — צו דער קאַפּליצע, ווו ס'האָט געברויזט קריסטוסעס געטלעך בלוט.

„מיט אַ שטראַלנדיק פנים, ווי דאָס אינעווייניקסטע פון אַ רויטן אַרבוז, צעשניטן אויף צווייען, האָט קאָסמאַ גענומען אַ בעכער מיט צ ו י ק אַ און דער האַנט אין, בעת אַלע האָבן אים נאָכגעטאָן, האָט ער אָנגעהייבן צו ריידן:

— פריינט!... דאָס לעבן און דער טויט זענען צוויי אייביקע זאַכן פון דעם אויבערשטנס שקאַפע: זי, מיט אירע נאָזלעכער צינדט אָן און לעשט אויס די לעבנס אויף דער ערד. מיר האָבן זיך ביי קיינעם נישט געבעטן געבוירן צו ווערן און מיר זענען דעריבער קיינעם גאָרנישט שולדיק. איין חוב האָבן מיר נאָר: זיך האַלטן גוט. און כדי זיך גוט צו האַלטן דאַרפן מיר טאָן דריי גוטע זאַכן, נעמלעך: עסן גוט,

*) טראַאַקאַ: אַ טעלער, אויסגעשניטן פון האָלץ.

**) אַ קיילעכדיקער לעפל פון האָלץ.

***) טעפלעך מיט הענטלעך, אויסגעשניטן פון האָלץ.

טרינקען גוט און פאַרצן גוט. לאָמיר אָנהייבן מיט עסן און טרינקען. פאַרצן וועלן מיר שפּעטער, אונטערן געצעלט!

„דידאָזיקע דרשה איז אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט גרויסע געלעכטערס. די בעכערס האָבן זיך איבערגעקערט אין די העלדזער און די „צויקאַ" האָט אָנגעהייבן אויפצורייצן דעם אַפּעטיט. נאָכדעם, האָבן „פּערציק משוגעים זיך אַוועקגעשטעלט אַמפּערן פאַר יעדן מויל!". שטיקער מאַמאַליגאַ, צוערשט פאַרקיילעכדיקט אין דער האַנט, זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין די מיילער, ווי גראַנאַטן, וואָס ווערן פונדערווייטנס געוואָרפן דורך אַ געשיקטער האַנט. אַ שאָד די צייט! די ל ע אָ ש ק אַ ס זענען געוואָרן ליידיק, איידער מען האָט זיך צו זיי צוגעריירט מיט די ליפּן. אויב ס'האָט פּאַסירט, אַז בעתן עסן דעם העכט, אָדער די געבראָטענע קאַרפּן, האָט זיך עמעצן געשטעלט אַ ביין אין האַלדז, פלעגט מען תּיכּף דעם גאַנצן אומגעלונגענעם ביסן אַרויסקלאַפּן דורכן רוקן. די פּנימער זענען פולשטענדיק פאַרשוווּנדן אין די לעכער פון די „קאַפּאַס", און זיך דאָרטן פאַרהאַלטן, ביז די העלדזער האָבן זיך אָנגעבלאָזן און בלוי געוואָרן. דעמאָלט האָט דער טרינקער געהאַט בלויז איין געדאַנק: פאַרוואַרפן גאָט, פאַרוואָס דער מענטש האָט אַזאַ קורצן אָטעם און אַזוי ווייניק פּלאַץ אין בויך. אַ סך האָבן געפונען אַן עצה, וויאַזוי צו פאַררייכטן דידאָזיקע געטלעכע אומגעשיקטקייט. יעדער גאַסט, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט זיך אָפּגענאַרט אין חשבון פון די מאכלים, האָט זיך מיט גרויס שווערקייט אויפגעהייבן פון טיש און אָנגעהייבן צו טאַנצן, כּדי דאָס עסן זאָל זיך אַראָפּזעצן, און זיך ווידער גענומען אויף אַ נייעם קאָן צו דער אַרבעט. די אָפּטע נפיחות פלעגן אויך לייכטער מאַכן די אָפּעראַציע. ס'פלעגט אָבער גאַנץ אָפט פּאַסירן, אַז זיי פלעגן אָפּגעבן צוריק דאָס גאַנצע עסן...

„ביים סוף פון אונדזער בכבודיקן מאָלצייט, איז געקומען אַ מאַן און אונדז נישט געלאָזט פאַרדייען דאָס עסן. ער

האָט זיך באַוויזן ביי דער רונדיקער זייט פון דער פּאָדקאָווע. דער געהילף-שעף פון דער באַנדע, וועלכער איז געזעסן ביי זיין רעכטער האַנט, האָט זיך אויפגעהייבן, אָנגעוויזן קאָסמאַן אויף אים און געזאָגט:

— קאַפּיטאַן, דו האָסט שוין אפשר באַמערקט, אַז אַ פרעמדער געפינט זיך צווישן אונדז: דאָס איז אָט דער מאָ-נאַך, וועלכער האָט זיך מיט אַ צייט צוריק פאַרגעשטעלט פאַר אונדזערע פּאַטרולן, און מיר האָבן אים פּראָוויזאָריש אָנגענו-מען, האַלטנדיק אים פאַר אַ געטרייען איבערגעגעבענעם בונטאָוו-שטשיק. ער וויל טרינקען אויף דיין געזונט און בעטן זאָלסט אים אויף שטענדיק פאַררעכענען אין אונדזערע רייען.

„דאַמאָלס האָבן מיר באַמערקט, ווי איינער אַ פּאַרשוין שטעלט זיך אויף: דאָס איז געווען אַ יונגער, קרעפטיקער מענטש, פון אַ מיטעלן וווקס. די בלאָנדע באָרד און וואָנסעס, פיין צוגעקעמט, האָבן אַרומגעפּאַסט אַ טריבן פּנים, וואָס האָט געגלאַנצט פון ריינקייט. די פאָדערשטע זייט פון קאָפּ איז געווען רונדיק און גלאַט, ווי אַן אַרבוז, און באַלויכטן צוויי גרויסע, אַש-גרויע אויגן, מיט אַ פרייען בליק. זיין צעפליקטע סוטאַנע, אַראָפּלאָזנדיק זיך ביז די ליטקעס, האָט אים איינגע-הילט אין טרויער.

„מיט אַ קלאָרע שטימע האָט ער אומגעפּער אַזוי געזאָגט:

— יאָ, קאָסמאַ... צוערשט וויל איך טרינקען מיט דיר לחיים, נאָכדעם צום געזונט פון אַלע אָנוועזנדיקע, און איך בעט דיך, דו זאָלסט מיך אַריינגעמען אין דיין באַנדע היידו-קעס. אָבער דערלויב מיר דיר צו באַמערקן, אַז די ווערטער, וואָס דו האָסט אָקאָרשט אַרויסגעזאָגט, האָבן מיר אַביסל אַנט-טוישט. וואָס הייסט? דאָס לעבן און דער טויט זענען די אייביקע ווערק פון אַ שקאַפע? פּאַרט דען דער אויבערשטער אַליין אויף דערדאָזיקער שקאַפע? ניין! דאָס איז אוממעגלעך!.. דאָס לעבן און דער טויט זענען דעם אויבערשטנס ווערק און האָבן קיין שייכות נישט מיט זיין שקאַפע, אין פאַל ווען ער זאָל האָבן אַזאַ מין שקאַפע. חוצדעם באַליידיקסטו שטאַרק

דעם מענטשן. דו האָלסט, אַז דער מענטש דאַרף נאָר עסן, טרינקען, און פאַרצן! פע! אַזוי טוט אַ חזיר! איך בין שטאַרק אַנטוישט. דאָס פאָלק קוקט אויף אייך, ווי אויף זיינע באַפרייער, און נאָר אַ דאַנק זיין פריינטלעכער הילף, הענגט איר נאָך פאַרלויפיק נישט אויף דער תליה. דאָס פאָלק פאַרווערט אייך נישט צו עסן און צו טרינקען, ווי בראַווע לייט. אָבער אויב איר טוט עס בלויז, כדי צו קענען שפּעטער פאַרצן, אונטער די געצעלטן, זענט איר, כ׳לעבן, נישט בעסער פון די אַריסטאָקראַטן! כ׳קען אייך היינטיקן אָוונט נישט זאָגן ווער איך בין און וואָסער וועג כ׳האָב דורכגעמאַכט ,ביז כ׳בין געקומען אַהער. איין זאַך וועל איך אייך בלויז זאָגן: זייט דערלייזער און איך וועל אייך העלפן!"...

„ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס לעצטע וואָרט, איז פלאָריטשיצאַ אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט, צוגעפלויגן צום מאָנאַך און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן.

— דאָס קוש איך מיין געדאַנק, — האָט זי צו אים געזאָגט.

„די איבעריקע ווייבער פון אונדזערע חברים האָבן געלאַכט, ווייל ביי געליבטע פאַרטרעט דער געלעכטער דאָס אָרט פונם געדאַנק. אָבער די היידוקעס, דערזענעדיק, אַז קאָסמאַ איז אַראָפּגעפאַלן פון מוט צוליב דעם אינצידענט, זענען זיי געוואָרן שטאַרק פאַרצווייפלט.

„עליע האָט געהאַט אַ צופרידענע מינע. קאָסמאַ האָט ביי אים געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו, עליע, צום דאָזיקן משוגענעם מאָנאַך?

„עליע האָט געצוקט מיט די באַרקעס און באַטראַכט קאָסמאַס אָנגעבלאָזענע צורה:

— איך זאָג, אַז יעדער מאָנאַך האָט זיך זיין קיריאַקאָדראַמיאַן... מיט וועלכער ער נעמט שטאַרק אויס ביי נקבות. דערמאָן זיך נאָר, ס׳אַרא דערפאָלג דו האָסט יענע וואָך געהאַט מיט דיין דרשה.

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. מ׳האָט קוים געקענט

דערקענען די פנימער. דאמאלס האט זיך יעדעס פארל אוועק־געלאזט צו זיין געלעגער. און אין יענער נאכט, קענטיק פון צופיל עסן, האב איך געהערט פארשידענע מינים קרעכצערייען, וועלכע האבן זיך געטראגן פון אונטער די געצעלטן.

* *

*

„און אט איז דער סוף פון דער דערציילונג:

„אויפצומארגנס האט זיך קאסמא אויפגעהייבן שטארק אין כעס און האט אויסגעשריגן פאר זיין געצעלט:

— אויב מיר וועלן ווייטער פירן אזא ארט לעבן, וועלן מיר גאר אינגיכן דארפן האבן לפחות א האלב טוץ אקושער־קעס. גענוג! זאלן די נקבות גיין קינדלען ביי זייערע מאַ־מעס. און מיר: צום געווער! צו די פערד! און אין וועג אריין!

— און איך? האט פלאריטשיצא א פרעג געטאן.

— דו, דו ביסט נישט קיין נקבה, דו ביסט א זכר, א היידוק! דער גורל האט דיך געשיקט, זאלסט פארטרעטן מיין ארט און אויפטאן מער פון מיר אינם טאג, ווען כ׳וועל שטארבן. דערדאזיקער טאג איז נאענט: היינטיקע נאכט האט זיך מיר געחלומט, אז מיין שאס פון דער ביקס וועט פון גאנץ נאענט נישט טרעפן דעם שונא, ביי א פולער לבנה. דער־דאזיקער שלעכטער שאס וועט שוין זיין דער דריטער אין מיין לעבן, ביי א פולער לבנה, און מיינע „אורסיטעלעס” האבן באשלאסן, אז כ׳דארף שטארבן פון דער האנט פונם דאזיקן לעצטן שונא. אזוי וועט זיין. און ס׳וועט זיין א גאנץ גלייכע זאך: קאסמא האט גענוג געלעבט.

„די מענטשן האבן זיך באלד אנגעהייבן צו פאקן אין וועג אריין, בעת זייערע געליבטע, צוגרייטנדיק זיך צום לעצטן מאלצייט, האבן פון צייט צו צייט געכליפעט, דעם שטערן אנ־געשפארט אין א ווערבע אדער אין אן אקסל פון א פריינט, וואס פארלאזט זיי.

„הגם פלאָריטשיצאַ איז געווען אַ פרוי, דאָך האָט זי געהאַט אַן שטיינערן האַרץ, אַן אמת האַרץ פון אַ היידוק, אַזויווי קאָסמאַ האָט וועגן איר געטראַכט.

— איר זענט באמת איצט אומגליקלעך, — האָט זי געטענט צו די פאַרקלאָגטע ווייבער, — אָבער איר זענט אין דעם אַליין שולדיק. איר האָט פאַרגעסן, אַז דידאָזיקע מענטשן געפינען זיך אויסערן געזעץ, אַז זיי דאַרפן שלאָפן אויף די פערד און קושן אַ פרוי, בעת זיי טראָגן זיך אין גאַלאָפּ. דאָ האָט די געליבטע בלויז איין שליחות: אָנלאָדן די „פלינטע", פון וועלכער דער מאַנסביל שיקט אַרויס די קוילן. ווען מ'וואָלט אייך עפּעס געלאָזט טאָן, וואָלט איר אויפגעבויט אַ קלויסטער, פאַרמירט אַ גמינע, געגרינדעט אַ פּאָליציי־אָפּטיילונג און צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַרניזאָן.

„און ווענדנדיק זיך צו די מאַנסבילן, וועלכע האָבן איינגעפּאַקט די קאָנטראַבאַנדע:

— באַטראַכט נאָר דידאָזיקע אַלטוואַרג־הענדלער! איר זענט היידוקן? ס'ווילט זיך לאַכן! האַפטן, פּערל, געוועבן, טעמפּע קינזשאַלן, קינדער־ביקסלעך, אַ גאַנצער מישמאַש פון מאַסקאַראַד־מלבושים, ענלעך צו די שמאַטעס און אייזנוואַרג, וואָס פאַרלייגן די טראָטואַרן פון די „מאַהאַלאַס" אין סטאַמבול, — כאַ!... כאַ!... כאַ!...

„נאָכדעם צו קאָסמאַן:

— און דאָס ביסטו דער „קאַפּיטאַן" פונם דאָזיקן באַזאַר?

„ביי דידאָזיקע ווערטער, איז דער מאָנאַך צוגעפאַלן צו פלאָריטשיצאַן;

— דערלויב, פרוי, קושן דיין שטערן, וואָס פאַרבאָרגט מיין געדאַנק!

„פלאָריטשיצאַ האָט אים אונטערגעשטעלט איר שטערן.

„קאָסמאַ האָט באַטראַכט דידאָזיקע אומגליקלעכע פּצענע, אַ פייף געטאָן פון פאַרביטערונג און איז איינער אַליין אַוועק אין די טשערעט־קוסטעס, פונוואַנען ס'האָט זיך תיכף געלאָזט הערן דאָס האַרץ־רייסנדיקע ליד פונם היידוק יאַנקאָ דושיאַנאַ:

דאָס קליין בלימעלע *) דאָס שיינס
אויף די ברעגעס פון סערעט
צופּט יאַנקאָס פערד,
צופּט און הירזשעט.
יאַנקאָ האָט זיך געלייגט און חלומט,
אין זיין חלום: אַ געליבטע!
אַ געליבטע — אַ טייוול
שפּינט דעם פאָדעם פאַר יאַנקאָן
אינם טאָל פון האַגעטאָן.
דאָס איז נישט קיין פאָדעם
פאַר וועש צום טראָגן,
דאָס זענען תכריכים צו באַדעקן
די שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געליבט!...

. . . .

„דאָס ליד איז אויסגעלאָשן געוועז אין דער ווייט. איך האָב זיך איבערגעשראָקן, און אַ געפיל פון מיטלייד האָט מיך אַרומגעכאַפּט. כ'האָב פאָרזיכטיק זיך געלאָזט אויף קאָס-מאָס שפּורן. אין אַ שעה אַרום, פאַרבייגייענדיק די פּוסטע ערטער, האָב איך אים פאַרלוירן פון די אויגן. כ'בין אַרויפגעקראָכן אויף אַ ווערבע, צו זען אין וועלכן אָרט עס באַוועגן זיך די קוסטעס, וועט עס זיין אַ סימן, אַז דאָרט געפינט ער זיך. ער איז שוין נישט געווען אין די קוסטעס, נאָר אויפן ברעג פון אַ לויטערער אָזיערע, אויף אַ צוואָנציק טריט פון מיר. און דאַמאָלס האָב איך געזען און געהערט אומגלויבלעכע זאַכן!

„קאָסמאָ איז געשטאַנען אויף די קני און תפילה געטאָן. אַ לאַנגע צייט האָט ער געהאַלטן דעם שטערן ביי דער סאַמע ערד, נאָכדעם האָבן זיך געלאָזט הערן קולות, ענלעך צו זיפצן.

— גאָט! לאָמיר זיין גערעכטיק, אויב דו זוכסט

*) פלאָריטשיצאַ: הייסט קליין בלימעלע

גערעכטיקייט. בין איך דען אַראָפּ פונם וועג, וואָס דו האָסט מיר אַריינגעטאָן אין מיין האַרצן? כ'בין נאָך געווען אַ יונגער מענטש, ווען דו האָסט אין מיר דערוועקט אַן עקל צו פּאַר־דינסטן, צו עגאָיזם, און שוין דאַמאָלס האָב איך באַגנבעט מיין טאַטן און עס צעטיילט צווישן אָרעמע לייט. דערנאָך בין איך אַוועק אין וואַלד אַריין און געלעבט פון פּאַרבּרעכן און גזילות, פּונקט ווי די באָיאַרן און די פּריצים, וועלכע לעבן פון גנבה און גזילה, וועלכע בויען קלויסטערס פאַר דיין כּבוד ווענן, און דו היטסט זיי אָפּ, אַז אַ דונער זאָל זיי נישט טרעפן. בלויז קעגן זיי בין איך אַרויסגעטרעטן, נישט קעגן די אָרימע. און אויב ס'האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז פון גרויס כּעס, בין איך אַרויפגעשפּרונגען עליען אויפן רוקן און אים געשטיקט, האָב איך עס געטאָן דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט צופיל שכל. און דו טוסט נישט דאָסזעלבע? שטיקסטו נישט אַ סך מער דעם אָרימאַן, וועלכער וואַרפט דיר פאָר דיינע אומגערעכטי־קייטן? אויב אַזוי, ווי קענסטו זיך דערלויבן, אָנצושיקן אויף מיר אַזאַ ווייטיק, וואָס מאַכט אַ תּל פון מיינע געדערים? און באַכדעם ווי איך קען דיך, ווילסטו נאָך ווערן מיינער אַ שופט?

„ער האָט אַ שפּיי געטאָן אין סאַדזעווקע. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויפן רוקן.

„אַ ביסל שפּעטער איז אַרויסגעקומען אַ פּרוי פון די קוסטעס, פירנדיק איר בהמה אָנצוטרינקען. בעת די בהמה האָט געטרונקען, האָט זי באַגריסט קאָסמאַן, אָנרופנדיק אים „קריסט", געזיפצט און אים באַטראַכט. קאָסמאַ האָט אויף איר קיין שום אַכט נישט געלייגט. די פּרוי, האַלטנדיק אַ שטעקן, האָט אי־בערגעקרייצט די הענט איבער די ברוסטן און אַ זאָג געטאָן:

— כ'ווייס, אַז דו ביסט קאָסמאַ... און אַז דו לעבסט מיט דיין באַנדע דאָ, גאָר נאָענט, אויף ווילדער ערד, פּונקט ווי מיר. הע! זאָל דיך דער אַלמעכטיקער גאָט באַשיצן! אָבער האָב אויך רחמנות אויף אונדז, וועלכע ווערן פּאַרפאָלגט דורכן גורל! מיר זענען פּשוטע מענטשן. די רייכע נעמען צו ביי אונדז דאָס לעצטע העמד פונם לייב! נאָר וואָס זאָל מען

טאָן? מסתּם וויל אַזוי דער אויבערשטער, כּדי אונדז צו באַ-
שטראָפן פאַר אונדזערע זינד!

„קאָסמאַ, נישט רירנדיק זיך פונעם אָרט, האָט איר אַריינ-
געזאָגט:

— גיי צו אַלדע רוחות!... ס'עקלט מיך פון דיר!...
„מיר זענען פּשוטע לייט"!... בהמות זענט איר!
„דער אויבערשטער וויל אַזוי!" איך פייף אויף
אייער אויבערשטן!...

„מיט איין שפּרונג איז ער אויפגעשטאַנען און איז אַוועק.
„די פרוי האָט זיך געצלמט און תּפילה געטאָן;
— זיי אים מוחל, טייערער האַר. ער ווייסט אַ-יין נישט,
וואָס ער רעדט. און ער האָט זייער אַ שווער לעבן.

. . . .

„אין משך פון צוויי חדשים האָבן מיר זיך געשלעפּט,
ווי פאַראורטיילטע צום טויט, אויפהייבנדיק זיך צו דאָברודזשע
אין דער ריכטונג פון די מאַסינער בערג. די גאַנצע צייט האָבן
מיר קיין איין שאָס נישט געטאָן, סיידנס אויף יאַגד-פייגל.
קאָסמאַ האָט אונדז אינגאַנצן פאַרלאָזט; ער האָט זיך גע-
האַלטן אין אַ זייט און גאַר זעלטן, קענגן זיין ווילן, פלעגט
ער מיך און עליען צו זיך צולאָזן. פלאָריטשיצאַן האָט ער
אינגאַנצן אָפּגעשטופּט, כאָטש זי האָט זיך באַמיט מיט אַלע
כּוחות אים צו טרייסטן. די באַנדע, אָנגעפירט דורכן געהילפס-
שעף, האָט זיך פאַרנומען מיט קליינלעכע רויבערייען, וועלכע
קאָסמאַ האָט שטענדיק געהאַסט.

„און אָט זענען מיר ווידער אין די געגנטן פון בראַילאַ,
אַ טייער אָרט פאַר אַ פריי לעבן, פול מיט לויער-פלעצער
און שטאַרק געפערלעך פאַר די „פּאָטעראַס".

„ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען אַהער, האָבן אונדז
עליע און קאָסמאַ אין אָוונט פאַרלאָזן אויף אַ סודותפולן אופן.
זיי זענען אַריבערגעגאַנגען דעם דונײַ און זיך ערגעץ פאַרזאָמט
גאַנצע פינף טעג. ווען זיי זענען צוריק געקומען, האָט קאָסמאַ
אויסגעשריגן:

כ׳האָב אויסגעשאָסן מיין דריטע קויל פונם מושקעט ביי אַ פולער לבנה און דעם מענטשן נישט געטראָפן. פון היינט אָן האָט איר מיך נישט וואָס צו רעכנען צווישן די לעבעדיקע.

„ער האָט זיין גאַנץ געווער אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד, אַרויף אויפן פערד און אָפּגעפאָרן טריט ביי טריט. איך מיט עליען האָבן מיר אים אָנגעהייבן צו באַגלייטן און פון יענעם טאָג אָן האָבן מיר אויף קיין טריט פון אים נישט אָפּגעטראָטן, אויס מורא, ער זאָל זיך אַמאָל נישט נעמען דאָס לעבן. באַלד אָבער האָבן מיר זיך איבערגעצייגט, אַז מיר האָבן אַ טעות געהאַט. איבריקנס, פלעגט ער ווייט נישט אַוועקפאָרן. ער פלעגט מאַכן אַ שפּאַציר אַרום דעם לאַגער, געקומען צו־ריק, פלעגט עסן און טרינקן אין אומבאַשטימטע שעהן און ווידער אַוועקפאָרן. זיין שטימונג איז נישט געווען נישט קיין שלעכטע, און נישט קיין גוטע. אָבער אויף אַלע פראַגן, וואָס מ׳פלעגט אים שטעלן, האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ קוועטש פון די אַקסלען. טיילמאָל פלעגט ער גלעטן פלאָריטשיצאַס האָר. און זי פלעגט וויינען, קושן זיינע הענט, און אים פאַר־זיכערן איר ליבע. ער פלעגט דאַמאָלס שמייכלען.

„און באַטראַכטנדיק דעם אַנטלאָפנטן קאָסמאַ, האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ חזרים־פּאַסטוך.

„אַך, די שרעקלעכע שיינע טעג פון יענער צייט! ס׳איז געווען סוף זומער. דער אויפגאַנג און די שקיעה פון דער זון רופן אַרויס די גרעסטע פרייד אפילו ביים קלענסטן שרצל. די צייט פון אייער־לייגן האָט זיך פאַרענדיקט... אַ נייע וועלט פון קאַטשקעס, ווילדע גענז און קוראָפּאַטקעס, וואָס זענען אַנטרונען געוואָרן פונם טויט, קרייצן זיך אין דער בליש־טשענדיקער בלויער לופט, כמאַרעסווייז, אויף הויכ־קייטן, וואָס פירן אַריין יעגערס אין פאַרצווייפלונג״. דעם יינגן וואָלף און דעם יינגן פוקס, וואָס דרייען זיך אַרום

די פערמעס, קען מען דערקענען לויט זייער שרעקעוודיקן גאַנג און זייערע אומבאַפלעקטע פעלכלעך. בינען, זשוקעס און אַנדערע אינזעקטן פליען אַרום, ווי פאַרשיכורטע, און שטויסן זיך אָן אויף ביימער. די פלאַנצן האַלטן זיך אָפּ פון וואַקסן, רוען און פרייען זיך. דאָס איז דער נצחון פונם לעבן איבערן טויט.

„פונקט דער היפוך איז פאָרגעקומען אין אונדזער לאַגער.

„די פערזענלעכע נקמה, וואָס קאָסמאַ און עליע האָבן דורכגעפירט לעצטנס אין בראַילאַ, בעת ער האָט פאַרפעלט דעם ציל, האָט געשטעלט אויף די פיס די גאַנצע מאַכט. מיר האָבן געפילט אַז אַ צאָלרייכע פּאָטעראַ לאָקערט אויף אונדז. מיר האָבן פאַרדאָפּלט אונדזער שמירה. מיר פלעגן שלאָפן מיט איין צוגעמאַכטן אויגן און כסדר בייטן די ערטער.

„דאָס האָט סוף כּל סוף אַלעמען דערעסן, אויסער קאָס-מאַן, וועלכער פלעגט זיך מאַכן זיינע שפּאַצירן, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

„איינמאָל באַלד נאָכמיטאָג, האָט ער זיך אויפגעהייבן לויט זיין נייעם מנהג, כּדי צו מאַכן אַ שפּאַציר.

„עליע, ליגנדיק אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, האָט אָנגע-הייבן צו זינגען מיט אַ קול, גלייך ווי פון אַ קבר אַרויס:

> באַדע קאָסמאַ, פאַר נישט היינט,
> ווייל אָט איז די... פּאָטעררראַ!...

„קאָסמאַ האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ ווײַלע און אָפּ-געענטפערט, מיט אַ טיפערן קול.

> זי מעג קומען, כ'דאָס... אויף איר!...
> פונקט ווי זי קומט, אַזוי וועט זי אַוועקגיין!...

„און ער איז אַרויף אויפן פערד.

„מיר זענען אים נאָכגעפאָרן, רייטנדיק אויף די פערד, אויף אַ דרייסיק טריט פון אים.

„דאָס האָט פּאַסירט אין די סביבות פון איזאַסעאַ... אַן אָפּגעזונדערטער וועג, באַזוימט מיט הויכע קוסטעס.

„מיטאַמאָל זענען אונטער אונדזערע אויגן, פון צווישן די קוסטעס, אויסגעוואַקסן צוויי פּ ל י נ ט ע ס און זיך אָנגעצילט אויף קאָסמאַן, וועלכער האָט אויפגעהייבן די הענט, אויסשבייענדיק:

— כ׳האָב נישט קיין שום געווער!

— איז אוודאי גוט! — האָט מען אים געענטפערט.

„ס׳האָבן זיך דערהערט צוויי שאָסן. מיר האָבן קוים באַוויזן אָפּצוענטפערן מיט אַ שיסעריי פון אונדזערע ביקסן און פּיסטאָלעטן, אין דער ריכטונג פון די קוסטעס, ווייל מיר האָבן דערזען, ווי קאָסמאַ האָט זיך פלוצלונג איינגעבויגן אויף זיין פערד, אַרומגעכאַפּט די גריווע מיט די הענט און זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַ פייל איבערן פעלד. מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט, מיינענדיק, אַז ער איז געראַטעוועט.

„מיר האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. אינמיטן ברען פון אַנטלויפן, האָט זיין קערפּער אַראָפּגעקוילערט אויפן וועג, ווי אַ זאַק אָנגעפילט מיט ערד, די ברוסט דורכגעשאָסן, בעת דאָס פערד האָט זיך געטראָגן ווייטער, ווי אַ פייל פון בויגן".

ס ו ף.

רענע מאַראַן
באַטואַלאַ

אַן אמתער ראָמאַן פון א נעגער.

פון פראַנצויזיש

ק. בראַקער

דער אויטאָר פון דעמדאָזיקן סאָציאַלן ראָמאַן איז אַן אמתער נעגער, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין פראַנצויזישער אַפריקע און באַקומען זיין בילדונג אין פראַנקרייך. דער־דאָזיקער ראָמאַן האָט אָנגעמאַכט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ רושם נישט נאָר אין פראַנקרייך נאָר אין דער גאַנצער וועלט. דאָס איז דאָס ערשטע ווערק, וואָס אַ נעגער שרייבט אין אַ אייראָפּעישער שפּראַך וועגן נעגרישן לעבן. חוץ דער גרויסער קונסט פונם אויטאָר, מיט וועלכער ער האָט געשילדערט דאָס סאָציאַלע לעבן ביז צו די קלענסטע פּרטים פון נעגרישן לעבן, גייט אין דעם ראָמאַן בולט אַדורך די גאַנצע שנאה פון די נעגערס צו זייערע קאָלאָניאַלע הערשער, וועלכע ווילן פון זיי פטור ווערן, נישט געקוקט אויף דער כלומשטער ציוויליזאַציע, וואָס די „פאַרכאַפּער" האָבן דאָרט אַריינגעפירט.

פאַר דעמדאָזיקן קינסטלערישן ווערק האָט רענע מאַראַן באַקומען דעם גאָנקור־פרייז און קומענדיק אין זיין היים קיין אַפריקע, האָט מען אים דאָרט אַרעסטירט און נישט געלאָזן אים פאָרן צוריק קיין פראַנקרייך.

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

ו. בלאַסקאָ איבאַניעס

דער פרויען גן=עדן

אוטאָפּיע=ראָמאַן — פון שפּאַניש: מאַרק ראַקאָווסקי

פּרייז 8.50

זינט די וועלט שטייט האָלטן פרויען אין איין שרייען, אַז די אַכזריות און די רשעות אויף דער גאָרער וועלט האָט מען צו פאַרדאַנקען די מענער. ווער איז שולדיק אין אַלע מלחמות, שחיטות און הריגות? — די מענער! וואָלטן פרויען אָנגעפירט מיט דער וועלט, וואָלט עס באַשטימט נישט געווען. וואָרום וועלכע מאַמע וואָלט געשיקט איר קינד אויף דער שחיטה.

און אָט, אין אַ לאַנד האָט זיך געפונען אַ גרויסע געלערנטע פרוי, וועלכע האָט דערפונדן אַ מין „שוואַרצע שטראַלן“ און אַ דאַנק דידאָזיקע שטראַלן האָבן אַלע פרויען געמאַכט אַן אויפשטאַנד און אַראָפּגעוואָרפן די מענערהערשאַפט, די מענער-טיראַניע. פרויען האָבן אין יענעם לאַנד זיך געשטעלט ביים רודער. דער פּרעזידענט פון דער מלוכה — אַ פרוי, מיניסטאָרן — פרויען. מענער האָבן דאָרט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ראָל, ערגער פון שקלאַפן.

אָבער וואָס איז געווען דער סוף מיט דעמדאָזיקן „פרויען גן-עדן“ און איז בכלל געווען אַ גדן-עדן פאַר פרויען? דאָס אַלץ קען מען נישט אַרויסשרייבן אין דעמדאָזיקן קליינעם אַנאָנס. מען דאַרף דאָס בוך לייענען.

הויפּט-פאַרקויף קאָאָפּעראַטיוו „ביכער“ נאַלעווקי 2A

ביבליאָטעק מארק ראַקאָווסקי

ס'איז דערשינען דער בעסטער היסטאָ-
רישער ראָמאַן פון דעם גרויסן פראַנ-
צויזישן שריפטשטעלער

גוסטאַוו פלאָבער

סאלאמבאָ איז א יום-טוב פאַר דער ליטעראַטור, אויף וועלכער מען זעצט עס איבער.

סאלאמבאָ דאָס געניאַלע ווערק, האָט אין זיך דעם כוח, וואָס אז מ'לייענט עס דורך, ווערט מען אָפּגעקילט צו א שונד בוך, מ'ווערט א מבין אויף דער שיינער ליטעראַטור.

סאלאמבאָ דאַרף ליגן אויפן טיש פון יעדן איינציקן יידישן לעזער. זאָל ער עס לעזן נישט איינמאָל, נאָר פינף מאָל, צען מאָל און תמיד וועט ער דאָרט געפינען נייעס וואָס ער האָט פריער נישט פאַרשטאַנען.

סאלאמבאָ נויטיקט זיך נישט אין מבינות און אין רעצענזיעס, ווייל טויזנטער שרייבער האבן דערפון געשריבן און פון סאלאמבאָ געצויגן זייער יניקה. ס'איז א כבוד פאַרן גרעסטן שרייבער, אויב מען פאַרגלייכט זיין סטיל צו פלאָבערס.

סאלאמבאָ איז דאָס העכסטע וואָרט פון קונסט און סטיל.

סאלאמבאָ איז נישט בלויז א געניאַל ווערק, נאָר אויך א קאָלאָסאַלע אַרבעט, ווי פלאָבער האָט באַוויזן, אַז א שרייבער פון היסטאָרישע ראָמאַנען דאַרף זיין באַהאַוונט אין אַלע צווייגן פון דער וויסנשאַפט, אַז מען דאַרף זיין א לינג-וויסט, א מאָלער, אַן אַרכיטעקטאָר, א געאָגראַף, א טעאָלאָג...

פון פראַנצויזיש
מאַרק ראַקאָווסקי

456 זייטן .... פרייז 10.—

צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

אויסצוגן פון עמיל זאָלאַס אַן אָפּהאַנדלונג איבער מאַדאַם באָוואַרי:

...דאָס דערשיינען פון מאַדאַם באָוואַרי איז געווען אַ גרויס געשעעניש. די פיגור פון מאַדאַם באָוואַרי, אַ טיפּ, וואָס פלאָבער האָט קאָפּירט און שטודירט, איז געוואָרן אַ וועלט טיפּ. ס'איז גענוג צו זאָגן: „דאָס איז אַ מאַדאַם באָוואַרי" און מען ווייסט שוין, וואָס עס באַדייט.

...דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס הגם מאַדאַם באָוואַרי איז אַזוי אינדיווידועל, שטעלט זי פאָרט מיט זיך פאָר אַן אַלגעמיינעם טיפּ. מען קען זי געפינען אומעטום: אין אַלע קלאַסן. אין אַלע קרייזן.

...מען מוז דאָס גאַנצע בוך לעזן, כדי צו באַקענען זיך מיטן פולסירנדיקן לעבן. דער קלענסטער פּרט האָט געוואַלטיקן אינטערעס; ווייל דאָס וואַרפט אַ ליכט אויף דער דראַמע פון אַלטעגלעכן לעבן. די שילדערונגען דרינגען אונדז אַריין טיף אין האַרצן, ווי אַ טעאַטער-שטיק, וואָס גייט פאַרביי אונדזערע אויגן. אין „מאַדאַם באָוואַרי" געפינען מיר זיך אין אונדזערע ספערן און די פערזאָנען זענען אונדז גוט באַקאַנט. דעריבער מאַכט אויף אונדז דאָס ווערק אַ גרויסן רושם.

גוסטאַוו פלאָבער

מאַדאַם באָוואַרי

פון פראַנצויזיש

מאַרק ראַקאָווסקי

הויפּט-פאַרקויף: קאָאָפּעראַטיוו „ביכער", נאַלעווקי 2a